Insurance so good, it's #forgettable

jnl INSURANCE
auto • home • business
845.782.3580
support@jnlinsurance.com

קרית יואל
# וואכנשריפט
KJ · WEEKLY

Vol. 12 • # 19 (548) Friday Jan 26, '24 • ב"ה • פרייטאג בשלח, ט"ז שבט תשפ"ד לפ"ק

INJURED?
Car Accident – Falldowns
Construction Accidents
Medical Malpractice
Product Liability – Personal Injury
Call Now:
718-400-9LAW(529)
שמואל נתנאל יאושעף
InjuryMaxx

קַדֵּשׁ אֶת שִׁמְךָ עַל מַקְדִּישֵׁי שְׁמֶךָ וְקַדֵּשׁ אֶת שִׁמְךָ בְּעוֹלָמֶךָ

קידוש השם עצום הילכט אפ מסוף העולם ועד סופו

# איסנאמליכער ערשטמאליגער היסטארישע "חלוקת ג' מיליאן" פארטיילט געווארן דורך קרן הצלה

פאר 207 מנהלי המוסדות עטה"ק בראשות בית דין צדק העדה החרדית שליט"א

היסטארישע חלוקת ג' מיליאן קומט פאר בעתו ובזמנו אין די קריטישע שווערע פינאנציעלע מצב בארץ ובגולה - מנהלים געבליבן געשטוינט עפענענדיג די ענוועלאופס און זען די אסטראנאמישע סכומים טשעקס, אזוינס וואס זייערע אויגן האבן נישט געגלויבט!

- לענגערע באריכט וועט אי"ה נאכפאלגן קומענדיגן וואך -

בית הוראה

## נייע חדר הוראה "חדר משה ארי" עפענט אירע טויערן אין בנין 'ביהמ"ד הגדול - בנין אליהו'

ערהאבענער מסיבת לחיים בראשות כבוד הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א אינאיינעם מיט חברי הנהלת הקהלה און חברי הנהלת בית הוראה

16

בָּחַרְתִּי בְעִיר מִכֹּל שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל לִבְנוֹת בַּיִת לִהְיוֹת שְׁמִי שָׁם

## פרייד און שפאַנונג אומעטום צו דראַמאַטישע פּאָרשריט ביי 100,000 סקווער-פיס ת"ת "בנין בראַך" אין סאַטמאַר'ס שטאָט "קרית יטב לב"

נייע "עמעראַלד ליווינג" דעוועלאפמענט, וועלכע מאכט טעגליכע פארשריט, וועט צוברענגען - אין די מוסדות דעם קאָלאָסאַלן צאָל פון העכער 1800 תלמידים ותלמידות בליעה"ר!

### דער בנין הת"ת מוז פאַרטיג ווערן, ווי אַ טאָג פריער!



28

## כ"ק אדמו"ר שליט"א איז מפאר בראש המסובים ביי מסיבת שבע ברכות בבית הרבני הנגיד מו"ה אברהם יודא גאָלדבערגער הי"ו



רבינו שליט"א דרוקט אויס הכרת הטוב פאר הערליכע צדקות פון חשובי'ן בעל שמחה שליט"א, זייענדיג אַ ריכטיגער הולך בדרכי אביו, הרבני החסיד המרומם מו"ה ישראל דוב שליט"א, נזר הבונים פון הייליגע מוסדות קרית יואל

על משמר החינוך:

## סטעיט גיט אריין ענדגילטיגע פאַפירן אין אַפּעלאַט געריכט אין פאַרזוך איבערצודרייען פערל"ס זיג צו באַשיצן דעם ערליכן חינוך

סטעיט ווייזט ווידער אָן אַז 'פעלדער' געזעץ האָט זיי אויטאָריזירט דורכצופירן די רעגולאַציעס אויפ'ן חינוך

קומענדיגער שטאַפּל: הירינג וועט פאָרקומען אין די וואָך פון פורים הבעל"ט; כלל ישראל איז מרבה בתפלה ותחנונים פאַר די הצלחה פון די געטרייע שומרי משמרת החינוך און פאַר די גענצליכע ביטול הגזירה

22

קרית יואל
חסד
ווינטער קאמפיין
"היטעט און געוועט און געוועט"
זייט 38
288-3880

'רעפערענדום צו גרינדן 'ווילעדזש אוו עטרת' אריבער כמעט אָן קעגנערשאפט ............ זייט 93
דעוועלאָפּערס אין קעטסקילס געבן אריין צווייטע דיסקרימינאַציע אָנקלאַגע קעגן פאַרעסטבורג ............ זייט 93
סטעיט נעמט שריט צו אַדרעסירן מאַנגל אין סקול באָס דרייווער ............ זייט 92

## בדרך הרלורה נלך



א דאבל דעקער באס אין הויף פון דער סאטמארער ת"ת איף קעזינאוו ראוד און א ווע אריי

44

## מיליאָנען גאַלאָנען וואַסער אנגעהויבן אַריינפליסן דעם היינטיגן דינסטאָג קיין קרית יואל דורך ריזיגן וואסער פייפליין פּראָיעקט

איינדרוקספולע באַגעגעניש צווישן הנהלת מוסדות קרית יואל מיט טאַון סופערוויזער פון ניו ווינדסאַר

25

ער איז געבוירן סוף דעצעמבער...
גייט ער נאך אויף 2023?
אונזער פארגרעסערטער שטאב שטייט גרייט מסדר צו זיין אלע אייער שטייערן אויפן ריכטיגע וועג, גריגג, שנעל און באקוועם.
מיט אונזער נייע חידוש'ליכע סיסטעם, וואס מ'האט נארוואס איבערגעארבעט און אהערגעשטעלט פונדאסניי, וועט איר קענען פיילן אויף א גאר גרינגע און געשמאקע פארנעם - א מחיה!
1040 Express
THE EXPRESSWAY FOR ALL YOUR TAX NEEDS
845.774.2615 EMAIL: MAIL@1040EXPRESS.NET ADDRESS: 4 LEIPNIK WAY UNITE 002 MAILING: PO BOX 1287 MONROE, NY 10949

בעזהי"ת

# קרן אלמנות ויתומים דארה"ב וקאנאדא

בשר ודגים - מדי יום ביומו - ומדי שבת בשבתו - ומועד במועדו

25 Ross St. Brooklyn NY 11249 718-782-5349 Fax 646-993-6741

**הרב אברהם לויפער שליט"א**
**אבד"ק דאראג**
**מייסד ומנהל**

**ברוקלין:**
וויליאמסבורג
בארא פארק
פלעטבוש - קענזיגטאן
קרוינהייטס
סיגעיט - בעי רידזש
בענסענהוירסט - מארין פארק
דזשארזש טאון - מיל בעיסען
**סטעטען איילענד - איסט סייד**

**קווינס:**
פלאשינג - קיו גארדענס
ריגא פארק

**פייוו טאונס:**
פאר ראקעוועי - לארענס
וואדמיר - סידערהוירסט

**אפסטעיט:**
קרית יואל
מאנסי - סקווירא
סאוט פאלסבורג
נייטרא - קאשוי

**ניו דזשערזי:**
לעיקוואד - דזשעקסאן
דזשערזי סיטי - יוניאן סיטי
פאסעיק - קליפטאן
עליזאבעט - דיעל
בערגענפיעלד - וויינלאנד

**פענסילווועניא:**
פילאדעלפיא - פיטסבורג

**קאנעטיקוט - טשיקאגא**
**קליוולאנד - באלטימאר**
**לאס אנדזשעלעס - דיטרויט**
**פלארידא - קאנאדא:**
מאנטריאל - טאהש - טאראנטא

יכולין לשלוח טשעק על שם
**CONG. OHEL TORAH**
**25 Ross St.**
**Brooklyn NY 11249**
**(TX. I.D. 11-305-0300)**
*
יכולים לקרוא 24 שעה
718-782-5349 #1
וליתן נדבתו ע"י קרעדיט קארד
*
יכולים ליתן ישר מבאנק
אקאונט שלו ע"י ACH.
נא לקרוא
718-782-5349 #2
*
ע"י Chase Quickpay
kerenalmones@gmail.com
718-809-5495
*
יכולין לסדר תשלומין על
האקאונט שלו בחנות של בשר
או של דגים, וכן ע"י O.J.C.
או Fidelity Charitable
The Donors Fund וכדומה
*
**לסדר מעמדות קבועים**
**מדי שבוע בשבוע**
**או חודש בחדשו - לקרוא**
**718-782-5349 #2**
**או לשלוח אימעיל**
**kerenalmones@gmail.com**
**בקרית יואל יכולים למסור**
**המעות להרב ר' יואל (בר"ב)**
**לויפער שליט"א**

**2,678**
**משפחות**
**5,636**
**ילדים בבית**

**חשבון הקרן**
נתייסד אייר תשע"ו עד חשון תשפ"ד
**$58,516,983.00**

**סניף קרית יואל**
**131 משפחות 252 ילדים בבית**

| תשפ"א | תשפ"ב | תשפ"ג | תשפ"ד עד ר"ח חשון |
|---|---|---|---|
| $1,015,733.00 | $1,336,889.00 | $1,733,335.00 | $312,712.00 |

**חשבון השנה**
חשון - טבת תשפ"ג $2,645,313.00
שבט - ניסן תשפ"ג $8,129,403.00
(עם הקמחא דפסחא)
אייר - תמוז תשפ"ג $3,627,315.00
אב - תשרי תשפ"ד $4,866,993.00
**ס"ה $19,269,024.00**

# הארציגע דאנק בריוו פון אלמנות שתחי'

**ניין און ניינציגסטער פארזעצונג**

### מכתב 0580 (Y01.059)

טייערע רבי אברהם לויפער שליט"א

איך וויל שרייבן א גרויסע ישר כח פאר די אלע שיינע זאכן, איר טוט א געוואלדיגע מצוה.

דער אייבערשטער זאל אייך בענטשן מיט כל טוב וטוב מיט אלעס גוטן.

כל טוב א געזונטן יום טוב מיט כל טוב.

מרת .....

### מכתב 0581 (Y02.096)

לכבוד הרב לויפער שליט"א

מיט ווארעמע וואונטשן פון דאנקבארקייט פארן צושטעלן צרכי החג אזוי ברייטהארציג, עס האט געשאפט א מנוחת הנפש און שמחת יו"ט וויסענדיג אז פיש און פלייש זענען אויסגעצאלט און מ'קען בלב שמח איינליידן געסט.

אפילו אינזין געהאט די לולב - אתרוג, אלע פרטים, הערליך צוגעשטעלט מיטן גאנצן הארץ, מיט אזוי פיל קאפ צוגעלייגט און אלעס מסדר געווען.

די רבש"ע זאל אייך בענטשן און צוריקצאלן ווי נאר ער קען.

יישר כח!

מרת .....

### מכתב 0582 (E02.080)

לכבוד: דער חשובער עסקן און גרויסע בעל צדקה, הרב אברהם לויפער

ויצאו בני ישראל ממצרים ברכוש גדול!!

זיכער! ביי אונזער פסח סדר פון תשפ"ג, זענען מיר אלע געזעצן און געגעסן אזוי ווי מלכות, אן קיין שום מאנגל אין עסן, און אין יעדע אידישע שטוב וואס ווערט ארויסגעהאלפן דורך די הייליגע "קרן אלמנות ויתומים", איז פאראן א שפע פון געשמאקע פלייש און פיש. דאס האט גאר שטארק באררייכט דעם טעם און די רוחניות פונעם יום טוב.

"כל דכפין --- כל דצריך" איז א ווארימע אויפנאמע וואס מיר רופן אויס פאר אלע נצרכים, אז זיי זאלן פייערן

אינאיינעם מיט אונז דעם הארציגן יום טוב פון יציאת מצרים. אויף דעם באדייטפולן אופן פילן מיר אן נישט נאר זייער ליידיגן מאגן, נאר מיר טוען אויך דערווארימען און באשיינען זייערע עלנדע הערצער און לעבנס. דורכדעם ווערט דעם קרן'ס אזוי-איבערגעגעבענע הארעוואניע פון צושטעלן פאר אלמנות ויתומים דעם יו"ט, א דאפעלטער חסד - ווייל עס דערגרייכט פיל ווייטער ווי די באטרעפענדע מקבלים.

עס איז זיכער אז אזא מורא'דיגע מצוה מאכט א שטורמישן רושם אויבן אין הימל, ווי דער אייבירשטער, אונזער זיסער טאטע, שעפט דעם שענסטן נחת און הנאה, אינאיינעם מיט די מלאכי רחמים.

אינעם געוואלדיגן זכות פון אלע אייערע מצוות ומעשים טובים לטובת די וואס ברויכן דערצו אנקומען, זאל אברהם בן העניא וזוגתו שרה בת מרים וכל משפחתם, געבענטשט ווערן מיט די רייכסטע ברכות פון באשעפער, פאר געזונט וכל טוב!!

מרת .....

### מכתב 0583 (E08.028)

לכבוד הרב לויפער, עמו"ש

איך מוז אייך לאזן וואוסן ווי טיף דער רב האט געטוישט מיין לעבן. דורך אייך איז מיר ערמעגליכט צו האבן ביי מיר אלע קינדער, אייניקלעך, און אור-אייניקלעך אויף שבת און יום טוב.

דעם רב'ס ברייטהארציגקייט האט ערלויבט אז אונזער שבת'דיגער טיש זאל איבערפליסן מיט א גרויסע שפע.

איך בין אזוי דאנקבאר, א גרויסן יישר כח!

זאל דער אייבירשטער בענטשן אייך און אייער משפחה הונדערט מאל אזויפיל, לעולם ועד.

בכבוד רב, משפחת .....

### מכתב 0584 (E03.071)

לכבוד הרב לויפער, עמו"ש

איך קען נישט שילדערן מיינע געפילן פון הכרת הטוב פאר אלעמען וואס איר טוט פאר מיר און מיין משפחה. ווען איך בין געווארן אן אלמנה (יעצט פסח גייט שוין ווערן דריי יאר) און איר האט מיך גערופן, האב איך איבערהויפט נישט געהאלטן ביים נעמען קיין שום זאך.

מיין מאן האט מיר איבערגעלאזט א הערליכע הויז, אבער עס איז זייער שווער דאס אויפצוהאלטן אן אים. איך האב אים אמאל געפרעגט "וואס דארף איך דעם הויז" אויב חס ושלום דו לאזט מיך איבער? האט ער געענטפערט "זאלסט הנאה האבן דערפון יעדן טאג". גלייבט מיר, אויב איך וואלט געהאט א ברירה אים צוריק צו באקומען און צו דארפן ארבייטן אלס א 'מעיד' וואלט איך עס אנגענומען אין איין סעקונדע.

יעדעס מאל וואס איר שיקט מיר נעמען מתפלל צו זיין, זאג איך תהלים מיט גרויס כוונה. איך דאנק אייך פארן זען זאכן וואס איך אליין האב נאך דעמאלטס נישט געזען. זאל אייך דער אייבירשטער בענטשן מיט אייער גאנצע משפחה מיט כל טוב.

חג כשר ושמח.

זאלט איר האבן אלע גוטע ברכות אויף אייביג.

מרת .....

### מכתב 0585 (E10.033)

הרב א. לויפער, נ"י

זייער א שיינעם דאנק פאר אייער כסדר'דיגע געטריישאפט צו אונז. מיין משפחה און איך אליין האבן ב"ה געהאט א גרויס פארגעניגן פון א העכסט געלונגענעם יום טוב, און אייער ברייטהארציגקייט האט געשפילט די גרעסטע ראלע דערין.

יעדע סעודה איז ב"ה געווען זייער בכבוד'יג און הערליך.

אזוי ווי איר האט דערפריידט אונזער הארץ זאל דער אייבירשטער דערפרייען אייער הארץ. זאל ער כביכול טון חסד מיט אייך אזוי ווי איר האט אזוי שיין געטוען חסד מיט אונז.

א געזונטן ווינטער, מרת .....

**מיר זוכן "גבאי צדקה"** (פאנדרעיזער)
**שיין באצאלט אויף די שעה** (נישט פראצענט)
**ביטע רופט:**
**718-782-5349 ex. 4**

| פרנס משפחה בשר ודגים | לשבוע | ניסן | תשרי | חנוכה פורים שבועות | ס"ה לשנה |
|---|---|---|---|---|---|
| משפחה ברוכי ילדים | $325 | $3,600 | $2,000 | 3x$500 | $24,000.00 |
| משפחה גדולה | $250 | $2,500 | $1,500 | 3x$360 | $18,000.00 |
| משפחה רגילה | $210 | $2,000 | $1,200 | 3x$300 | $15,000.00 |
| אלמנה עם 3 יתומים | $172 | $1,600 | $900 | 3x$250 | $12,800.00 |
| אלמנה עם 2 יתומים | $136 | $1,200 | $600 | 3x$200 | $9,600.00 |
| אלמנה ויתום | $100 | $1,000 | $450 | 3x$180 | $7,200.00 |

| פרנס אלמנה - יתום בשר ודגים | לשבוע | ניסן | תשרי | חנוכה פורים שבועות | ס"ה לשנה |
|---|---|---|---|---|---|
| אלמנה | $72 | $750 | $300 | 3x$150 | $5,200.00 |
| אלמנה רק לשבת ויו"ט | $40 | $750 | $300 | 3x$150 | $3,600.00 |
| יתום | $36 | $360 | $180 | 3x$72 | $2,600.00 |
| יתום רק לשבת ויו"ט | $20 | $360 | $180 | 3x$72 | $1,800.00 |
| ליום $1 / לשבת $3 | $9 | $240 | $120 | 3x$36 | $936.00 |

| פרנס לכל האלמנות |
|---|
| לשבת קודש ולכל השבוע $312,000.00 |
| פרנס השבת קודש $120,000.00 |
| פרנס היום $36,000.00 |




יא!
יודא'לע
וועט
אי"ה
אויך
שיינען
און
לייכטן!

פראפעסיאנאלע שטאב
פון מחנכים, מלמדים
פרטיים און ספעציעליסטן
שטייען גרייט צו:

- צוטרעפן דעם שורש פון אייער קינד'ס שוועריקייט
- צושטעלן די ריכטיגע הילף און פאסיגע פריוואטע מחנך מיוחד
- באגלייטן אייער קינד'ס פארשריט ביז ער וועט שיינען און לייכטן

נרו לאיר
יעדעס קינד קען שיינען!

845.
202.
2620

Evaluation | Tutoring | Guidance

דירעקטירט דורך:
הר"ר יואל גאנדל הי"ו

compass


When your business needs it
DONE
friedcomedia.com
845.774.7020
Info@businessexpressus.com
businessexpressus.com
BUSINESS EXPRESS
MESSENGER SERVICES
Whether it's delivering a simple document or distributing packages to dozens of clients at once, give us one call and we will handle everything so that you can get back to focusing on what matters.

Corporate · Individual · and More

# איז א OJC רעסיט גענוג?

דארף איך אויך א
באנק סטעיטמענט?



EXCLUSIVE




**פרישע נייעס:**

- אונזער ***פארגרעסערטער שטאב*** שטייט גרייט מסדר צו זיין אלע אייער שטייערן אויפן ריכטיגע וועג, ***גרינג, שנעל און באקוועם.***
- מיט אונזער ***נייע חידוש'ליכע סיסטעם,*** וואס מ'האט נארוואס איבערגעארבעט און אהערגעשטעלט פונדאסניי, וועט איר קענען פיילן אויף א גאר גרינגע און געשמאקע פארנעם - א מחיה!

ספעציעלע כולל דיסקאונט.

**845.774.2615**

New Address

WEBSITE: WWW.1040EXPRESS.NET
EMAIL: MAIL@1040EXPRESS.NET

ADDRESS: 4 LEIPNIK WAY UNITE 002, KIRYAS JOEL NY 10950
MAILING ADDRESS: PO BOX 1287 MONROE, NY 10949

1040 Express
THE EXPRESSWAY FOR ALL YOUR TAX NEEDS

dartmedia.us

בס"ד




PROFESSIONAL OFFICE SPACE

# FOR LEASE

# WE ARE OPEN!

**Elevate Your Business to the Next Level, Join the Professionals!**

מנין מנחה 3:00
2nd Fl. Lobby

**Affordable Prices**

**Last Few Big Suites Available**
Single Room Offices Starting at $675 *All Included*

**2 Stonegate Drive**
(Corner Route 208)
**South Blooming Grove, NY 10950**




Zoning Allows Manufacturing, Warehousing, & Distribution!

**Office Space Included! // The Building is Fully Fenced-In!**

Featuring Sprinklers // Three-Phase Power // Forced Air Heat
Natural Gas // Municipal Water & Sewer // AC in the Office!

Renovated in 2022!







INDUSTRIAL BUILDING

# FOR SALE

**$78 per sq ft**
A Rare Find in Orange County

**$2,925,000**

37,325 sq. ft. 1.8 Acres
14'-19.6' Ceiling Heights
5 Loading Docks & 2 Drive-Ins

BA Welcome

**35-41 Mechanic Street, Port Jervis, NY 12771**

MK REALTY COMMERCIAL

CONTACT OUR COMMERCIAL TEAM LEADER:

**Abraham Lowy**
845.782.0205 #2
sales@mkcommercials.com

SELL. BUY. RENT. LEASE
COMMERCIAL · RESIDENTIAL
Since 2011
ONE CALL DOES IT ALL


אונז זעמיר
קלוגער פון דעם.
אידישע קינדער האבן א גוטן שמעק, מיר זוכן רעזולטאטן
און ברייטע פרנסה מעגליכקייטן, ווי איידער שיינע טיטלן.
ALMOST FULL!
Finance and Accounting
CLASS FILLING UP
IT and Cyber Security
Viewpoint
ACADEMY
Call now to discover your qualifications
BROOKLYN LOCATION 718.766.7177
UPSTATE LOCATION 845.271.7177
WWW.VIEWPOINT.ME
FINANCE & ACCOUNTING | IT | SOFTWARE DEVELOPMENT | ARCHITECTURE & DESIGN | PHOTOGRAPHY | MOTION GRAPHICS | CYBER SECURITY | GRAPHICS BRANDING & MARKETING | ENGLISH & MATH | BASIC COMPUTER

בס"ד

A Special Gathering for Moms
of Precious Little Ones (Ages 0-5)



EVENT HOSTESSES

**Mrs. Yides Sternfeld**
15 years of experience teaching & guiding children and their families

**Mrs. Devoiry Ravitz**
Parent advocate at HCS

# LET'S CONNECT.
# LET'S THRIVE.
# LET'S REACH HIGH.

Delectable Dairy Buffet

WEDNESDAY
FEB 7th
8:00 PM

Join us for a heartwarming gathering to share experiences, build connections, and receive support from our knowledgeable staff on services and resources. Be part of a community where understanding grows, bonds strengthen, and support flourishes. Geared for mothers of babies and children with medical and developmental challenges.

TOTSTIME

A project of HCS

**RSVP by Mrs. D. Ravitz**-Parent Advocate **845-825-9083**




קאַסטום געשניצטע האלץ, רייכע
גאלדענע דעטאלן, אריינגעבויטע
שטענדער, פילע ספרים שענק,
אויסגעפלאנירט א יעדע דעטאל,
א וואַרימע אטמאספערע און
לויטערע ליפט.

פראַכט / מאַיעסטעטיש / עלעגאַנט

USEFUL CUSTOM CLOSETS

CALL FOR YOUR FREE CUSTOM CLOSET ESTIMATE
845.210.6610 \ sales@usefulny.com \ אבא בארלעוו

האנדעלט אייך
איין ביידע וועלטן!

BUILT-IN & BUILT-OUT DINING & SEFORIM ROOM · WARDROBE WALK-IN CLOSETS · MUD ROOM · PANTRY · OFFICE · PLAYROOM

joy2media.com



# אלעס אין שטיב



א בליק
שטיבל
שטיבל, דער מאגאזין וואס ברענגט צוזאם די גרעסטע פיגורן, אינהאלטסרייכע קאלומס, באלערנדע רובריקן; היימישע חסידישע תוכן וואך איין וואך אויס.
סובסקרייבט אייך פאר א וועכנטליכע הנאה
718-475-1170
Subscriptions@ahblick.org
Pentagon | 718.400.9035



שיעורי חינוך
בנים מאירים
באקומט א
קלארקייט
און
זיכערקייט
ביים ערציען אייערע קינדער
הערט די געוואלדיגע שיעורי חינוך פון
הרה"צ יאמפאלא רב שליט"א
רופט שוין זיך איינצושרייבן
845.327.2777
דרוקט #1 פון די מעין מעניו
צו הערן א שיעור הקדמה
ספעציעלע הנחה!
ביז חמשה עשר בשבט



מתנות וואס
רעדן ווערטער
שטיצט די
עניי כוללינו
און געווינט
rebmeir.org
718.215.1399
קויפט היינט אייער
אקשען טיקעטס
די ווענט
פארציילן
Address: 15 Garfield Rd #103 Phone: 845.774.7330
pivotgroup.nyc

בס"ד




Camp Levavi provides children and teens of all abilities with the mainstream camp experience-all while maintaining their skills. Separate tracks cater to children with a wide range of cognitive and physical abilities.

**To enroll, for further inquiries, or for more information regarding our program call now: 718.303.9141**

To request a staff application: please call 718 303 9141 ext 2402 or email jobs@camplevavi.org

A project of HCS


This Summer
You Will Fly High
CAMP LEVAVI,
FOR CHILDREN OF
ALL ABILITIES
HCS
camp
Levavi
מחנה לבבי
This summer, *all* your children will form everlasting friendships and enjoy the sort of camaraderie that only happens at camp!

# נייע חדר הוראה "חדר משה ארי" עפענט אירע טויערן אין בנין 'ביהמ"ד הגדול - בנין אליהו'

## היינטיגן דינסטאג לס' שם שם לו חק ומשפט (בשלח) צו באַדינען די אלפי באי ומתפללי בית הגדול אשר משם יוצאת תורה עבודה והוראה לכל בני העיר

### חדר הוראה "חדר משה ארי" ווערט גערופן על שמו פון הרה"ק מרן גאב"ד ירושלים זצוק"ל בעל עטרת יהושע

### ערהאבענער מסיבת לחיים בראשות כבוד הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א אינאיינעם מיט חברי הנהלת הקהלה און חברי הנהלת בית הוראה

קרית יואל. - אַלס נאָך אַ פּאָזיטיווע שטאַפּל אינערהאַלב די גאַלאָפּירנדע הרחבת גבולי הקדושה וואָס פונקציאָנירט בתוככי דעם בנין הגדול והקדוש, בית המדרש הגדול - בנין אליהו, אַדאַנק דעם גרויסן נייעם פארעסט פליגל, וואס האט צוגעברענגט א געוואלדיגע הרחבה צו פילפאכיג מרומם זיין און אויסברייטערן דאָס ביהמ"ד הגדול עשר מעלות רמות, איז אַצינד פולקאם פארענדיגט געווארן נאך א טייל פונעם מעכטיגן בנין, דאס איז דער נייער חדר הוראה, חדר משה ארי'.

אין די יעצטיגע טעג איז פראכטפול געעפענט געווארן דער נייער חדר הוראה אין בנין ביהמ"ד הגדול - בנין אליהו, וואס איז פולקאם איינגערישט געווארן מיט די נויטיגע איינריכטונגען, און איז שוין אריין אין דינסט צו די הנאה פון די שואלים, דורשי ומבקשי השם.

### ממנו יסד וממנו פנה; דער לשכת הוראה אין ביהמ"ד הגדול

ס'איז פאר אַלעמען שוין באַקאַנט שבחו ותהלתו פון דעם פּרעכטיגן כח הוראה אין די הייליגע שטאָט קרית יואל, וואָס טוט זיך נאָכאַנאַנד אויסברייטערן בכמות ובאיכות, אין שפּיץ פון דעם צענטראַלן 'לשכת בית הוראה' וואָס שטייט 24 שעה אין טאָג פּתוח לרווחה אין צענטער פון דער שטאָט, קעגן איבער דאָס בית המדרש הגדול אויף 6 גאַרפיעלד רד. צו ענטפערן שאלות פון אלפי תושבי העיר בכל מקצועות ההלכה, אַלעס דורך די חשוב'ע דיינים ומורי הוראה פון פה ק"ק קרית יואל, המאירים את העיר בתורה ובהוראה, וואָס כל העם ניצב עליהם מבוקר ועד הערב להורות הוראה לאלפי תושבי העיר.

אָבער דאָס אַלעס האָט זיך ווירקליך אָנגעהויבן בין כותלי ביהמ"ד, וואָס ס'קען דערויף מיט רעכט געזאָגט ווערן דער "ממנו תחלת הקדושה". זינט וואָס דער ביהמ"ד הגדול דינט שוין יארן לאנג אלץ דער הוראה צענטער פאר אלפי תושבי העיר, וואס האבן זיך די לעצטע צענדליגער יארן באנוצט מיט דעם הוראה שטיבל וואס איז סטאַנציאָנירט אויפ'ן מעריב זייט פון ביהמ"ד.

אויך נאָכדעם וואָס דער צענטראַלער לשכת בית הוראה האָט זיך אויסגעברייטערט און זיך אַריבערגעצויגן אין אַ באַזונדערע רחבות'דיגע לאָקאַל קעגן איבער דאָס ביהמ"ד הגדול, איבער אָבער "משנה ראשונה לא זזה ממקומה" און אויך דער "חדר הוראה" אין ביהמ"ד הגדול איז געבליבן אין באַנוץ, סיי אין די אינדערפרי שטונדן און דאָס זעלבע יעדן אויפדערנאכט, ווען עס קומען פילע אידן לשאול דבר ה' זו הלכה ביי הגאון הגדול, מעוז ומגדל, רבי יעקב יודא ברוין שליט"א, דומ"ץ ביהמ"ד בית מאיר דקהלתינו הק'.

גלייכצייטיג איז דער חדר הוראה אויך אין דינסט יעדן שב"ק יו"ט, ווען עס זיצט גרייט בעפאר די תפילות און נאך די תפילות דער חשוב'ער מו"ץ בקהלתינו הק', הרה"ג ר' יואל אלימלך כהנא שליט"א.

### הערליך איבערגעפרישט דער "חדר הוראה" לדון ולהורות

אין די לעצטערע חדשים זינט דער היכל ביהמ"ד הגדול איז דראסטיש פאַרגרעסערט געווארן, און דער אמאליגער חדר ניעדערמאן איז באַזייטיגט געוואָרן, איז אויסגעקומען אז דער אריינגאנג צום חדר הוראה איז געוואָרן גלייך פון דעם גרויסן היכל הביהמ"ד, וואָס האט אוועקגענומען די באקוועמליכקייט און פריוואטקייט פון די שואלים.

דעריבער האָט די הנהלת הקהלה, אינאיינעם מיט די הנהלת בית הוראה, אונטערגענומען די פרישע אונטערנעמונג, ווען ס'איז איינגערישט געווארן דער נייער פרעכטיגער חדר הוראה, לתועלת המתפללים והלומדים, וואס קומט באגלייט מיט פילע מעלות, איבערהויפּט אז דער חדר געפינט זיך אויף א פריוואטע ארט, און קומט מיט א הערליכער איינגערישטער ווארט-זאל.

דער נייער חדר הוראה איז נתנדב געוואָרן און איז נקרא על שמו פון האי גאון וצדיק נשגב, הרה"ק מרן גאב"ד ירושלים זצ"ל בעל עטרת יהושע, וואָס איז געוויס אַ כבוד פאַר'ן גאַנצן ביהמ"ד אַז שמו הק' איז נקרא על כותלי הבית הזה, זייענדיג זיכער זיין אַ מליץ יושר פאַר'ן חשוב'ן נדבן ויעמוד לזכותו ימים רבים.

### לדעת את המעשה אשר יעשון - וכח ההוראה הולך וגדול!

די פרישע אַנטוויקלונג באַדייט גאָר א פּאָזיטיווע בשורה טובה ומרנינה פאַר די גאַנצע שטאָט קרית יואל, וועלכע זענען אָנגעבינדן און אָנגעוויזן אין דעם אומפאַרגלייכבאַרן "כח ההוראה" המבצבץ ויוצא פון קהלתינו הקדושה וואו תושבי העיר קענען כהיום "אייביג" צוקומען צו אַ דיין וואָס פּסקנ'ט ערליך און אויסגעהאלטן, וואָס מ'קען זיין רואיג, סמוך ובטוח לבבם, אַז מ'ווייסט גענוי לדעת את המעשה אשר יעשון!

דאס איז אין צוגאב צו די צענטראלע 24 שעה 'בית הוראה ליין' וואס ווירבלט כסדר אויף א טעגליכע פארנעם מיט הונדערטער שואלים וועלכע ווערן געענטפערט אין א רעקארד שנעלע צייט, א געוואלדיגער פראיעקט וואס ווערט באנוצט דורך די גאנצע שטאט און ווערט באוואונדערט דורך פילע קהילות פון דאהי און פון אנדערע שטעט.

ס'שפירט זיך ביי אַלעמען די געפילן פון הכרת הטוב, צו די געטרייע הנהלת הקהלה, וועלכע ריען נישט קיין מינוט ווען עס קומט צו די פולזייטיגע פעולות חובקות להרים קרן הקהלה אין אַלע אַספּעקטן, ווען בכל צעד ובכל שעל טוט מען פאַרברייטערן, מרחיב זיין, פאַרשטאַרקן, אינערליך, פונדאַמענטאַל, פאַרשענערן די סערוויסעס, ברוחניות ובגשמיות, און אָפּגערעדט בויען און מרחיב זיין די גבולי הקדושה ביתר שאת וביתר עז, ופרצת ימה וקדמה צפונה ונגבה אין אונזער הייליגע שטאָט, יפה נוף משוש כל הארץ, עיר עוז לנו קרתא דשופריא קרית יואל רבתי עם, לשם ולתפארת ולתהלה.

**ושפטו את העם בכל עת!**

קה'ל'ס בלעטל
קהל יטב לב סאטמאר קרית יואל
845-783-5688
#17
לאזט א קלארן מעסעדזש מיט אלע אינפאו
אדער שיקט א אימעיל מיט די אינפאו צו:
Bletel@cylkj.org

"קהל'ס בלעטל"
וועט בעז"ה
גיין אין דריק
'היינט' דאנערשטאג
8:00 אזייגער ביינאכט
בעלי שמחה און אדווערטייזער:
מאכט זיכער אריינצורופן ביז
היינט 7:00 אזייגער ביינאכט

CONG. YETEV LEV
SATMAR
KIRYAS JOEL
5 Garfiled Road, Monroe, NY 10950 • T. 845.783.5688 F. 845.783.5699

קהל
יטב לב
סאטמאר
קרית יואל

קהל יטב לב
סאטמאר
קרית יואל
נתייסדה ע"י מרן רבינו הקוה"ט ז"ע • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בס"ד

# זמני התפלה לשבת קודש

## בבית המדרש הגדול

**בראשות הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א**

## שב"ק בשלח - שירה

## מנחה וקבלת שבת

## 45 מינוט אחר זמן הדלה"נ

התאספות רבתי בליל שב"ק בשעה 10:00 בבידהמ"ד הגדול

## שחרית

## 9:30 ברכות - הודו 9:45

## מנחה ורעוא דרעוין

## 45 מינוט אחר זמן הדלה"נ

באסעס נאך שלש סעודות וועלן פארן פון שער אינזליכט צו שכונות ברך משה, ויואל משה, עצי תמרים

שבת שלום ומבורך

**הנהלת הקהלה**

# כ"ק אדמו"ר שליט"א איז מפאר בראש המסובים ביי מסיבת שבע ברכות בבית הרבני הנגיד מו"ה אברהם יודא גאָלדבערגער הי"ו

**רבינו שליט"א דרוקט אויס הכרת הטוב פאר הערליכע צדקות פון חשוב'ן בעל שמחה שליט"א, זייענדיג אַ ריכטיגער הולך בדרכי אביו, הרבני החסיד המרומם מו"ה ישראל דוב שליט"א, נזר הבונים פון הייליגע מוסדות קרית יואל**

דעם פאַרלאָפענעם מיטוואך נאכט העעל"ט האָט מען געהאַט די זכי' צו מקבל זיין פני כ"ק מרן רבינו שליט"א, וועלכער איז אָנגעקומען קיין קרית יואל אויף אַ קורצן באַזוך, צו פערזענליך באַשיינען די פייערליכע שמחת השבע ברכות לכבודו פון הרבני הנגיד ר' אברהם יודא גאלדבערגער הי"ו מגדולי תומכי קהלתינו ומוסדותינו הק' לרגל נשואי בתו עב"ג החתן בן הרה"ח ר' לוי יצחק ריבא הי"ו.

שוין לאַנגע יאָרן וואָס דער חשוב'ער מחותן שליט"א איז נודע בצדקת פזרונו, מיט זיינע וואונדערליכע פעולות גמילת חסדים וצדקות, בכל עת ועונה, זייענדיג דער 'ברא כרעא דאבוה' אביו הרבני החסיד המפורסם רבי ישראל דוב שליט"א, בונה ומקים פון די מעכטיגע "בנין גאָלדבערגער" פעסטונגען פאר די מוסדות הק' אין קרית יואל.

איבערהויפט האָט ר' אברהם יודא שליט"א איבערראַשט די פילאַנטראָפּישע וועלט מיט זיין הערליכע שריט, ווען ער האָט אַרויסגעשיקט הערליכע תמיכות פאר אַלע מרביצי תורה איבערהאַלב די הייליגע מוסדות, שטייענדיג ערב די חתונה פון זיין טאָכטער, וואָס איז







געוויס די גרעסטע זכות וצדקתו עומדת לעד.

אַצינד, ווען ס'איז געפּראַוועט געוואָרן די שמחת שבע ברכות אין ביהמ"ד המפואר 'תפלה למשה', איז דער רבי שליט"א ספּעציעל געקומען צופאָרן להביע רננות בעד מפעליו הנשגבים און באַשיינען בראש השמחה לאות הכרת הטוב.

ווען דער רבי שליט"א איז ערשינען במלוא הדרו האָט דער יו"ר, הר"ר אברהם מאיר מיללער הי"ו באַגריסט מיט פּאסיגע ווערטער דעם רבי'ן שליט"א בשם די גאנצע קהלה, אַרויסברענגענדיג די זכי' וואס צדיק זה בא לבית מלוני אז דער רבי שליט"א שטאט אפּ א באזוך בין כותלי בית המדרש.

עס האָט זיך אויפ'ן אָרט פאַרצויגן אַ שיינע שמועס מיט'ן רב הביהמ"ד הגה"צ ר' שלום ראטענבערג שליט"א און די אַרומיגע מחותנים.

דאַן האָט מען געהאַט די זכי' אַז כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א האָט משמיע קורצע ברכת קודש, דער רבי האט ארויסגעברענגט בשבח פונעם רב הביהמ"ד און בשבח הביהמ"ד וואס איז מיוסד אויף תורה עבודה וגמילות חסדים. באַזונדער האָט רבינו שליט"א דערמאַנט די זכיה פונעם נדבן ופטרון הביהמ"ד ר' אברהם יודא הי"ו וואס שטייט שטענדיג לימין קהלתינו ומוסדותינו הק', ובפרט מיטן יעצטיגן תמיכה לרגל די שמחה פאר אלע מרביצי תורה פון מוסדותינו הק'.

בתוך דברותיו בקודש האָט דער רבי שליט"א באַטאָנט אַז 'מעשה אבות סימן לבנים' אַז אָט די גרויסע פעולות צדקה וחסד קומט דורכ'ן זכות פון זיין חשוב'ער טאַטע, בונה ומקים עולמות של תורה ר' ישראל דוב הי"ו, וועלכער האָט שוין די זכי' פאר לאנגע יארן צו שטיין צו הילף למען החזקת קהלתינו ומוסדותינו הק' מאז ומקדם. דער רבי האט אויסגעפירט מיט ברכות לרוב פאר ר' אברהם יודא הי"ו און די בני המשפחה.

דער רבי האט געטרינקען לחיים און מאציל געווען ברכת קדשו. נאָכ'ן בענטשן און זאָגן 'שבע ברכות' האָט דער רבי זיך אויפגעשטעלט אין א ריקוד מיט'ן חתן, מחותנים און די זיידעס און אין אן עקסטערן ריקוד מיט'ן חשוב'ער זיידע הרה"ח ר' ישראל דוב גאלדבערגער הי"ו.

דערנאך האט ר' אברהם יודא הי"ו ארומגעוויזן דעם רבי'ן דעם הערליכן בנין ביהמ"ד. דער רבי איז ארומגעגאנגען אויף אלע שטאקן פונעם ביהמ"ד און אין די פראכטפולע היכל התורה און די מקוה, און אויסגעדריקט התפעלות פון אזא הערליכע מקום תורה ותפלה וואָס איז אַ פראַכט פאר דער גאַנצער שטאט.

**ויתן לך את ברכת אברהם - וזאת ליהודה!**

# רבי מכבד עשירים

## דברות קודש שהשמיע כ"ק מרן רבינו שליט"א

**ביים מעמד שבע ברכות ע"י קהל 'תפלה למשה' קרית יואל - בשבח הרבני הנכבד, הנדיב הדגול, שר הצדקות והחסדים רבי אברהם יודא גאלדבערגער הי"ו ההולך בדרכי אבות אביו הרבני החסיד הנדיב רבי ישראל גאלדבערגער הי"ו בונה ומקים עולמות של תורה**

לחיים, לחיים טובים ולשלום

מ'קוקט זיך אום מ'זעהט אזא ביהמ"ד, אזא כלילת יופי.

מ'זעהט די וואכעדיגע סדרה 'דבר נא באזני העם וישאלו איש מאת רעהו' - דער אייבערשטער האט געזאגט 'דבר נא' בלשון בקשה, אז זיי זאלן נעמען דעם רכוש מצרים, שלא יאמר אותו צדיק ועבדום ועינו אותם קיים בהם, ואחרי כן יצאו ברכוש גדול לא קיים בהם.

לכאורה אז מ'טראכט אריין, די אידן זענען ארויס געגאנגען פון מצרים, און זענען געגאנגען אין מדבר אריין, האבן זיי דארט געהאט אלעס, די מן, די מי באר, די קליידער זענען מיטגעוואקסן, צו וואס האט מען געדארפט די גאנצע געלט, די רכוש מצרים?

איין זאך איז געווען 'ויקחו לי תרומה מאת כל איש אשר ידבנו לבו תקחו את תרומתי' וגו' 'ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם!' די גאנצע רכוש מצרים איז נאר געווען פאר דעמאלט ווען מען האט אויפגעבויעט די משכן.

דער אייבערשטער האט דא געוויזן אז דער גאנצער תכלית פון א איד איז נאר אנצוקומען צום 'ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם'.

בתוכו לא נאמר אלא בתוכם - בתוך של כל אחד ואחד. מיט דעם וואס מען בויעט אויף א ביהמ"ד וואו מ'איז עוסק בתורה ובתפלה, ברענגט מען אראפ השראת השכינה אין ביהמ"ד און אין זיך אליינס.

'איש ואשה שזכו שכינה שרויה ביניהם' - דורך דעם קדושת ביהמ"ד וואו מען קומט און מ'איז עוסק בתורה, נעמט מען מיט זיך מיט אז ס'זאל קענען זיין ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, יעדער איינער בתוכם, און איש ואשה זאלן קענען זוכה זיין אז ס'זאל זיין שכינה שרויה ביניהם.

**ב"ה מ'זעהט אז מ'האט דא טאקע אוועק געשטעלט א ביהמ"ד בהוד והדר. מ'האט אריינגענומען אין די שמחה די לומדי תורה; די מלמדים, און די אלע וואס זענען עוסק מיט תינוקת של בית רבן. מ'ווייזט ארויס די חשיבות.**

אין מדרש שטייט מה נעשה בנותר, האט דער אייבערשטער געזאגט מ'זאל מאכן א משכן לעדות. זאגט אויף דעם דער רבי זי"ע, אז כדי ס'זאל קענען זיין השראת השכינה אין משכן, האט מען געמוזט אויפשטעלן א מקום וואו מ'זאל עוסק זיין בתורה, מ'האט אויפגעשטעלט תינוקת של בית רבן, און דארט ווי עס לערנען תשב"ר איז דא א השראת השכינה, און אזוי האט מען געקענט אראפברענגן און האבן די השראת השכינה אין משכן.

ב"ה מ'האט די זכי' אז מ'מאכט חתונה און מ'איז משמח די לומדי תורה, דער אייבערשטער זאגט "אם אתה משמח את שלי אני משמח את שלך".

דער אייבערשטער זאל טאקע העלפן, דער בעל שמחה זאל זוכה זיין, אזוי ווי ער האט זוכה געווען צו די שמחה, זאל ער טאקע זען שמחה ונחת ביי אלע קינדער און אייניקלעך, ערליכע אידישע דורות, ער זאל זוכה זיין צום 'ושכנתי בתוכם'.

**אוודאי דארף מען דערמאנען רבי ישראל שליט"א, אלעס קומט פון 'בנין אב', וואס רבי ישראל האט איינגעבאקן אין די קינדער, די כח פון זיך אוועקגעבן פאר די מוסדות התורה איבעראל. דער אייבערשטער זאל טאקע העלפן די זכות זאל באשטיין ער זאל האבן אריכות ימים, ער מיט די בני בית זאל זעען אסאך נחת ביי אלע קינדער, אייניקלעך און אור אייניקלעך.**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז אלע אידן זאלן זוכה זיין בקרוב, טאקע אין זכות פון מצות שמחת חתן וכלה, צום 'עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים, קול ששון וקול שמחה, קול חתן וקול כלה, בביאת גוא"צ בב"א.


פון המספיק
ביז פרעסטוויק
געספאנסערט ביי
פיקס קוויק
QUICK FIX
Appliance repair
845-206-9733
קרית יואל
חסד
ווינטער קאָמפּיין
'היטשט' און 'געווינט' 845.288.3880

# טראנספארטאַציע

# אמירת תהלים

## ערש״ק פר׳ בשלח - באשמורת הבוקר

עס וועט זיין צוגעשטעלט

טראנספארטאציע צום מעמד

"אמירת כל ספר תהלים"

## בשעה 5:15

**אויף די פאלגענדע באס רוט**

בידהמ״ד בית יקותיאל, אוסטראה פארקוועי, דינוב, בעיקערטאון,

מירון, ישראל זופניק, בידהמ״ד ישמח משה עיקערס, מאונטען, חברון,

בידהמ״ד בית כהנא, צפת, ניקלשבורג, ד.א. ווידער, קאזניץ, פארעסט

קהל יטב לב סאטמאר

קרית יואל

"אמירת כל ספר תהלים"

## בשעה 5:45

בראשות הגה״צ אב״ד ור״מ שליט״א

בהיכל בידהמ״ד הגדול

CONG. YETEV LEV
SATMAR
KIRYAS JOEL

קהל יטב לב
סאטמאר
קרית יואל

5 Garfiled Road, Monroe, NY 10950 • T. 845.783.5688 F. 845.783.5699

נתייסדה ע"י מרן רבינו הקוה"ט זי"ע • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בית המדרש הגדול | ביהמ"ד בית כהנא | בית המדרש ישמח משה | ביהמ"ד בית מרדכי לייב | ביהמ"ד בית יקותיאל | ביהמ"ד בית יעקב נחמי' | בית המדרש בית מאיר | בית המדרש בית יעקב | בית המדרש טיב לבב | ביהמ"ד מעריוואלד ס. | ביהמ"ד ווינטשעסטער | ביהמ"ד החדש איילענד וויא

בס"ד

# ויצעקו בני ישראל אל ה'!

בעמדינו באמצע ימי השובבי"ם, אשר הקריאה מעורר הזמן, לראות בישועתן של ישראל, כימי צאתנו ממצרים, חובה עלינו להתחזק באומנת אבותינו בידינו, להרבות בתפלה ובתחנונים, ובפרט בזמן שעת צרה ליעקב בארץ ובגולה, ואין לך יום שאין וכו', הן ברוחניות והן בגשמיות, אשר עינינו נשואות לשמים, ומצפים לישועות ורפואות, וצרכי עמך ישראל מרובים

**ע"כ נתאסף ביחד להקהל ולעמוד על נפשינו ונפש עוללינו בתפלה ותחנונים**

# לתפלת הרבים ברוב עם

והן קל כביר לא ימאס תפלת רבים

# אמירת תהלים

## מרישא ועד גמירא ברוב עם הדרת מלך

בראשות כבוד הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א

## ביום ער"ש בשלח-שירה

## בשעה 5:45 בבוקר

## בהיכל ביהמ"ד הגדול

כבוד הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א
ישמיע דברי כיבושין והתעוררות
קודם התחלת אמירת תהלים

**וקרוב ה' לכל קוראיו לכל אשר יקראוהו באמת, אימתי עת רצון בשעה שהציבור מתפללין, ויעלה תחנונינו ויבוא שועתינו מבקר, לפני מלך שומה תפלה, להתברך בכל משאלות לבבינו לטובה ולברכה, עדי נזכה שע"י אמירת תהלים תתעורר חבצלת השרון, הוד והדר בבית אלקינו במהרה בימינו, בביאת בן דוד גואלינו, אמן.**

## קום קרא אל אלקיך!

בכבוד רב
**הנהלת הקהלה**

על משמר החינוך:

# סטעיט גיט אריין ענדגילטיגע פּאַפּירן אין אַפּעלאַט געריכט אין פאַרזוך איבערצודרייען פּערל״ס זיג צו באַשיצן דעם ערליכן חינוך

## סטעיט ווייזט ווידער אָן אַז ׳פעלדער׳ געזעץ האָט זיי אויטאָריזירט דורכצופירן די רעגולאַציעס אויפ׳ן חינוך

קומעדיגער שטאַפּל:

## הירינג וועט פאָרקומען אין די וואָך פון פורים הבעל״ט; כלל ישראל איז מרבה בתפלה ותחנונים פאַר די הצלחה פון די געטרייע שומרי משמרת החינוך און פאַר די גענצליכע ביטול הגזירה

אָלבאַני. - די ניו יאָרק סטעיט עדיוקעישאָן דעפּאַרטמענט האָט די וואָך אַריינגעגעבן זייער צווייטע רונדע פּאַפּירן צו די סטעיט׳ס אַפּעלאַט דיוויזיע אין זייער פאַרזוך איבערצוקערן דעם גונסטיגן אורטייל וואָס פּערל״ס האָט געווינען דעם פאַרלאָפענעם ערב ראש חודש ניסן אָפּצושאַפן אַ טייל פון די גזירת החינוך רעגולאַציעס. איצט וואַרט מען אַז אַ פּאַנעל פון אַרום פינף ריכטער זאָלן אָפּהאַלטן אַ הירינג אויף די קעיס, וואָס איז באַשטימט פאַר די וואָך פון פורים הבעל״ט.

ווי באַוויסט און שוין ברייט באַריכטעט האָט די חשוב׳ע אָרגאַניזאַציע פּערל״ס - וועלכע איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן לעמוד על המשמר, צו קעמפן פאַר׳ן ערליכן חינוך כפי המסורה לנו אין ניו יאָרק, און אָפּצושלאָגן די גזירות אויפ׳ן חינוך - פאַראַיאָר ערב סוכות אַריינגעטראָגן אַן אָנקלאַגע קעגן די סטעיט׳ס נייע רעגולאַציע׳ס אויפ׳ן חינוך אין אָלבאַני סטעיט סופרים קאָורט. די קעיס איז אָנגעקומען צו ריכטערין קריסטינאַ ריבאַ, די זעלבע וועלכע האָט מיט עטליכע יאָר צוריק געאורטיילט לטובת די פּערל״ס קעיס קעגן די סטעיט׳ס ערשטע גיידליינס קעגן די חינוך וועלכע האָבן פאַרלאַנגט צענדליגער שעות לימודי חול, און זי האָט אַרויסגעשליידערט די גיידליינס.

בעת די ריכטערין האָט צום באַדויערן נישט געוואָלט אַרויסוואַרפן דעם טייל פון די רעגולאַציעס וואָס באַאויפטראַגט די SED און די לאָקאַלע סקול דיסטריקטס צו אינספּעקטירן פּריוואַטע שולעס, האָט זי ב״ה אָנגענומען אַ טייל פון די פּערל״ס טענות אַז די סטעיט האָט נישט קיין אויטאָריטעט אויף פּריוואַטע שולעס. זי האָט דעריבער געאורטיילט אַז ווען אַ שולע קומט נישט נאָך זייערע פאָרשריפטן, האָט נישט די ניו יאָרק סטעיט עדיוקעישאָן דעפּאַרטמענט די אויטאָריטעט צו הייסן אַרויסנעמען די קינדער פון די שולע. מערסטנס - האָט ריכטערין ריבאַ געאורטיילט - קענען זיי פאַרלאַנגען פון עלטערן צו ווייזן וואו די קינדער באַקומען די נויטיגע עדיוקעישאָן, וואָס קען צוגעשטעלט ווערן פון עטליכע פלעצער קאָמבינירט, אַריינגערעכנט פון זייער היים אָדער דורך אַנדערע אופנים.

דער אורטייל האָט שטאַרק אָפּגעשוואַכט די סטעיט׳ס כח צו

# לייט אַרטיקל אין ׳דעילי ניוס׳: דער ערליכער חינוך איז אַ געפאַר פאַר דעמאָקראַטיע

### אַרטיקל אַטאַקירט פּערל״ס, דעם געטרייען אַדוואָקאַט ר׳ אבי שיק, הרב ר׳ אהרן טווערסקי, פאַר באַשולדיגן SED אין דיסקרימינאַציע קעגן ישיבות; באַשולדיגט מוסדות און עלטערן אין באַגרעניצן די קינדער; קייעט איבער די לעכערליכע טענה אַז די ערליכע ישיבות זענען אַ געפאַר צו דעמאָקראַטיע ווייל דער חינוך צילט צו קאָנטראָלירן פאַר ווען דער ציבור שטימט

די וואָך האָט די ׳דעילי ניוס׳ געהאַט אַ לייט אַרטיקל פון אַ פּראָפעסאָר מייקעל רעבעל, וועלכע האָט אַראָפּגעריסן די געטרייע אָרגאַניזאַציע וועלכע פירט דעם קאַמף צו באַשיצן דעם ערליכן חינוך, פּערל״ס, איר געטרייער הויפּט אַדוואָקאָט ר׳ אַבי שיק הי״ו, און דר. הרב אהרן טווערסקי הי״ו, פאַר זייער באַשולדיגן די סטעיט עדיוקעישאָן דעפּאַרטמענט אין דיסקרימינירן קעגן ישיבות, מיט פאַרלאַנגען אַז ישיבות דאַרפן לערנען מער אין די ענגלישע שפּראַך ווי פּובליק סקולס.

ווי באַריכטעט אין ׳וואכנשריפט׳ אין די פאַרלאָפענע חדשים, האָט פּערל״ס אָנגעוויזן אין געריכט און אין די מידיאַ אַז בעת די ניו יאָרק סטעיט רעגולאַציעס לויטען אַז פּריוואַטע שולעס - אַריינגערעכנט ישיבות - מוזן לערנען די הויפּט סאָבדזשעקטס דוקא אין די ענגלישע שפּראַך, זענען אין פּובליק שולעס פאַרהאַן ׳דאָפּלטע שפּראַך׳ פּראָגראַמען, ווי קינדער וואָס ווילן זיך לערנען פרעמדע שפּראַכן לערנען פון האַלב ביז רוב פון די אַלגעמיינע סאָבדזשעקטס אין פרעמדע שפּראַכן, אַ שטייגער ווי פראַנצויזיש.

אַן אַסיסטענט קאָמישאָנער פון די סטעיט עדיוקעישאָן דעפּאַרטמענט האָט אַנערקענט אַז די סטעיט האָט דאָפּלטע סטאַנדאַרטן פאַר פּריוואַטע שולעס קעגן פּובליק סקולס, און אַז דאָס טוט אים וויי. ״די פּראָוויזיע אויף דאַרפן לערנען די עיקר סאָבדזשעקטס אין ענגליש טוט מיר עכט וויי... דאָס איז איין אונטערשיד צווישן די סאָבסטענשעל עקוויוועלענס רעגולאַציעס (פאַר פּריוואַטע סקולס ווי ישיבות) און וואָס פּאַסירט אין די דיסטריקט (פּובליק) שולעס...,״ האָט ער געזאָגט.

בעת די סטעיט סופרים קאָורט ריכטערין האָט דערווייל נישט געאורטיילט אויף די און ענליכע טענות, זאָגנדיג אַז אַזעלכע סאָרט דיסקרימינאַציע טענות זענען פריצייטיג צו ברענגען, בעפאָר די סטעיט נעמט למעשה שריט דערוועגן, האָט פּערל״ס געאַרבעט אויפצושפּילן די טענות אין די פּרעסע.

אַלס טייל פון די קאַמפּיין האָט הרב אהרן טווערסקי הי״ו, אַ חשוב׳ער חסידישער איד וועלכער האָט פאַר לאַנגע יאָרן געדינט אין פּרעסטיזשפולע פּאָזיציעס אַלס געזעץ פּראָפעסאָר, פּובליצירט אַ לייט-אַרטיקל אין די ׳סיטי זשורנאַל׳ געטאַדעלט די סטעיט פאַר די דאָפּלטע סטאַנדאַרטן.

די ניו יאָרק פּאָוסט האָט געדעקט די טעמע, און האָט ציטירט הרב טווערסקי׳ן אַז: ״עס פּאַסירט דיסקרימינאַציע. איך ווייס נישט צו אויסגערעכנטערהייט, אָבער דאָס איז דער רעזולטאַט פון די פּאַליסי.״

די פּאָוסט האָט אויך ציטירט דעם געטרייען אַדוואָקאַט פאַר די ישיבות, ר׳ אבי שיק, אַז: ״סטעיט אָפיציעלן האָבן פרעך פאַרפירט דעם געריכט איבער וואָס זיי טוען. וואָס זיי האָבן געמוטיגט אין די פּובליק שולעס, ווערט פאַרבאָטן אין פּריוואַטע שולעס.״

אָט די פּובליסיטי אַרום די דיסקרימינירנדע רעגולאַציעס האָבן קענטליך געשלאָגן אין אַ האַקעלן פּונקט, ביי די סטעיט

פאָרסירן די גזירה, און האָט געברענגט אַ שטאַרק פאַרלייכטערונג ביי די מוסדות התורה און דעם גאַנצן ציבור צו קענען בעז"ה באַקעמפן די גזירה פון אַ פיל שטערקערע און פעסטערע פאָזיציע.

אָנפאַנג היי-יאָר האָט די סטעיט זיך געוואָנדן צום אַפּעלאַט געריכט'ס דריטע דיוויזיע, וועלכע האָט די יוריסדיקציע אויף אָלבאַני און אַרומיגע קאַונטיס, צו איבערדרייען דעם אורטייל.

ווי באַריכטעט האָט פּערל"ס מיט אַרום אַ חודש צוריק געענטפערט אויף די סטעיט פּאַפּירן און פאַרלאַנגט אַז די אַפּעלאַט געריכט זאָל לאָזן אין קראַפט דעם נידריגערן געריכט אורטייל אַז די SED האָט נישט קיין רעכט אַרויסצונעמען קינדער פון סקולס וואָס ווערן באַצייכנט אַלס נישט-עקוויוועלענט.

דעם מאָנטאָג - נאָך וואָס די סטעיט האָט פאַרלאַנגט צוויי מאָל צען טעג פאַרלענגערונגען, און אַ פאַרזוך צו געווינען מער צייט צו קענען ענטפערן אויף די שטאַרקע אַרגומענטן דורך פּערל"ס - האָט די סטעיט אַריינגעגעבן זייער אַנטוואָרט אויף די פּערל"ס קאָנטער-אַרגומענטן.

די סטעיט זוכט אַז די אַפּעלאַט געריכט זאָל זיי ערלויבן צו הייסן עלטערן אַז זיי מוזן אַרויסנעמען די קינדער פון שולעס וואָס ווערן געטראָפן צו זיין נישט-עקוויוועלענט. דאָס דראָעט ח"ו צו פילפאַכיג מער אויסשטעלן עלטערן צו געלט און קרימינאַלע שטראָפן - אַריינגערעכנט תפיסה - אויב זיי איגאָנרירן אַ פאַראָרדענונג אַרויסצונעמען די קינדער פון אַ מוסד וואָס די סטעיט באַצייכנט נישט עקוויוועלענט, און זיי אַריינשטעלן אין אַ באַשטעטיגטע שולע אָדער זיי איינצושרייבן אין האָומסקולינג - וואָס דאָס פאַרלאַנגט אויך אויפצואווייזן קלאָר אַז זיי לערנען אַלע פאַרלאַנגטע סאָבדזשעקטס, וויפיל זיי לערנען דערפון און נאָך.

אויך וויל די סטעיט אַז דער געריכט זאָל אורטיילן אַז קינדער מוזן באַקומען זייער גאַנצע געזעץ-פאַרלאַנגטע עדיוקעישאָן אויף איין אָרט - דורך האָומסקולינג אָדער אין אַ שולע. דאָס וועט מאַכן פיל לייכטער פאַר די סטעיט צו פאָרסירן די רעגולאַציעס, און עלטערן וועלן נישט קענען זאָגן אַז זיי לערנען צו מיט קינדער וואָס עס ווערט נישט צוגעשטעלט אין שולע.

כדי אָפּצושלאָגן די טענה פון פּערל"ס אַז די SED האָט נישט געהאַט די רעכט דורכצופירן די נייע רעגולאַציעס אָן קיין באַפולמעכטיגונג דערצו פון די סטעיט לעגיסלאַטור, האָט די SED אָנגעוויזן אויף די פעלדער געזעץ. "דער פעלדער אַמענדמענט - דורכגעפירט אין **2018** (פסח תשע"ח) - האָט קלאָר אויטאָריזירט די קאָמישאָנער דורכצופירן די סאָבסטענשעל עקוויוועלענסי איבערזיכטן און באַשטימען אויב נישט-פובליק עלעמענטערי און צווייטע-שטאַפּל שולעס (היי סקול) קומען נאָך די אַקאַדאַמישע פאָרשריפטן אין דעם געזעץ."

> On the third *Boreali* factor, petitioners argue that the Legislature's failed attempts to amend the Compulsory Education Law preclude SED
>
> 26
>
> from enforcing the statute's substantial equivalency mandate. (Br. at 44-45.) This cannot be right because the Felder Amendment—enacted in 2018—explicitly authorizes the Commissioner to conduct substantial equivalency reviews and "determine[] whether nonpublic elementary and secondary schools are in compliance with the academic requirements set forth in" the statute. Education Law § 3204(2)(v); L. 2018, ch. 59, part SSS. This explicit delegation of authority is entitled to far greater weight than the unenacted bills petitioners cite. As the Court of Appeals has

**סטעיט ווייזט אן אז דער 'פעלדער געזעץ' גיט זיי די אויטאריזאציע איינצושטעלן די רעגולאציעס אויף ישיבות און הייסן ארויסצונעמען די קינדער פון ישיבות וואס ווערן באצייכנט אלס נישט-עקוויוועלענט**

ליידער שטעלט זיך ווידער אַרויס דעם חורבן וואָס דער געזעץ האָט געברענגט, אַריינשטעלנדיג דעם ערליכן חינוך אין די הענט פון די SED. די פאַראַנטוואָרטליכע עסקנים און אַדוואָקאַטן פון פּערל"ס האָבן דאָס געוואָרנט בעפאָר דער געזעץ איז דורכגעפירט געוואָרן, אָבער ליידער איז דער געזעץ געשטופּט געוואָרן צוליב חשבונות, און דאָס איז אַ הויפּט שולד אין דעם ביטערן גזירה אויפ'ן חינוך, געבנדיג די אויטאָריזאַציע פאַר די סטעיט עדיוקעישאָן דעפּאַרטמענט צו קענען פּרובירן אַריינצודרינגען אין ישיבות.

די פּערל"ס אַדוואַקאַטן האָפן אָבער צו קענען איבערצייגן דעם געריכט אין די לעכערליכקייט פון די סטעיט'ס טענות. כלל ישראל קוקט אַרויס די הצלחה פאַר די געטרייע פּערל"ס אַדוואָקאַטן אין די אַפּעלאַט קעיס, וואָס איז קריטיש וויכטיג כדי צו באַשיצן עלטערן פון די ערנסטע געפאַר פון געלט און קרימינאַלע שטראָפן אויב חלילה מוסדות ווערן באַצייכנט אַז זיי קומען נישט נאָך דעם געזעץ.

ווי געזאָגט וועט פאָרקומען די הירינג אין די טעג נאָך פורים. שלומי אמוני ישראל זענען מתפלל אַז עס זאָל מקויים ווערן הפרת את עצתם וקלקלת א מחשבתם, די געטרייע אַדוואָקאַטן און עסקנים זאָלן זען הצלחה במעשי ידיהם למען עתיד הדורות, און מ'זאָל זען ישועות בימים ההם בזמן הזה דורך די טאָטאַלע ביטול פון די גזירה אויפ'ן חינוך.

עדיוקעישאָן דעפּאַרטמענט. דאָס איז געווען באַשיינפערליך אין דעם וואָס ווען 'דער איד' אפיס האָט אָנגעפרעגט די סטעיט דערוועגן - און האָט זיך נישט געלאָזט פון זייער איבערפלעכליכער ענטפער נאָר פאַרלאַנגט אַן ערקלערונג פאַרוואָס זיי האָבן אַנדערע רעגולאַציעס פאַר ישיבות ווי פּובליק סקולס, און צי ישיבות וועלן אויך ערלויבט ווערן צו האָבן דאָפּלטע שפּראַך פּראָגראַמען ווי פּובליק סקולס - האָט די סטעיט עדיוקעישאָן דעפּאַרטמענט'ס פּרעסע אָפיס אָנגענומען אַ מויל פול מיט וואַסער און אויפגעהערט צו ענטפערן.

אַנשטאָט, זוכן איצט די העצער קעגן דעם ערליכן חינוך אָפּצושלאָגן די טענות דורך גיין אויף די אָפענסיווע קעגן פּערל"ס און די וואָס שטעלן זיך אַרויס קעגן דעם חינוך.

"אַלע סטודענטן מוזן לערנען ענגליש," האָט זיך געלייענט דעם קעפּל אינעם דעילי ניוס לייט-אַרטיקל, פון פּראָפעסאָר מייקעל רעבעל, וועלכער האָט אַנטייל גענומען אין אַ באַוויסטע עדיוקעישאָן קעיס אין ניו יאָרק וועלכע האָט געקלאָגט די סטעיט פאַר נישט צושטעלן קיין גוטע עדיוקעישאָן פאַר פּובליק סקול סטודענטן.

אינעם אַרטיקל, באַשולדיגט פּראָפעסאָר רעבעל אַז פאַר מער ווי צען יאָר, האָבן "פירער פון די חסיד'ישע געמיינדעס (מיינענדיג די מוסדות וועלכע ווערן פאַרטרעטן דורך פּערל"ס) אַנטייל גענומען אין אַ פאַרצויגענע קאַמף" אָפּצושלאָגן די פאַרזוכן אַריינצוברענגען די רעגירונג צו רעגולירן דעם חינוך צי עס קומט נאָך זייערע סטאַנדאַרטן.

איצט, באַקלאָגט זיך דער פּראָפעסאָר, אַז "פונקט ווען ניו יאָרק האָט זיך גערוקט צו אימפּלעמענטירן סטאַנדאַרטן צו פאַרזיכערן אַז די קינדער באַקומען אַ ריכטיגע אַלגעמיינע עדיוקעישאָן, האָבן די שטיצער פון די סטאַטוס-קוואָ אויפגעגראָבן אַ נייע אַרגומענט צו העלפן זייערע פאַרזוכן צו פאַרטושען און אָפּצושטופּן פאָרסירונג פונעם געזעץ; אַ באַשולדיגונג אַז די סיטי און די סטעיט דעפּאַרטמענט אָוו עדיוקעישאָן דיסקרימינירן קעגן חסיד'ישע קינדער אויפ'ן באַזיס פון שפּראַך."

"פאָריגן חודש האָט (הרב) אהרן טווערסקי, אַ פּראָפעסאָר אין ברוקלין געזעץ לאָו סקול, באַשולדיגט עדיוקעישאָן באַאַמטע אין דיסקרימינירן קעגן אידישע סטודענטן דורך פאַרלאַנגען אַז די אינסטרוקציעס אין די הויפּט סאָבדזשעקטס דאַרפן פאָרקומען אין ענגליש, נישט אין לשון הקודש... רופנדיג די סטעיט'ס שטעלונג אומקאָנסטיטוציאָנעל... האָט ער אָנגעוויזן אויף צוויי-שפּראַכיגע פּובליק סקולס וועלכע שטעלן צו דאָפּלטע-שפּראַך פּראָגראַמען וועלכע שטעלן צו געוויסע אינסטרוקציעס אין אַ שפּראַך אַנדערש ווי ענגליש."

"אונטערצושטיצן טווערסקי'ס טענה, האָט אַבי שיק, אַן אַדוואָקאַט וועלכער פאַרטרעט טייל סקולס און פּערל"ס, באַשולדיגט NYSED אין דאָפּלטע סטאַנדאַרטן, ערלויבנדיג צווייטע-שפּראַך אינסטרוקציעס אין פּובליק שולעס אָבער נישט אין פּריוואַטע שולעס."

דער פּראָפעסאָר פּרובירט צו ערקלערן דעם אונטערשיד פון די ערלויבטע פּובליק סקול פּראָגראַמען, און פאַרוואָס עס איז נישט ערלויבט אין ישיבות. דערנאָך אַטאַקירט ער פּערל"ס און די מוסדות, מיט די העסליכע באַשולדיגונג אין "דיסקרימינאַציע קעגן חסיד'ישע קינדער דורך פאַרפירטע ערוואַקסענע (לייען: די מוסדות, מחנכים און הויפּטזעכליך די עלטערן) וועלכע לייגן אַרויף שווערע באַגרעניצונגען אויף זייערע אינטעלעקטועלער אַרויסקוק דורכאויס די יאָרן אין וועלכע זיי פאָרמירן זיך."

דערנאָך קייעט אויך איבער דער פּראָפעסאָר אַ לאַנג אויסגעדראָשענער, לעכערליכער בלבול אַז די סיבה פאַרוואָס מ'לאָזט נישט די רעגירונג רעגולירן דעם חינוך איז כדי חסידי'שע ווילער זאָל'ן נישט קענען אַליין שטימען נאָר אויספאָלגן אינדאָרסירונג.

"די חסיד'ישע פירער'ס פּאָזיציע איז אויך אַן אָנגרייף צו דעמאָקראַטיע. זיי צילן צו פאַרשפּרייטן אַ סיסטעם אין וועלכע טויזנטער חסיד'ישע בירגער וועלכע ווייסן גאָרנישט וועגן אַמעריקאַנער היסטאָריע אָדער איבער ווי אַזוי די רעגירונג אַרבעט זאָלן בלינדערהייט נאָכפאָלגן זייערע פירער'ס דיקטאַטן איבער פאַר וועמען זיי זאָלן שטימען," שרייבט ער.

דער שרייבער ענדיגט זיין וויסטע נוסח-שטירמער אַטאַקע רופנדיג צו פאָרסירן די געזעצן, "פאַר די טובה פון די סטודענטן און פאַר די אויפריכטיקייט פון אונזערע דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס." כאילו די ערליכע מוסדות התורה זענען אַ געפאַר צו דעמאָקראַטיע.

די וויסטע העצערישע באַשולדיגונגען קעגן פּערל"ס, איר געטרייער אַדוואָקאַט ר' אבי שיק, און הרב אהרן טווערסקי, צייגן אַז די העצער קעגן חינוך זעען די אָרגאַניזאַציע און די ערליכע עסקנים אַלס זייער געפאַר, און זיי האַלטן זיך נישט אָפּ פון די ווילדסטע באַשולדיגונגען כדי פּרובירן זיי איינצושטילן. אָבער די געטרייע אָרגאַניזאַציע און ערליכע עסקנים וועלן זיך בעז"ה נישט דערשרעקן פון די באַשמיצונגען און זענען אַנטשלאָסן פאָרצוזעצן דעם אַפעקטיוון קאַמף, מיט די ריכטיגע טענות און געזעצליכע מיטלען, ביז מ'וועט בעז"ה מצליח זיין להעביר רוע הגזירה.

# איינדרוקספולע באַגעגעניש צווישן הנהלת מוסדות קרית יואל מיט טאַון סופערווייזער פון ניו ווינדסאַר

## כמי"ם פנים לפנים: מנכ"ל מוסדות קרית יואל נוצט אויס דעם פערזענליכן מאָמענט צו באַדאַנקען דעם סופערווייזער יר"ה פאַר זיינע פילע לייסטונגען פאַר קרית יואל בכלל און פאַר די מוסדות בפרט

שטייענדיג בעפאר גאר העפטיגע פעולות פון הרחבת גבולי הקדושה אויפן קרית הישיבות 'נחלת אברהם' אין ניו ווינדסאַר, האט די הנהלת הישיבה אפגעשטאט א באגעגעניש אינעם פראכטפולן 'בנין אליהו', אין באגלייטונג פונעם טאון סופערווייזער, מר. סטעפאן בעדעטי יר"ה. וואָס איז ב"ה געקרוינט געוואָרן מיט אַ געוואַלדיגע ערפאָלג צו אָנקניפּן די נויטיגע קאָאָפּעראַציע און פארשטענדעניש אויף די ווייטערדיגע פלענער.

דאס אויפבויען נייע געביידעס בנינים אדירים אויף באוואקסענע שטחים טוט ווי פאַרשטענדליך אַריינגעמען גאר אסאך פראצעדורן אינערהאַלב פילע רעגירונג אָפּטיילונגען. אָבער בסייעתא דשמיא, אָנגעהויבן פון דעם ערשטן טאג וואס די ישיבה האט זיך אריינגעלאזט אין דעם מולטי-מיליאן דאלארדיגע מקח אויפ'ן 'קרית הישיבות', האט מען געהאט אלעמאל פאר די אויגן צו גיין בלויז פולקאָם בצדק וביושר, מען האָט דעריבער אָנגעשלאָסן אן אפענע קאמיוניקאציע מיט די באאמטע און אַלעמאָל מיטגעטיילט פונקטליך וואס די פלענער זענען אויף פאָראויס.

דאס האָט, מיט דער צייט, אויפגעבויעט א נאנטע פארשטענדעניש צווישן די ישיבה מיט די אָרטיגע באַאַמטע, וועלכע האָבן זיך איבערצייגט אַז מען אַרבעט מיט געטרויבארע מענטשן וואָס קומען נאָך אַלע פראטאקאלן. דאָס האָט ב"ה שטאַרק בענעפעטירט אויף די ווייטערדיגע אויפבליה פונעם 'קרית הישיבות', ווען מען קומט נאך אלע פאדערונגען און מען האט אַ געמיינזאַמע צוזאמארבעט מיט די באאמטע וואס רופט ארויס א קידוש השם און גלייכצייטיג פירט עס צו א אוזן קשבת, וואס דאס זענען די שליסלען צו האבן די צוטרוי פון אלע זייטן.

אין א צייט פון הכרת הטוב און שטייענדיג בעפאָר'ן אריינגיין אין אַ רייע גרעסערע פראיעקטן האט די הנהלת הישיבה, אינאיינעם מיט'ן טאון סופערווייזער יר"ה, אפגעשטאט א באזוך אינעם עקזעסטירנדן 'בנין אליהו' וואס דינערט מיט א קול תורה רוב שעות פון טאג.



עס זענען דערביי אָנוועזנד געווען הרה"ח ר' משה אלי' עסטרייכער הי"ו מנכ"ל מוסדות סאטמאר, ויד ימינו העושה ומעשה הרה"ח ר' משה יודא פאלאטשעק הי"ו. הר"ר אייזיק וואלטער הי"ו וועלכער שטייט אין שפיץ פון די הרחבת גבולי הקדושה אויפ'ן קרית הישיבה, און הר"ר חיים משה גאלדשטיין הי"ו מנכ"ל ישיבה קטנה סאטמאר קרית יואל, וועלכע האָבן אויפגענומען דעם טאון סופערווייזער מיט'ן פּאַסיגן כבוד און אַנערקענונג.

ביים אָפּיציעלן באַגעגעניש מיט'ן סופערווייזער האָט די הנהלת הישיבה זיך הערצליך באדאנקט פאר זיין יושר'דיגע אדמיניסטראציע און אים ארומגעוויזן דעם גאנצן ריזן 20,000 ס"פ געביידע, אריינגערעכנט דער היכל ביהמ"ד המפואר, די מאנטלען צימער, די לאנגע קארידאר מיט לופטיגע כיתות אויףביידע זייטן, די רחבות'דיגע עס זאַל, און דער שטח אונטערן בנין הישיבה, וואס ווערט באנוצט אין די פרייע זמנים דורך די חשוב'ע תלמידים זיך צו לופטערן און שעפן פרישע כוחות.



אין לויף פונעם שפאציר בין כותלי הישיבה האט דער טאון סופערווייזער נישט געקענט ענדיגן אויסדרוקן זיין געוואלדיגע באגייסטערונג און באטאנט ווי מען זעט אז אלעס אינעם בנין איז געַנוי ווי מען האט געהאט פארלאנגט נאכצוקומען די בילדינג קאודס.

גלייכצייטיג, שטייענדיג זייט ביי זייט מיט'ן טאון סופערווייזער האט דער מנכ"ל הרה"ח ר' משה אלי' עסטרייכער הי"ו באדאנקט דעם סופערווייזער פאַר'ן ענדיגן דעם קריטישן וואסער דיעל מיט'ן ווילעדזש, וואס איז גאר א וויכטיגע שליסל פאר די ווייטערדיגע וואוקס פון קרית יואל.

אויפ'ן אָרט האָט דער סופערווייזער באטאנט אז די פרישע דערגרייכונג איז געוויס צו פארדאנקען די גוטע באַציאונגען וואס איז אנגעקניפט געווארן צווישן זיין אַדמיניסטראַציע מיט קרית יואל, וואס האט זיך אנגעהויבן מיט די ישיבה, ווען די טאַון פירערשאַפט האט איינגעזען אַז ס'לוינט צו אַרבעטן מיט פארשטענדעניש איינער מיט'ן צווייטן.

דער אַריסטאָקראַטישער באַזוך האָט זיך געענדיגט אין אַ פּאָזיטיווע שטימונג, וואָס וועט בעז"ה ברענגען אַסאַך גינסטיגע רעזולטאַטן אין דער צוקונפט.

# מיליאָנען פרישע גאַלאָנען וואַסער אָנגעהויבן אַריינפליסן קיין קרית יואל דורך ריזיגן וואסער פייפליין פּראָיעקט

אין א היסטארישער מאמענט האט דעם היינטיגן דינסטאָג לסדר "וימתקו המים", אָנגעהויבן אריינפליסן דער פרישער שפע פון וואסער דורכ'ן ריזיגן וואסער פייפליין פּראָיעקט, נאכדעם וואס די קרית יואל ווילעדזש האט - ווי שוין באריכטעט אין וואכנשריפט מיט עטליכע וואכן צוריק - דערגרייכט א דיעל מיט די 'טאון אוו ניו ווינדסאר' צו ערהאלטן פון זיי אהאלב מיליאן גאלאן וואסער א טאָג.

דער אפמאך מיט די ניו ווינדסאר באאמטע ציעט זיך שוין עטליכע יאר, און קומט יעצט צום אויספיר ב"ה נאכדעם וואס דער ווילעדזש איז נאכגעקומען זייער פאדערונג אז דער פייפליין זאל זיין גענצליך פארענדיגט און ארויס פון קאנסטרוקציע.

דער יעצטיגער סיסטעם וועט אָפּערירן ביז קרית יואל וועט אויפבויען אן אייגענעם פילטער פלענט צו קענען אליינס נעמען וואסער פון די סיטי עקוואדאקט. ס'איז טאַקע די האפענונג אז די וואסער פלוס וועט דעקן דעם גאנצן געברויך פאר דעם גרויסן שטאט קרית יואל, אָן דעם וואָס מ'זאָל זיין אָנגעוויזן אויף אַנדערע אַלטערנאַטיווע מיטלען ווי ביז היינט.

ווי דאַן באריכטעט האבן די חשוב'ע איידעלע בחורים פון די סאטמארער ישיבה אין ניו ווינדסאר געשפילט א באדייטענדע ראלע אין דעם ענדגילטיגן אפמאך, נאָכדעם וואָס אַדאַנק זייער נאבעלע אויפפירונג און אַדאַנק די נאָנטע באַציאונגען מיט די הנהלת הישיבה, האָבן די אָרטיגע באַאַמטע זיך איבערצייגט אַז ס'לוינט זיך צו פאַרהאַנדלן מיט חרדי'שע אידן און די גינסטיגע רעזולטאַטן האָבן נישט געשפּעטיגט.

דורכאויס די לעצטע 24 יאר איז אין דעם לאנג-יעריגן פארצויגענער פייפליין פראיעקט אינוועסטירט געוואָרן אסאך בלוט און שוייס, און אריבער 80 מיליאן דאלאר! עס זענען דערצו געקומען צוהילף פילע 'גרענטס' און 'באָנדס' דעליווערט דורך לאקאלע סטעיט און פעדעראלע באאמטע.

במשך די לעצטע עטליכע וואכן איז אנגעגאנגען די לעצטע פארמאליטעטן צו ערהאלטן אלע לעגאלע אונטערשריפטן. נאָכ'ן אַלעס פאַרענדיגן האָט מען אין לעצטע וואָך 'געפלאשט' די נייע פייפס פונעם לאנגן פייפליין מיט וואַסער, כדי דאָס צו רייניגן, און אַצינד דינסטאָג בשלח, איז מען אָנגעקומען צו דעם אַזוי ערוואַרטעטן מאָמענט ווען די געפילטערטע ניו ווינדסאר וואַסערן פליסן שוין פאַקטיש אַריין צו די די קרית יואל'ער הייזער מיט אַ געוואַלדיגע שפע.

**ושאבתם מים בששון!**



מי כעמך ישראל, בעד חולי ישראל:

# כלל ישראל'ס מדת החסד הילכיג רעפלעקטירט מיט אומגלויבליכע $1,141,461 פאַר גמ"ח הצלה

## שטורמישע נדיבות הלבבות פון קרוב צו "צען טויזנט" נדבנים פון איבער די גארער וועלט געגאסן הארץ פאר חולי ישראל – מאסיווע באזע פון 242 גיבורי חסד האבן מיט אומערמידליכע איפער געפיבערט פאר'ן קאמפיין, און אינאיינעם געהאלפן גרייכן שטוינענדן סוקסעס

## אריגינעלער ציל פון "א מיליאן דאלאר" געווארן איבערבריטערט צו באנוס-גאול פון "1.2 מיליאן" – נדבות פליסן נאך אריין, הייבנדיג נאכאנאנד די מעגליכקייטן פאר גמ"ח הצלה צו איבערברייטערן די לעבנסוויכטיגע אפעראציע און סערווירן וואקסנדע צאל טריפס

מיט אן אויסטערלישע הצלחה איז אפגעראכטן געווארן דער אויסנאמליכער בליץ-קאמפיין פון די הייליגע פיקוח נפש'דיגע ארגאניזאציע "גמ"ח הצלה", וואס האט אויף א זעלטענעם פארנעם פאראייניגט טויזנטער בעלי חסד, אידישע קינדער וועלכע האבן ארויסגעצייגט די ווארעמסטע שטיצע, אחריות און מיטגעפיל, און הכרת הטוב פאר די לעבנסוויכטיגע סערוויס וואס גמ"ח הצלה שטעלט צו פאר חולי ישראל און זייערע משפחות.

דער "ארויס פון וועג" קאמפיין האט זיך שוין געווארעמט וואכן פריער, מיט נאכאנאנדע בארATונגען און קאנפערענצן צווישן די ראשי העסקנים, און שפעטער מיט אלע עסקנים, וואס איז כסדר געוואקסן מיט נאך און נאך עסקנים וואס האבן זיך מאביליזירט מיט א ווארעמקייט צו העלפן גמ"ח הצלה ווייטער אנגיין, דורכ'ן "ארויסגיין פון וועג", העלפן שאפן די אסטראנאמישע סומעס וואס קאסט אפ די ברייטפארצווייגטע אפעראציע.

ענדגילטיג האט זיך געשאפן א רינג פון קרוב צו "250 עסקנים", העלדישע גיבורי חסד, וועלכע האבן שוין קוים ארויסגעקוקט צו די גרויסע טעג, מיטוואך/דאנערשטאג בא, ווען צוגלייך ווערט די שפאנונג צווישן ציבור געהויבן, זיך רישנדיג מיט א פולקאמע גרייטקייט צו שענקען אויסנאמליכע 'ארויס פון וועג' שטיצע פאר גמ"ח הצלה וואס גייט אומאויפהערליך ארויס פון וועג פאר חולי ישראל ומשמשיהן.

מאנטאג וארא איז אפגעהאלטן געווארן א צענטראלע "אסיפת עסקנים" באולם קרן ויואל משה, וואו ס'איז געווארן אנגעצינדן דער ערשטער אקטיווער פאקל צום קאמפיין. מ'האט געהערט פון די חברי הנהלת המוסד איבער די קריטישע לאגע פון די וואקסנדע הוצאות און דער וואוקס פון טריפס, וואס האט אנגעזאמלט היכע דעפעציטן וואס מ'קען ווייטער נישט שלעפן, נאר מ'מוז שאפן דראסטישע סכומים צו קענען ווייטער עקזיסטירן.

מ'האט געהערט טרעפליכע רעיונות און אנווייזונגען צום קאמפיין, דורכ'ן בארימטן רעדנער הר"ר מאיר מרדכי בערקאוויטש הי"ו, וועלכער האט מיט זיין זאפטיגע שפראך אויסגעשמועסט וויכטיגע נקודות אויף למעשה, ווי אזוי צו קענען מצליח זיין אינעם קאמפיין.

קומענדיג נענטער צום קאמפיין, איז מוצש"ק וארא אפגעהאלטן געווארן א גראנדיעזע אווענט פאר אלע עסקנים און ראשי הנדיבים בעם, באולם בית רחל פאראדייס, וואו עס איז געווארן אפיציעל "געעפנט" דער קאמפיין, ווען אויפ'ן פלאץ האט מען זיך אריינגעווארפן אין די

חיי"ם הם למוצאיה"ם

## אומערמידליכע עסקנות דורכ'ן בארימטן בעל צדקה וחסד וכביר המעש הרבני הנגיד ר' חיים צבי אבערלענדער הי"ו רופט ארויס גרויס שעצונג

אין לויף פונעם "ארויס פון וועג" קאמפיין האט ארויסגעשיינט די אקטיווע פעולות ברוכות דורכ'ן בריח התיכון פונעם כח עסקנות אינערהאלב דעם קאמפיין, דער בארימטער עושה צדקה וחסד, ראש וראשון לכל דבר שבקדושה, הרבני הנגיד ר' חיים צבי אבערלענדער הי"ו.

די ווארעמקייט פון הר"ר חיים הערש הי"ו פאר גמ"ח הצלה איז נישט פון היינט, שוין מערערע יארן וואס מ'האט די פריוועליגיע צו געניסן פון זיין ווארעם הארץ פאר חולי ישראל, ארויסשטייענדיג מיט הארציגע שטיצע בגוף ובנפש בכל עת ועונה, צו העלפן גמ"ח הצלה אנגיין מיט די לעבנסוויכטיגע אפעראציע.

אבער אצינד האט ר' חיים הערש פראקטיצירט א הלכה למעשה'דיגע "ארויס פון וועג", זיך געגעצליך אוועקגעבנדיג פאר די הצלחה פונעם קאמפיין, נעמענדיג דאס ווי זיין פערזענליכע דאגה, ויום ולילה לא שבת, מיט אויסנאמליכע פיבערהאפטיגע עסקנות און שפעפערישע פעולות פון מעורר זיין לבבות ישראל צו נעמען א חלק אין אזא קריטישע אקציע.

מיט אן איבערגיסנדע מאס אהבת ישראל, האט ר' חיים הערש נישט גערוהט א רגע, זארגנדיג מיט הארץ און נשמה פאר די חולי ישראל און זייערע משפחות, און עס לאזט זיך זאגן במלוא מובן המלה, אז אדאנק זיין מאביליזאציע אין די עסקנות-גווארדיע, איז דער קאמפיין געקרוינט געווארן מיט דעם שטוינענדן סוקסעס, ב"ה, וואס האט געטאן בפועל ראטעווען גמ"ח הצלה אין איר שווערע פינאנציעלע לאגע.

נאך תיכף ווען מ'האט אנגעהויבן זיך גרייטן צווישן די עסקנים צו די ימי הקאמפיין, האט ר' חיים הערש ארויסגעדרוקט אן אנטשלאסענע "הננו!" זייענדיג אן אומר ועושה במשך די גאנצע צייט, ובפרט אין די סאמע אקטיווע 48 שטונדן פונעם קאמפיין, ווען ער האט "איבערגעקערט וועלטן", זיך אוועקרייסנדיג פון זיין פארנומענעם סדר היום, האט ער אצינד געווידמעט טעג און נעכט פאר "הצלת נפשות", זייענדיג דערין אקטיוו ראשו ורובו.

אויסער'ן פערזענליך שאפן ריזיגע סכומים, האט ער געדינט אלס "מאטא" און טרייב-קראפט בראש כל המפעל, טוענדיג האלטן א פרישע און וואכזאמע מונטערקייט און לעבהאפט צווישן אלע עסקנים, זיכער מאכנדיג אז יעדער איז משתף פעולה מיט א ברען און התלהבות.

אזוי ארום האט ער מצליח געווען צו שאפן גאר פאנטאסאטישע סומעס, ווען אויף זיין קאנטע אינעם קאמפיין-טיעם איז אריינגעקומען די סאמע-גרעסטע סומע פון דעם גאנצן ציל.

דער וואוילטעטיגער שריט פון דעם עושה חסד לאלפים ווערט מיט שעצנדע איינדרוקספולקייט אויסגעלויבט אומעטום, זייענדיג דערמיט א סימבאל פון א "נגיד ועושה חסד", א אידיש הארץ וואס זארגט און פילט מיט בצערן של ישראל, און איז עושה ומעשה בגוף ובממון פאר זייער לעבנסוויכטיגע שפיטאל-טראנספאטאציע, וואס איז זייער רעטונגס-ברעט.

**אשריך! ממנו ילמדו וכן יעשו!**

עבודה"ק, מיט'ן מאכן טעלעפאן רופן צו נאנטע, טוען זיך באקענען מיט'ן פאקט אז דער ציבור איז ווירקליך דא צו שפאנען "ארויס פון וועג", זיך אנרופנדיג מיט גאר שיינע סכומים.

אין לויף פון אווענט האט מען געהערט די דבר הנהלת המוסד פון הרה"ח ר' בעריש פעלדמאן הי"ו, איבער דעם שווערן מצב ביי חולי ישראל, און דער חובת השעה צו העלפן גמ"ח הצלה דעקן דעם שווערן דעפעציט. ווי אויך האט מען געהערט די רירנדע דיבורים מגדולי העסקנים דער בארימטער משפיע הרה"ג ר' מרדכי הערש שפיטצער שליט"א ראש ישיבת תורת צבי - ספינקא וועלכער האט געשילדערט די אומגלויבליכע פעולות פון הצלת נפשות דורך גמ"ח הצלה, און דערנאך האט מען געהערט די ווערטער פונעם מומחה בעולם הפאנדרעיזינג הר"ר שלמה זלמן שפיטצער הי"ו מיט פראקטישע נקודות אויף למעשה.

מיט איבערגעמוטיגטע הערצער האבן זיך די עסקנים געגרייט אין די קומענדיגע פאר טעג צו די גרויסע ימי החסד, מיטוואך און דאנערשטאג בא, וואס האט זיך ווירקליך געקענט טאפן אין די לופט אלס "ימי גמ"ח הצלה", די שטאט קרית יואל איז געקומען אונטער פייער פון אהבת חסד, אומעטום האט זיך געקאכט דאס געשפרעך איבער דעם קריטישן קאמפיין וואס איז אנגעוויזן אין די מאקסימום שטיצע פון יעדן יחיד.

דער "קאמפיין הויפטקווארטיר" איז סטאנציאנירט געווארן אין זאל פון קרן ויואל משה, וואס האט אין לויף פון די צוויי טעג געזשומעט מיט מחנות עסקנים וואס האבן אומאויפהערליך גערודערט מיט פעולות נמרצות, נישט אראפלייגנדיג דעם טרייבל פון האנט, זייענדיג אינאיינעם מזכה פילע טויזנטער אידן פון איבער די גאנצע וועלט, צו נעמען א חלק אין די העכסטע מדריגה פון צדקה והצלת נפשות, ווען שוין אינעם ערשטן טאג האט מען געזען אז עס שפילט זיך אפ היסטאריע אינעם עיר החסד קרית יואל, ווען מ'לויפט אזוי שנעל פאראויס צום פארגעלייגטן ציל פון א "מיליאן דאלאר".

דאנערשטאג נאכט האט ווי א בליץ דורכגעריסן אין זאל: "ציל דערגרייכט!" - זיך רייבנדיג די אויגן פאר וואונדער אז עס איז

# ארויס פון וועג

בליץ קאמפיין | מיטוואך-דאנערשטאג בא תשפ"ד

Gemach Hatzolah Kiryas Yoel

ווירקליך אזוי, יא, נאך אפילו איידער'ן שליסן די צוויי טעג, איז סוקסעס א רעאליטעט! אבער מרבים העם להביא, און גמ"ח הצלה וועט אוודאי נעמען, ווייל א מיליאן דאלאר איז ווייט פון געדעקט דעם יערליכן בודזשעט פון 2.2 מיליאן דאלאר, איבערהויפט ווען מ'ראנגעלט זיך מיט א לאסט פון ריזיגע אנגעזאמלטע חובות, איז תיכף דערויף פראקלאמירט געווארן דער "1.2 מיליאן" באנוס-גאול, און ווידער ווערט מען איבערראשט, ווי דער ציבור ווערט פשוט נישט זאט צו געבן, אויף אלע סארטן אופנים וואס מ'בעט נאר, צי דורכ'ן טעלעפאן, צי אין די בתי מדרשים, וכו' וכו', פליסן אריין נדבות מיט גאר איבערראשנדע השגות פון סכומים.

שליסנדיג דעם טאג האט מען שוין געהאלטן ביי אריבער "1.1 מיליאן", זיך רוקנדיג כסדר ווייטער ארויף צום נייעם באנוס-גאול, וואס איז נאך אצינד, שרייבנדיג די שורות, ווייטער אקטיוו, מ'איז נישט עובר קיין "בל תאחר", און אידישע קינדער רופן זיך נאך אלץ אן מיט ברייטהארציגע שטיצע, צו קענען גרייכן נענטער צו דעקן דעם דעפעציט און קענען אויסברייטערן די אפעראציע מיט פרישע ווענס, רוטס, וכדומה, אויף וואס די חולי ישראל זענען אזוי אנגעוויזן.

דער אומגלויבליכער סוקסעס פונעם קאמפיין האט אריינגעבלאזן אומגעהויערע חיזוק פאר חולי ישראל, שיקנדיג דעם הילכיגן מעסעדזש פון אזויפיל טויזנטער אידן אז: מיר זענען דא פאר אייך! זייענדיג צוגלייך א חיזוק פאר די מסירת נפש'דיגע עסקנים פון גמ"ח הצלה, וועלכע האבן אויף א פארנעם ווי קיינמאל פריער געטאפט אזא מין אויסטערלישע ווארעמקייט, די ריזיגע געלטער האט געגאסן גאלאנען 'הכרת הטוב', זאגנדיג באין אומר ואין דברים: מיר גייען ארויס פון וועג פאר די וועלכע גייען אלעמאל ארויס פון וועג!

דער זכות פון הצלת נפשות וועט זיכער באגלייטן אלע נדבנים ועסקנים מיט אלע סארט השפעות, וכל המרחם על הבריות מרחמין עליו מן השמים, עס וועט רעגענען ברכות והצלחות עד בלי די.






בָּחַרְתִּי בְעִיר מִכֹּל שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל לִבְנוֹת בַּיִת לִהְיוֹת שְׁמִי שָׁם:

# פרייד און שפּאַנונג ביי חסידי סאַטמאַר אומעטום צו דראַמאַטישע פּאָרשריט ביי 100,000 סקווער-פיס ת"ת "בנין בראַך" אין סאַטמאַר'ס שטאָט "קרית יטב לב"

## מאַסיווע בוי-אַרבעט און ריזן קאָנסטרוקציע מאַרשירט פּאָראויס יעדן איינציגן טאָג מיט באַדייטנדע פּאָרשריט

**אַסטראָנאָמישע העכער "דריי מיליאָן דאָלער" שוין פּאַקטיש אינוועסטירט אינעם מעכטיגן פּראָיעקט וואָס רוקט זיך פּאָראויס אין אַ שנעלן ריטעם**

באש אתה עתיד לבנותה:

**א פייער פון התרגשות נעמט ארום נדיבי העם זיך איינצוקויפן זכותים אדירים אינעם בנין המפואר וואס וועט זיין די תל תלפיות פונעם שטאט קרית יטב לב**

**זעלטענע זכותים ווערן צום ערשטן מאל ארויסגעשטעלט, און שטייען יעצט צו פארקויפן, און פאראייביגן אייערע נאמען אלס די בוני העיר**

"בונים לה' אלקי ישראל בתוככי העיר גדולה לאלקים" - אַ קוועלעניש פון פרייד שפּירט זיך ביי רבבות תלמידי וחסידי סאטמאר איבער דער גארער וועלט מיטהאלטנדיג מיט פרייד און גליק די היסטארישע אנטוויקלונג פון הרחבת גבולי הקדושה אין סאַטמאַר'ס בליענדער עיר גדולה לאלקים, קרית מלך רב, "קרית יטב לב", ווען עס מאַרשירט פּאָראויס אין פולסטן קראַפּט די אויפבוי פון דעם מלכות'דיגן און מאַיעסטעטישן "בנין בראַך" – די ריזן גיגאנטישע תלמוד תורה געביידע, וואס אַנטשפּרעכט איינס פון די סאמע גרעסטע בניני המוסדות פון סאטמאר איבער דער גאָרער וועלט!

ווען מ'גייט אַדורך די אַרבעטס-זאָנע, ביים גיגאנטישן שטח המוסדות, וואקסט דאך דאס הארץ פאר פרייד! דער "כאן בונים" שרייט אַרויס ווי פון זיך אַליין! דאָ בויעט סאטמאר אַן אימפעריע! דאָ בויעט סאטמאר אן עתיד! דא בויעט סאטמאר א הייליגע תלמוד תורה וואו טויזנטער און טויזנטער ריינע תינוקות של בית רבן וועלן נתחנך ווערן, אין א הייליגע לופט, אין א ריינע אטמאספערע, כולו קודש, כולו טהור, אַ נחת, א שטאלץ פאר יעדן סאטמארער איד באשר הוא שם, א נחת רוח פאר רבינו הקדוש זי"ע בגנזי מרומים.

איבער דער גאַנצער וועלט פּאַרמאָגט נישט סאַטמאַר, דוכט זיך, אַזאַ בנין אדיר פאר אַ תלמוד תורה! אַ געביידע וואס וועט אנטהאלטן א קיימא לן פון גאנצע "100,000 סקווער פיס", וואס ווען זיין צעטיילט לענגאויס פיר ריזיגע מלכות'דיגע שטאקן. דער בנין וועט פארמאגן א סך הכל פון "73" כיתות, "לופטיגע, רחבות'דיגע קלאַס-צימערן, מיט הויכע שיינע פענסטער, וואו אַזויפיל ווי 1,800 תלמידים כ"י וועלן אי"ה קענען לערנען תורה און נתחנך ווערן מיט הרחבת הדעת.

אזוי אויך וועט דער בנין פּאַרמאָגן א ריזיגער הערליכער 'היכל ביהמ"ד' וואו די תלמידי המוסדות וועלן דאווענען און לערנען, אפרעכטן די הייליגע תפלות בהבל פיהם של תשב"ר; א ריזיגער עס-זאל מיט'ן גרעסטן מאָס רחבות; "חדרי המלמדים"; חדרי עזרה; אָפיסעס פאַר די מנהלים רוחניים; חדרי נטילת ידים, און אַזוי ווייטער אַלע צוגעהערן אויפ'ן שענסטן פאַרנעם, אַזוי הערליך און פּראַכטפול ווי אַ סאַטמאַרער תלמוד תורה דאַרף צו זיין – אַ תפארת פאַר סאַטמאַר'ס שטאָט, ס'וועט זיין דער יפה נוף משוש כל העיר.




"דריי מיליאָן דאָלער", אָט דער קאלאסאלער סכום רב, א פארמעגן מיט געלט, ליגט שוין – ווי מיר שרייבן די שורות – באַגראָבן אינאיינעם מיט די פונדאַמענטן פון דעם בנין! ווייל געוויס האָט זיך די אַרבעט נישט אָנגעהויבן מיט'ן גיסן די פונדאַמענטן, נאָר דאָ האָט מען שוין משקיע געווען שווערע הונדערטער טויזנטער – צי זאָגאַר מיליאָנען – דאָלאַרן, אין פלעננינג, זאָונינג, אַרכיטעקטן, אינזשענירן, דעזיין, און שליסליך דאס אויסאַקערן דעם באָדן, אויסגראָבן דעם שטח, אינסטאָלירן די גאָר טייערע "ריבאַר אייזנס" און די פרעימס וואָס אויף דעם וועט מען בויען, און דאַן דאָס גיסן די פונדאַמענטן גופא.

דער בנין האדיר געבויעט אין צוויי פאַזעס, ווען די ערשטע פאַזע רוקט זיך ב"ה פאָראויס. דער פונדאַמענט איז געגאָסן, ווערנדיג טאַקע געגאָסן בזמן שהצדיק בעיר דורכאויס די וואָכן וואָס רבינו שליט"א האָט זיך געפינען בתוככי העיר, און אָט אָט גרייט מען זיך שוין אין די קומענדיגע חדשים אַרויפצוציען די ריזיגע שטאָלענע זוילן וועלכע וועלן פאָרמירן דעם מעכטיגן סטרוקטור, שטאפל נאך שטאפל פון דעם בנין האדיר.

אַלזאָ, די פלענס זענען דאָ, די עושי המלאכה זענען אקטיוו יעדן איינציגן טאג, אַלעס איז גרייט, אַלעס איז אַנטשלאָסן, אַלעס איז באַשטעלט. איין זאַך וואָס פאָדערט זיך יעצט איז אַ "קעש-פלוס" פון מיליאָנען דאָלאַרן, צו קענען גיין פאָראויס, פון איין פאַזע צו דער אַנדערער, און אי"ה בקרוב קענען באַנייען דעם בנין בעוז וברמה!

דער בנין האדיר טראָגט אויף זיך דעם כתר שם הטוב פון דעם וועלט-בארימטן תורה-מאַגנאַט און צדקה-וחסד פילאנטראפּ, בונה







ומקים עולמות של תורה וטהרה, הרבני הנגיד המרומם, ראש וראשון לכל דבר שבקדושה מוה"ר שמואל חיים בראך שליט"א, מגדולי תומכי קהל ומוסדות סאטמאר גלאבאל, האחד המיוחד שבחבורה העומד לימין הקודש של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א, וועלכער האט אפגעקויפט דעם זכות "שם הבנין", ועל שמו הטוב יקרא לעד ולנצח "בנין בראַך", כי היא שמה הנאה והראוי לה, שם עולם אשר לא יכרת.

דער באַרימטער עסקן נמרץ, דער ניי-געשטעלטער יושב ראש ועד קרן הבנין, איש המעש וכביר הפעלים הר"ר יואל וואללנער הי"ו, איז נתמנה געוואָרן בפקודת הקודש פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א צו שטיין אין שפּיץ פון דער היסטאָרישער אונטערנעמונג, און מיט זיינע פאַרצווייגטע קשרים אדירים מיט די גרעסטע סאטמארער פילאנטראפּן צושטאַנדברענגען אַ פלוס פון נדבות בעזר ה', און דורכפירן די גאָלדענע געשעפטן צווישן די נדיבי הלב בונים ומקימים אפּצוקויפן די גאָלדענע זכותים והנצחות אין דעם הייליגן בנין הכביר.

סאַטמאַרער גבירים אומעטום פאַרשטייען

### איזהו בנין של שמחה – הבונה בית חתנות:

# מאַיעסטעטישער "גולת הכותרת" פונעם בנין האדיר: דער מעכטיגער "חתונה זאַל" פון כמעט 10,000 סקווער-פיס

נישטאָ וואָס צו רעדן, אַז דער סאַמע הויכפּונקט, דער קלימאַקס, פון דעם נייעם בנין האדיר, איז בלי ספק די אויפבוי פונעם נייעם מאַיעסטעטישן "חתונה-זאַל", וואו די תושבי העיר זאָלן קענען פּראַווען די שמחות החתונות פון זייערע קינדער, אויף א הערליכן מלכות'דיגן פארנעם, וואָס גייט אי"ה אָנהייבן אַ גאָלדענעם נייעם בלאַט פאַר די קרית מלך רב!

ווי שוין באַטאָנט – און ווי היינט צו טאָגס אומעטום באַקאַנט – ווערט "קרית יטב לב" געבויעט מיט אַ ברייטע וויזיע, אויסצוניצן די שטחים הכבירים פונעם מוסד צו א מאקסימום, אַריינצושטעלן דאָרט די באַדערפענישן פון דער שטאָט און אירע איינוואוינער, מיד ולדורות. דאָ בויעט מען אַ שטאָט, דאָ אַנטוויקלט זיך אַן עיר גדולה לאלקים, און די צוגאַנג דערצו איז מיט'ן גרעסטן אחריות פאַר'ן הוה ועתיד בייַנאַזאַם.

דאָס איז אַמאָל זיכער אַז אַ "חתונה זאל" איז פון די סאַמע וויכטיגסטע פונדאַמענטן פון א שטאָט, איבערהויפּט א סאטמארער שטאָט וואָס וואַקסט שפּרודעלט ב"ה נאכאנאנד מיט פריילעכע שמחות, און ס'איז א גאר וויכטיגע נויטווענדיגקייט אַז די איינוואוינער אין שטאָט זאָלן קענען פּראַווען זייערע שמחות אויפ'ן פּלאַץ און נישט דאַרפן רייזן צו אַנדערע שטעט.

עס געדענקט זיך נאָך ביים עלטערן דור די שמחה וחדוה עלאה ווען מ'האָט אפּגעראכטן די "ערשטע חתונה" אין קרית יואל, וואָס אַ פרייד ס'איז געווען אין די גאַנצע שטאָט! דאָס האָט געצייגט אַז ס'דאָ אַן עתיד, ס'בויען זיך ווייטער בתים נאמנים בישראל, און ס'ציעט זיך ווייטער דער שלשלת הזהב!

אָט דערפאַר, האָט הנהלת המוסדות פון קרית יטב לב באַלד אין אָנהויב, ווען מ'האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט די ארכיטעקטן אויסצופּלאַנירן דעם בנין האדיר, אַריינגעשטעלט אין די פּלענס אַ מאַיעסטעטישער "חתונה זאַל", הערליך דעקארירט און אויסגעצירט לכבוד ולתפארת, אַ שטאָלץ און פּראַכט פאַר סאַטמאַר'ס שטאָט, אַ הנאה פאַר אַלע תושבים און פאַר די הונדערטער און טויזנטער משתתפי השמחות אין לויף פון די קומענדיגע יאָרן בעזר ה'.

ווען מ'בויעט אין קרית יטב לב – בויעט מען גרויס, בויעט מען ברייט, בויעט מען מיט אַ וויזיע.

אָט אַזוי פּלאַנירט מען דעם גיגאַנטישן חתונה זאַל. סיי דער זאַל גופא, הערליך און מלכות'דיג, מיט אַלע אַרומיגע צימערן, חתן-כלה צימערן, מחותנים צימערן, יחוד שטיבל, קאָוט-רומס, און אַלע צוגעהערן, און דאָס זעלבע אין פּראַקטישקייט – הונדערטער פּאַרקינג-ערטער, צו קענען אויפנעמען מיט א באקוועמליכקייט די בעלי שמחה און זייערע געסט ביי די חתונות.

אָפּגערעדט אַז דער זאַל וועט זיין דער "תל תלפיות" פון קרית מלך רב, קרית יטב לב, ביי אַלע גרעסערע מאורעות, דינערס, כינוסים, אסיפות, אין שטאָט, וואָס דאָס וועט זיין דער ריכטיגער "פונדק אחד", ופתחו לי פתח כפתחו של אול"ם, און דער גאָלדענער נאָמען פונעם זאַל וועט זיך טראָגן אויף די ליפּן פון טויזנטער אידן מדי לילה בלילה, יעדע איינציגסטע נאַכט!

נאָך אַ קרישקעלע וואָס דאַרף נאָטירט ווערן. די ערעפענונג פון אַ נייעם מלכות'דיגן חתונה-זאַל אין יענעם ראַיאָן, וועט וואַרשיינליך אָנהייבן אַ נייע עפּאָכע אין די קומענדיגע יאָרן פאַר תושבי ניו יאָרק סיטי צו קענען חתונה-מאַכן אויך אין די זומער-מאָנאַטן, האָבנדיג דאָרט אויפ'ן פּלאַץ, פּונקט אינמיטן וועג, אַזאַ ריזן הערליכע חתונה-זאַל. גענוי ווי אין קרית יואל מאַכט מען שוין חתונה היינט לענגאויס דעם גאַנצן זומער, גענוי אַזוי וועט עס זיין אין קרית יטב לב, און ס'וועט ברענגען אַן אומבאַשרייבליכע דורכברוך אויפ'ן פראָנט פון אידישע שמחות פאַר גאַנץ סאַטמאַר!

אָט דער חתונה-זאַל, דער צוקונפט און עתיד פון טויזנטער בעלי שמחה, אַן אולם אדיר וואו הונדערטער און הונדערטער הייליגע אידישע הייזער וועלן זיך אויפבויען, וואו אַזויפיל מחותנים וועלן קענען אָפּרעכטן זייערע שמחות מתוך שמחת וחדוות הלב, אויף אַן עלעגאַנטן אופן פאַר אַ צוגענגליכן פּרייז, אָט דאָס אַלעס שטייט יעצט צו פאַרקויפן!

דאָס איז פילייכט דער סאַמע גרעסטער זכות אין דעם בנין, נאָכ'ן זכות שם הבנין. אַ זכות אדיר ונשגב וואָס מ'קען גאָר מיט ווערטער נישט אויסמאָלן. ווייל דער "נאָמען פונעם זאַל" וועט געטראָגן ווערן, ויהי' נשא על שפתותיהם פון אלפים מישראל, ס'וועט פיגורירן מיט שטאָלץ אויף טויזנטער חתונה-איינלאַדענונג, הזמנות צו מסיבות, און אַזוי ווייטער, וצדקתו ופעולתו פונעם נדיב הדגול וואָס וועט זוכה זיין וועט זיין עומדת לעד ולנצח!

דאָס איז אַן איינמאָליגער געשעפט, אַ גאָלדענע געלעגענהייט, וואָס וועט זיך נישט מאַכן נאָכאַמאָל! נדיבים בעם וועלכע פאַרשטייען, סוחרים וואָס וויסן, ביזנעסלייט וועלכע האָבן אַ שמעק, וואָס הייסט אַ "געלונגענער זכות", באַגרייפן אַז "דאָס איז עס"! יעצט איז די צייט וואָס מ'קען אריינכאפּן אזא זכות כביר, וואָס וועט באַגלייטן דעם נדיב בזה ובבא, ברענגענדיג זכותים נצחיים לעד ולנצח נצחים!

הרוצה באול"ם שם! יעצט קענט איר דאָס עררייכן! אַ גאָלדן געשעפט דלאו בכל יומא מתרחיש!

אַז ס'איז די גרעסטע זאַך, ס'איז דער שענסטער זכות, צו נעמען אַ חלק, קויפן אַ הנצחה אין די בנינים האדירים פון קרית יטב לב, ווייל דער עתיד פון סאטמאר, דער עתיד פון ניו יאָרק איז געריכטעט אַהין! ווייל דאָרט איז דאָ אַן עתיד בעזר ה', וויפיל מער מ'טוט יעצט אינוועסטירן, אַלץ שענער וועלן אי"ה זיין די פירות און פירי פירות, לדור ודור, ביז מ'וועט שוין זוכה זיין צום "עתידין להקבע בארץ ישראל", ומלכינו בראשינו, בב"א.

הבית אשר קרית יטב לב בונה, גדול והפלא! בנין בראַך מאַרשירט פאָראויס! סאַטמאַר קוועלט מיט די מאַרשירנדע הרחבת גבולי הקדושה פון קרית יטב לב – גדול ואדיר ונהדר יהי' כבוד הבית!

דער חשבון לויטעט קלאָר און דייטליך — דער מציאות צווינגט אָן קיינע ברירות:

# דער בנין מוז פאַרטיג ווערן, ווי אַ טאָג פריער!

## קרית יטב לב ואלפי תלמידי' מוזן עס האָבן קריטיש וויכטיג, פאַר'ן הוה ועתיד

## נייע "עמעראַלד ליווינג" דעוועלאפמענט, וועלעכע מאכט טעגליכע פאַרשריט, וועט צוברענגען - אין די מוסדות דעם קאָלאָסאַלן צאָל פון העכער 1800 תלמידים ותלמידות בלי"ה"ר!

וואָס אַ שאלה איז דאָס צי דער בנין דאַרף פאַרטיג ווערן? זיכער איז דאָס דרינגענד. מ'נעמט דאָך נישט אונטער א מולטי-מיליאן דאלער'דיגער אונטערנעמונג אויב איז דאָס נישט וויכטיג תיכף ומיד פאר'ן הוה ועתיד פון די הייליגע מוסדות און די לעכטיגע תושבים.

אָבער ס'גייט נאָך טיפער, ס'גייט נאָך ווייטער ווי דעם.

ווי גאַנץ סאַטמאַר האַלט מיט געשפאַנט, האָט זיך אין די יעצטיגע טעג אָנגעהויבן היסטאָרישע הרחבת גבולי הקדושה אין סאַטמאַר'ס בליענדער שטאָט "קרית יטב לב" ווען ס'איז אַריין אין קראַפט די אויפבוי פון אַ גיגאַנטישער דעוועלאָפמענט וואָס אַנטהאַלט 500 דירות ב"ה, וואס אַ גאָר באַדייטנדער חלק דערפון איז שוין "אונטער קאָנטראַקט" דורך היימישע קינדער-געבענטשטע משפחות וועלכע קוקן אַרויס אויף אַ גאָלדענעם הרחבה'דיגן עתיד אין דעם פראַכטפולן שטאָט וואָס איז דער אומצוויידייטיגער צוקונפט פון סאַטמאַר אין ניו יאָרק.

יעצט, לאָמיר גיין צום נעקסטן שטאַפל.

ווי די פאַקטישע בוי-ארבעט איז אריין אין קראפט, הערט מען פון די געניטע דעוועלאָפערס אַז זיי קוקן אַרויס אַז ביז צוויי יאר זאלן שוין האָפנטליך אלע דירות זיין אויפגעבויעט, גענצליך און פולקאָם, גרייט צו אנטפאנגען די פריליכע איינוואוינער וואס ווארטן שוין אויף דעם מזל'דיגן טאג צו ענדליך גרייכן אל המנוחה ואל הנחלה, און געניסן פון דעם אומבאַשרייבליכן הרחבת הדעת און הנאה'דיג צופרידן לעבן אין שפּאָגל-נייע מלכות'דיגע הייזער.

במקהלות רבבות עמך בית ישראל האָבן אנ"ש תלמידי וחסידי סאַטמאַר געהערט דעם כרוז שיצא מלפני המלך, מאן מלכי רבנן, כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, ובפי ישרים תתרומם ובשפתי צדיקים תתברך, ווען רבינו שליט"א האט ביים צענטראַלן מעמד ההודאה כ"א כסלו אויסגעלויבט די הערליכע הצלחה פון דעם עיר גדולה לאלקים קרית יואל, און אַרויסגעהויבן אַז די אַלע וואָס זוכן זיך אַרויסצוציען זאָלן דייקא בוחר זיין קרית יטב לב, און עלטערן זאָלן צורעדן די קינדער אונטערצונעמען דעם שריט וואָס וועט זיי אויסבויען אַ גאָלדענעם עתיד ברוחניות ובבגשמיות.

יעצט, מיט דעם אַלעם גענומען אין באַטראַכט, לאָמיר זיך נעמען רעכענען!....

מיט דעם יעצטיגן מציאות, ווען די הונדערטער נייע "עמעראַלד ליווינג" הייזער ווערן צוכאַפּט דורך היימישע משפחות אנ"ש, באַדייט דאָס קלאָר און דייטליך, אז בלויז דער נייער דעוועלאָפמענט זעלבסט וועט צוברענגען – אויפאַמאָל – אין די הייליגע מוסדות דעם קאָלאָסאַלן צאָל פון העכער 1,800 תלמידים ותלמידות בלי עין הרע! אַ גאַנצער ריזן מוסד בפני עצמו!

יעצט נאָך אַ שטאַפל ווייטער. לאָמיר אַ בליק טון וואָס איז דער יעצטיגער עקזיסטירנדער מצב אין די מוסדות פון קרית יטב לב.

די בניני המוסדות וועלכע זענען יעצט אין באַנוץ פון די מוסדות זענען אַלע "פולקאָם אויסגעוואקסן" אפילו בלויז פאַר די יעצטיגע איינוואוינער!

וויפיל מ'האט געבויעט, וויפיל מ'האָט פארגרעסערט, וויפיל מ'האט צוגעברענגט נייע בנינים, איז נאָך אַלץ נישטאָ וואו זיך צו רירן. מ'ניצט אויס יעדן אינטש, און מ'מאַטערט זיך יעדן אָנהויב יאָר, וויאַזוי נעמט מען אַוועק נאָך אַ שטיקל קאָרידאָר עס צו פאַרוואַנדלען אין אַ קלאַס-צימער?! דאָס ענגשאַפט גרייכט שוין די העכסטע שטאפלען.

יעצט, אדרבה, זאָגט איר אַליין. לאָמיר רעכענען, איינס מיט איינס.

אויב גייט דער מספר המוסדות זיך "פאַרטריפלען" אויפאיינמאָל, וואָס גייט דעמאָלט זיין?!

יעדער פאַרשטייט, אַז אַ בנין וואַקסט נישט ארויס איבערנאַכט, און דעמאָלט קען מען ח"ו געכאַפּט ווערן אין אַ קריזיס פון וואָס מ'וועט זיך נישט קענען אַרויסזען.

קרית יטב לב מוז האָבן דעם נייעם בנין שוין יעצט – און פי כמה מוז מען עס האָבן מיט אַ בליק אויפ'ן סאַמע נאָענטן עתיד, בשעת ווען דער בנין וועט פאַרטיג ווערן, וועט דער בנין שוין מוזן זיין גענצליך אין באַנוץ, און ס'איז גאַנץ מעגליך אַז מ'וועט שוין דעמאָלט זיך דאַרפן נעמען צום נעקסטן בנין...

אויב זאָל דער בנין נישט פאַרטיג ווערן ווי אמשנעלסטן, און מ'הייבט אָן אַריינפאַלן אין אַ "טרעילאָר מציאות", דאס טייטש, אנהייבן שלעפן קאראווענען, און זיך מוטשען מיט אלע סאָרט צייטווייליגע לעזונגען, באַדייט דאָס אַן ענדלאָזער ציקל פון אַסטראָנאָמישע הוצאות, אומזיסטיגע שווערע הונדערטער אלפים וואָס קען ח"ו צעשאָקלען די סטאַביליטעט פון די מוסדות-אימפעריע וואָס פונקציאָנירט ב"ה בגאון ובעוז.

אַלזאָ, וואָס בלייבט די איינציגע עצה?

בויען! און בויען מיינט שוין! בויען מיינט שנעל! בויען מיינט מיט'ן פולסטן קראַפט!

בויען מיינט ציען שטאָקן מיט אימפעט! בויען מיינט נישט אויפהערן און זיך נישט אָפּשטעלן ביז דער ענדע!

ווייל ולא יכלו להתמהמה. נישטאָ קיין צייט זיך צו פאַרזוימען. נישטאָ קיין מינוט צו צעגערן. די מוסדות דאַרפן עס האָבן! די קינדער מוזן עס האָבן! די שטאָט מוז עס האָבן – וואָס אַ טאָג פריער.

הנהלת המוסדות איז אַנטשלאָסן, פאַר יעדן פרייז בעולם, דאָס דורכצופירן.

נדיבים בעם, סאטמארער פילאנטראפּן, זענען אנטשלאסן דאָס צו מאַכן פאַסירן.

די בונים ומקימים עולמות, די וואָס פאַרשטייען אַ געשעפט, ווייסן אַז דאָ איז דער עתיד. זיי ווילן עס זען ווי ס'אַנטוויקלט זיך במלוא הודה והדרה, זיי ווילן – און וועלן בעזר ה' – קויפן זכותים, און אינאיינעם וועט אי"ה סאטמאר פארזיכערן אַז דער בנין האדיר ווערט געבויעט, מיט דער מאַקסימום שנעלקייט, אַלס פאר ותפארת, אַ שטאָלץ פאַר ממלכת סאטמאר האדירה.

**ובאש אתה עתיד לבנותה.**



# יעלצו לפני אלקים וישישו

מעומק לבבינו כסא דברכתא נרימה, מול מעלת כבוד ידידינו הנכבד, גריס באורייתא תדירא ומגדולי תומכי', מרבה פעלים לתורה ולתעודה, בתורת ה' חפצו וטופח על מנת להטפיח להגדיל תורה ולהאדירה

ידידינו היקר והנערץ, מסור בלב ובנפש למען הצלחת כוללינו, רחים ומוקיר רבנן ואיהו גופי' צורבא מרבנן, עושה תורתו קבע ומלאכתו ארעי, תורת חסד על לשונו ומרים כבודה ותפארתה

הרה"ג ר'

# יואל גאטליב

שליט"א

בן הרה"צ רבי **חיים יוסף** שליט"א

## חבר הנהלת כוללינו

לרגל תת ה' שמחו במעונו

אירוסי בנו החתן המופלג בתוי"ש **כמר משה הי"ו**

עב"ג בת **הרה"צ רבי מענדל קאהן שליט"א**,

**בן כ"ק אדמו"ר מנחלת אהרן שליט"א**

ונכד **הגה"ק מתולדות אהרן זצוק"ל** בעל דברי אמונה

**רגשי תודתינו נביע, בשם מאות יושבי אהל, בעד פעולותיו הנמרצים למען יושבי אהל, ברית התיכון של כל הפעולות של כוללינו, העושה והמעשה בכל כח ועוז, במסירה נאמנה עד להפליא, להרחיב דעתן של ת"ח המגבירים חיילים בתורה**

יעלה ויגיע ברכותינו חמה ולבבית, רב נחת דקדושה ירוו בכל עת, הצלחה בתורה ובפרי מעשיו לטובה, ברכת ה' היא תעשיר ובכל אשר יפנה יצליח, וזכות התורה יליץ בעדו ובעד משפחתו בכל מיני השפעות לנצח נצחים

## כברכת: הנהלת הכולל



# אַשְׁרֵי תְמִימֵי דָרֶךְ

פרשת שמות

זכות
**מיני ווען לשבוע**

הרבני הנגיד
מו"ה **נפתלי חיים פריעד** הי"ו
לזכות החתן מאיר בן אלטע דבורה
והכלה שרה זיסל בת פיגא חי' לאה
קשר של קיימא ובנין עדי עד

#1
זכות **החודש שלי**
א גמ"ח הצלה ווען - לחודש

לזכות

## זכורת **היום שלי**

א פולן טאג אין
א גמ"ח הצלה ווען

**במשך ימי חודש טבת העעל"ט**

פינו מלא שיר ושבח לכבוד ידידינו החשובים, רודפי חסד
וצדקה תושבי קרית יואל החשובים שיחיו שזכו לרכוש
לעצמם זכות אדיר ונצחי של זכות היום שלי

**$360 מיני-ווען | 15 פאסאנדזשיר-ווען $720**

| | | |
|---|---|---|
| **ב** #6<br>מו"ה **יצחק משה פרענקל** הי"ו<br>לע"נ זקינו מו"ה יצחק ב"ר משה ע"ה | **ב** #7<br>מו"ה **משה אליעזר ניימאן** הי"ו<br>לע"נ אביו מו"ה ישראל יודא בן ר' משה אליעזר ע"ה | **ג** #1<br>מו"ה **יעקב משה אליעזר הכהן כ"ץ** הי"ו<br>להצלחה בכל הענינים |

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| **ו** #2<br>מו"ה **יואל שרייבער** הי"ו<br>לזכות החתן יצחק בן חנה שרה<br>והכלה פרומט בת רחל<br>קשר של קיימא ובנין עדי עד | **ו** #3<br>מו"ה **אברהם יושע אלטמאן** הי"ו<br>לזכות אברהם יושע בן דבורה וזוגתו<br>רבקה רחל בת יהודית שמחה וכל<br>משפחתו להצלחה בכל הענינים | **ז** #1<br>מו"ה **בנציון ישראל כ"ץ** הי"ו<br>לרגל הכנסת בנו נ"י<br>בבריתו של אברהם אבינו | **ז** #5<br>מו"ה **בערל פאזען** הי"ו<br>להצלחה בכל הענינים | **ח** #1<br>מו"ה **יוסף כ"ץ** הי"ו<br>להצלחה בכל הענינים |
| **י** #6<br>מו"ה **אברהם אבא וייס** הי"ו<br>לע"נ מו"ה שמואל בנימין ב"ר<br>ישראל חיים יחזקאל ע"ה | **יא** #1<br>מו"ה **הלל שלמה דייטש** הי"ו<br>לע"נ לאה ב"ר יצחק ע"ה | **יא** #2<br>מו"ה **שלמה לייב שניצער** הי"ו<br>לע"נ זקינו הגה"צ רבי שלמה יהודה<br>לייב ב"ר פסח צבי זצוק"ל<br>בעמח"ס שו"ת ערך ש"י | **יא** #5<br>מו"ה **חיים אליעזר פישער** הי"ו<br>להצלחה בכל הענינים | **יא** #6<br>הרבני הנגיד<br>מו"ה **אברהם יודא ראזענבערג** הי"ו<br>לע"נ חמותו רייזיל בת ר' דוד ע"ה |
| **יד** #4<br>מו"ה **יואל** ב"ר העניך **פריעד** הי"ו<br>לע"נ רחל מינדל ע"ה ב"ר יואל ני"ו | **טו** #1<br>מו"ה **יואל לעווינגער** הי"ו<br>לזכות החתן יוסף שמואל בן דרעזיל<br>והכלה אסתר בת טויבא פעסיל<br>קשר של קיימא ובנין עדי עד | **טז** #1<br>מו"ה **יעקב מנחם דייטש** הי"ו<br>לע"נ אביו מו"ה אליעזר דוב<br>ב"ר יעקב ע"ה | **טז** #2<br>מו"ה **זלמן לייב שטיין** הי"ו<br>להצלחה בכל הענינים | **יז** #1<br>מו"ה **שמואל מענדלאוויטש** הי"ו<br>להצלחה בכל הענינים |
| **כ** #1<br>מו"ה **ר' זלמן לייב שטערן** הי"ו<br>לע"נ אביו מו"ה חנני' יו"ט ליפא<br>ב"ר יונתן בנימין ע"ה | **כ** #2<br>מו"ה **הערשל פישער** הי"ו<br>לזכות חיים שלמה מנחם בן טויבא רייזל<br>- חי זיסל בת חנה רחל לאה | **כ** #6<br>מו"ה **שמעון גאלדבערגער** הי"ו<br>לרגל הכנסת בנו הב' המצוין<br>כמר יוסף חיים נ"י<br>לעול התורה והמצות | **כ** #7<br>מו"ה **אליעזר דוד האפמאן** הי"ו<br>לע"נ זקינו מו"ה יצחק שלמה<br>ב"ר אליעזר דוד הלוי ע"ה | **כא** #1<br>מו"ה **יואל שאלילאף** הי"ו<br>לע"נ מרים בת נתנאל הלוי |
| **כו** #1<br>מו"ה **משה מארקאוויטש** הי"ו<br>לע"נ צבי ב"ר יקותיאל יודא ע"ה | **כז** #2<br>מו"ה **מרדכי לאנדא** הי"ו<br>לע"נ אמו אסתר ב"ר יצחק דוד ע"ה | **כז** #4<br>מו"ה **יואל כ"ץ** הי"ו<br>לע"נ בילא חי' בת ר' יוסף הלוי | **כז** #7<br>הרבני הנגיד<br>מו"ה **נפתלי הירצקא** בר"י **בראך** הי"ו<br>לעילוי נשמת אחותו רחל<br>ב"ר יצחק ע"ה | **כז** #9<br>מו"ה **משה יוסף פריעדמאן** הי"ו<br>לע"נ חמותו חי' פריידא<br>ב"ר יהושע ע"ה |

#1

| | |
|---|---|
| ווען אינשורענס אי-זי-פעס | לע"נ הרה"צ ר' אברהם דוב ב"ר דוד זצוק"ל,<br>בעמח"ס בת עין<br>ולע"נ הרה"צ ר' ישעי' ב"ר משה זצוק"ל |
| געז | מוה"ר ישראל צאהלער הי"ו |



#2

| | |
|---|---|
| ווען נדבן | מוה"ר קלמן יואל סופר הי"ו |
| אינשורענס | מוה"ר ברוך יצחק ווייס ובנו מוה"ר יואל הי"ו |
| אי-זי-פעס | מוה"ר רפאל עקשטיין הי"ו |
| געז | הרוצה בעילום שמו |



#3

| | |
|---|---|
| ווען נדבן | מוה"ר פנחס שפירא הי"ו |
| אינשורענס | מו"ה יואל בר"מ בראך הי"ו |
| אי-זי-פעס | לזכות אליעזר זוסיא בן הענטשא מינדל<br>וזוגתו רויזא בלימא בת ניחא |
| געז | אוועיליבעל |



#4

| | |
|---|---|
| ווען נדבן | מוה"ר יצחק מארקאוויטש הי"ו |
| אינשורענס | מוה"ר יואל באכנער הי"ו |
| אי-זי-פעס | מוה"ר יואל מיטעלמאן הי"ו |
| געז | אוועיליבעל |



#5

| | |
|---|---|
| ווען נדבן | מוה"ר חיים אלי' ראטה הי"ו<br>ובנו מוה"ר משה ראטה הי"ו |
| אינשורענס | מוה"ר שלום אליעזר בערגער הי"ו |
| אי-זי-פעס | מוה"ר משה יושע יאקאב הי"ו |
| געז | אוועיליבעל |



#6

| | |
|---|---|
| ווען נדבן | הרוצה בעילום שמו |
| אינשורענס | מוה"ר יואל עפשטיין הי"ו |
| אי-זי-פעס | מוה"ר בנימין ווערצבערגער הי"ו |
| געז | מוה"ר משה דוד פריעדמאן הי"ו |



#7

| | |
|---|---|
| ווען נדבן | יהודה בן רבקה |
| אינשורענס | אוועיליבעל |
| אי-זי-פעס | מוה"ר משה יהושע יאקאב הי"ו |
| געז | Bubbys Dairy · Delish |



# מבצרי הישיבות

## וואַרימע גריסן, שפּרודלנדע נאָטיצן און לעכטיגע באַריכטן

מיט א בליק אריין, מהנעשה והנשמע, צווישן די הייליגע פעסטונגען פון

# ישיבות הקדושות סאטמאר קרית יואל

## בין כותלי ישיבה קטנה חלק ג' בהנהלת הרה"ג ר' אברהם חיים ליפשיץ שליט"א

### אַ שובבי"ם גייסט אין ישיבה...

אויב זענען די טעג פון שובבי"ם ת"ת אנגענומען צווישן סאטמארער חסידים ווי א ספּעציעלע הייליגע זמן ווען מען דערהייבט זיך עטוואס העכער בתורה ותפלה, איז דאס אבער פילפאכיג שטארקער קענטיג ביי די פרחי כהונה, די לעכטיע בחורי חמד אין די ישיבות קטנות, וועלכע נוצן אויס אט די פארכטיגע טעג צום שפּיץ, מיט א יגיעת התורה און אן עבודת התפלה, מיט א זעלטענע התמדה און געהויבענע תפלות, און מיט אן אלגעמיינע התעלות רוחניות, וואס איז קענטיג אויף טריט און שריט בין כותלי הישיבות.

פאַרלאָפענעם מאָנטאָג שמות, שטייענדיג ביי דער התחלה פון די הייליגע ימי השובבי"ם, האָט דער מנהל שליט"א אויפגעטרעטן מיט אַ וואַרימע דרשה, וואו ער האָט אַרומגערעדט איבער די משמעות פון לערנען "ברציפות", אַז די כוונה איז נישט בלויז צו נישט אויסרעדן, נאר אַז אַ בחור קען דאָס אויסנוצן כדי זיך צו איינגעוואוינען אַז די גאַנצע קאָפּ זאל ליגן אין תורה.

טרעפליך האָט דער מנהל שליט"א נאָכגעזאָגט אַ לייכטע און פּראַקטישע מהלך וויאַזוי צו קונה זיין אמת'ע שקידה בתורה מיט'ן גאַנצן קאָנצענטראַציע, ווי עס ווערט אַראָפּגעברענגט אין ספר עבודת בנימין, פון הגה"צ רבי בנימין ראבינאוויטש זצ"ל חבר הבד"ץ העדה החרדית.

די יסודות'דיגע דרשה האָט איבערגעלאָזט אַ טיפן רושם אויף די בחורי חמד און ס'איז טאַקע קענטיג אין די יעצטיגע וואָכן ווען דער אש התורה ברענט צווישן די כותלי הישיבה.

די תלמידי הישיבה האָבן אין אנהויב פון די ימי השובבי"ם ערהאלטן א קארטל וואו מען קען אויספולן די שעות איבער די וואך, וואס ברענגט אין די ענדע א קיימא לן פון פילע הונדערטער שעות רצופות געלערנט וועכנטליך בהתמדה רבה וברציפות בלי הפסק כלל!



שעות רציפות

| | א' | ב' | ג' | ד' | ה' | ו' | שבת |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| אשמורת | | | | | | | |
| לפנ"צ | | | | | | | |
| לאחצ"ה | | | | | | | |
| ערב | | | | | | | |
| שעות נוספות | | | | | | | |
| סך הכל | | | | | | | |

סך הכל כללי

הכנה לתפלה

| | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| יעשה עצמו כאלם לפני התפלה | ☐ | ☐ | ☐ | ☐ | ☐ | ☐ | |
| עומד לפני המלך בזמן | שחרית ☐ מנחה ☐ מעריב ☐ | שחרית ☐ מנחה ☐ מעריב ☐ | שחרית ☐ מנחה ☐ מעריב ☐ | שחרית ☐ מנחה ☐ מעריב ☐ | שחרית ☐ מנחה ☐ מעריב ☐ | שחרית ☐ מנחה ☐ מעריב ☐ | |





### געהויבענע מסיבת לחיים לכבוד ראש חודש שבט

אַ גייסטרייכע 'מסיבת לחיים' איז פאָרגעקומען אין היכל ישיבה קטנה חלק ג', דעם ראש חודש שבט העעל"ט, נאָכ'ן דאַווענען תפלת שחרית ומוספים, וואו מען האָט גלייכצייטיג אָפּגעצייכנט בשבח והודאה אַז ס'איז שוין אַריבער דער ערשטער האַלב פון דעם זמן החורף מיט אַזאַ געוואַלדיגע הצלחה, כה יתן ה' וכה יוסיף.

דער מסיבת לחיים איז געווען אין שפּיץ פון דעם משפיע הישיבה, הרה"ג ר' לייבוש דייטש שליט"א, וואס האט פאסיג ארויסגעהויבן די געפילן פון שבח והודאה אז מען שטייט שוין ב"ה דא, נאכ'ן קונה זיין אזויפיל תורה ויראת שמים אין די ערשטע חדשים פון דעם ווינטער זמן, וואס דאס דארף אונז מעורר זיין צו ממשיך זיין ווייטער ביתר שאת ועוז.

דער משפיע הישיבה, ר' לייבוש שליט"א, האט נאכגעזאגט מפי ספרים וסופרים איבער דעם 'חיוב הודאה' וואס מ'דארף געבן פאר'ן אויבערשטן על כל החסד אשר עשה עמנו ברוחניות ובגשמיות, און ספאנטאניש האבן זיך די בחורים טאקע אויפגעשטעלט צו זינגען אינאיינעם ניגוני הודאה בשמחה ובטוב לבב.

### דרשת התחזקות דורך הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א

דעם פארגאנגענעם מיטוואך וארא, ער"ח שבט, האט מען אנטפאנגען הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א, אלס טייל פון די קביעות'דיגע באזוכן פונעם רב שליט"א אין ישיבה, וואו ער באגלייט די בחורים און האלט מיט אלע סדרי הישיבה תמידים כסדרן.

דער רב שליט"א האט געדאוונט שחרית אינאיינעם מיט די תלמידי הישיבה, און נאכ'ן דאווענען, נאך זייענדיג מעוטף בטליתו האט ער איבערגעגעבן א ווארימען שמועס לכבוד די ימי השובבי"ם, וואו דער רב שליט"א האט ארומגערעדט איבער די אמת'ע יגיעת התורה וואס פאדערט זיך צו אמת'דיג פארשטיין און זיך מעמיק זיין אין די הייליגע גמרא. דערנאך זענען די בחורי חמד אריבער געגאנגען מיט זייערע 'קבלה' צעטלעך, וואו זיי האבן זיך אונטערגענומען צו לערנען הונדערטער שעות רצופות אין די קומענדיגע וואכן.

באַזונדער האָבן די טייערע תלמידי הישיבה אַ געלעגנהייט, יעדע וואָך דינסטאָג, נאָכ'ן דאַווענען מנחה, צו רעדן מיט'ן רב שליט"א אויף אַ פּריוואַטן אופן. דער רב שליט"א האָט באַשטימט אַ ספּעציעלע צייט זיך צו אָפּגעבן מיט יעדן בחור באַזונדער, ווען די בחורים זענען דערביי מקבל זיין מלוא חפניים און באַקומען עצה והדרכה וויאַזוי צו ריכטיג אויסשטייגן בתורה וביראת שמים, וואָס ברענגט אַ געוואַלדיגע תועלת הניכר.

# הערליכער סדר "לימוד ספרי חסידות" איינגעפעדעמט


בעזהשי"ת

כאשר תקום מן הספר תחפש באשר למדת דבר אשר תוכל לקיימו

אגרת הרמב"ן

יום ב'

יום ג'

יום ד'

יום ה'

ערש"ק

ווי באַריכטעט אין דעם רובריק האָט מען אין די פאַרלאָפענע ימי החנוכה העעל"ט איינגעפירט אַ הערליכע סדר אין ישיבה, ווען די בחורים האָבן געלערנט יעדן טאָג בעפאָר תפלת שחרית מיט אַ קביעות די 'קדושות' פון ספה"ק קדושת לוי, וואָס האָט ב"ה געברענגט אַ געוואַלדיגע התעלות אויף די תלמידי הישיבה.

נאָכ'ן מיטלעבן אַזאַ הצלחה האָט דער משפיע הישיבה, הרה"ג רבי לייבוש דייטש שליט"א, דאָס איבערגערעדט מיט הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א, אַז מען זאָל ווייטער ממשיך זיין די שיינע הנהגה אַז די בחורים זאָלן זיך ווייקן אין די הייליגע חסידי'שע ספרים. ס'איז באַשטימט געווארן אַז אַצינד זאָל מען עוסק זיין אין דעם ספה"ק 'באר מים חיים', וואָס איז באַקאַנט אַז דאָס איז געווען פון די ספרי יסוד ביי רבותינו הק' זי"ע מיט זיין הייליגע לשון און די יסודות נפלאים וואָס ליגט אין יעדע שורה פון דעם ספר.

לרגל די התחלת הלימוד האָט הרה"ג רבי לייבוש שליט"א געגעבן אַ שמועס פאר די בחורים, פאַרגאַנגענעם מאָנטאָג פרשת ויחי, וואו ער האָט אַרומגערעדט וויאַזוי מ'דאַרף לערנען ספרי חסידות אַלס אַ געהעריגע לימוד, כאָטש פופצן מינוט פאַר'ן דאַווענען און אַז יעדער בחור זאל ברענגען זיין אייגענע "באר מים חיים" כדי דאָס צו מאַכן אַלס אַ קביעות גמור.

אין די לעצטע וואָכן איז טאַקע איינגעפעדעמט געוואָרן דער סדר הלימוד מיט חברותות ווען דאָס בית המדרש קאָכט און פלאַקערט מיט די הייליגע ווערטער, גם כי יזקין לא יסור מהם.

# געוואַלדיגע הצלחה ביים "סדר בקיאות קודם התפלה"

אין די ראַמען פון דער התמדת התורה בין כותלי הישיבה איז איינגעשטעלט דער סדר פון "שיעורי בקיאות" וואָס מען לערנט באשמורת הבוקר לפני התורה, ווען די תלמידי הישיבה זענען עוסק בשקידה צו דורכאַקערן בלעטער גמרא תוספות אין די ריינע שעה'ן ווען דער קאָפּ איז נאָך קלאָר, וואָס געוואוינט זיי טאַקע איין צו קענען אַליין לערנען און קונה זיין בלעטער גמרא מיט אַ ידיעה ברורה.

אַצינד האָט מען שוין ב"ה פאַרענדיגט גאַנצע צוועלף בלאַט גמרא תוספות וואָס די בחורים האָבן אליינס געלערנט אינערהאַלב דעם סדר בקיאות. עס איז פאָרגעקומען אַ פלייסיגע חזרה און מען גרייט זיך יעצט אויף אַ גרויסן "חוזר חזרה" וואָס וועט נאָכפאָלגן מיט אַ פאַרהער אין די קומענדיגע טעג.

**והגית בם יומם ולילה!**

# בין כותלי ישיבה קטנה חלק ב'

## בהנהלת הרה"ג ר' חיים הערש שפירא שליט"א

# פלאַמפייערדיגע דרשת התעוררות בעניני תפלה, דורך הרה"ג רבי מאיר מיכאל גרינוואַלד שליט"א

דאָס דאַווענען בין כותלי הישיבה איזווירקליך א שם דבר, וואס יעדער וועלכער האט אמאל נאר דאס מיטגעהאלטן קען זיך נישט איבערקומען פון אט דער מחזה הוד וואס שפילט זיך אפ טאג טעגליך, ווען די לעכטיגע בחורי חמד זענען עוסק בעבודת התפלה מיט אַזאַ קאָך און התלהבות ובקול המעורר הכוונה.

אין אַ בחינה פון 'אין מזרזין אלא למזורזין' האָט מען דעם פאַרגאַנגענעם מיטוואָך ווארא געהאַט צוגאַסט אין ישיבה דעם באארימטער פה מפיק מרגליות ומלהיב לבבות ישראל לאביהן שבשמים, הרה"ג ר' מאיר מיכאל גרינוואלד שליט"א, וואס איז באקאנט אין דער גאנצער וועלט מיט זיינע געוואלדיגע דרשות מעורר צו זיין איבער די ענינים פון תפילה ואמן יהא שמיה רבא, וואס דבריו עושים פירות איבעראָל.

דער חשוב'ער מגיד משרים שליט"א האָט אַ לענגערע צייט אַרומגערעדט מיט אַ געוואַלדיגע קאָך, איבער דאָס גרויסקייט פון עניני התפלה, בפרט איבער די זהירות וואָס מ'דאַרף האָבן ביי דעם ענין פון "שתיקה יפה בשעת התפלה" באַגלייט מיט פילע מאמרים וענינים פון חכמינו זכרונם לברכה, און פון די ספרים הקדושים, ווי אויך פילע מעשיות און פערזענליכע עפיזאדן, וואס אין א בחינה פון 'מבשרי אחזה' האָט דאָס געהאט א געוואלדיגע השפעה אויף די בחורי חמד, ווען דאָס דאווענען אין ישיבה איז ב"ה געשטיגן נאָכמער עשר מעלות, מיט אַ ריכטיגע עבודה שבלב זו תפלה.

# 'דברות קודש' ווערט געהערט און גע'חזר'ט בין כותלי הישיבה

מדי שבוע בשבוע, יעדן דאָנערשטאָג נאָכמיטאָג בימי השובבי"ם, האָבן די בחורים די זכי' צו הערן די הייליגע שובבי"ם תורות פון רבינו הקוה"ט זי"ע, ווען מען וואַרימט זיך מיט די דברי אלקים חיים וואָס האָט אויפגעשאָקלט אידישע קינדער צו אמת'ע תשובה ותיקון המעשים מיט בכיות נוראות ונהרי נחלי דמעות.


בעזרת השם יתברך

קונטרס

**לשון קדשו**

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

רבינו **יואל טייטלבוים** זללה"ה

אבדק"ק סאטמאר יע"א

וגאב"ד עיה"ק ירושלים תובב"א

סעודה שלישית

**וארא תשכ"ז** (חלק ב)

לָכֵן אֱמֹר לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל אֲנִי ה'

נעתקו בלשון אידיש

**בהוספת ביאורים והערות**

להבנת הענין

שנת תשפ"ד לפ"ק

בעפאָר מען הערט דעם שובבי"ם רעקאָרדירונג גייט דער מנהל שליט"א איבער מיט די בחורים דער 'חלק הדרוש' פון דער תורה, כדי אַז ס'זאָל זיין גרינגער מיטצוהאַלטן און דערנאָך הערט מען די אידישע העתקות פון אינעווייניג, בצוותא חדא.

ווי שיין איז דאָס בילד ווען אויך דער דריטער און פערטער דור, בני שלשים ובני רבעים, וואס זענען שוין געבוירן געווארן אַזויפיל לאַנגע יאָרן נאך דעם רבי'נס הסתלקות לגבהי מרומים, וואס האבן שוין נישט געזען דעם אש הגדולה, דעם תורה שנתנה באש, אָבער די הייליגע דיבורים האבן ווייטער אַ רישומא קדישא אויף זייערע יונגע הערצער ברתת ובזיע.

# 'פינף' שעות רצופות יעדן ליל שישי!

די אויסטערלישע התמדת התורה וואָס פלאַקערט אין ישיבה קומט אַמבעסטן צום אויסדרוק יעדן ליל שישי אין די יעצטיגע ימי השובבי"ם, ווען די טייערע בחורים זענען פון די משכימי קום וועלכע שטייען אויף אין די גאָר פריע פאַרטאָגס שטונדן, באשמורת הבוקר, צו לערנען אין דעם "סדר שלש שעות" אין ביהמ"ד הגדול, ווען מען לערנט דריי שעה רצופות בדיבוק חברים.

אָבער אין אַ בחינה פון מוסיפין והולכין טוען זיך נישט די טייערע בחורים באַגעניגן מיט דעם סדר הלימוד, נאר אויך נאָכדעם וואָס מען קומט אין ישיבה ווערט פאָרגעזעצט דער סדר פון לימוד שעות רצופות מיט נאָך צוויי פולע שעות וואָס דורכדעם איז מען משלים צו גאַנצע פינף שעה רצופות יעדע איינציגע וואך!

ס'איז באַקאַנט וואָס די ספה"ק שרייבן איבער די סגולה מיוחדת פון לערנען פינף שעה רצופות, וואס פארא געוואלדיגע קדושה און זיכוך הנפש אזא סארט לימוד ברענגט אויפ'ן מענטש, וכלשון הספה"ק יסוד העבודה (ח"ג פ"ה): "נראה לי שדבר זה הוא ענין נפלא המועיל ומזכך ומכפר ומביא אותו אדם לתשובה וכפרה מעולה". און אָט דאָס זענען די לעכטיגע בחורים זוכה צו מקיים זיין יעדע וואָך מיט אַזאַ שיינקייט און התמדה!

מטעם די הנהלת הישיבה קומט פאר יעדע וואָך אַ באַזונדערע גורל פאר די אַלע בחורים המצטיינים וועלכע זענען ממשיך צו לערנען נאָך צוויי שעה בנוסף צו דעם 'סדר שלש שעות' אין ביהמ"ד הגדול. מה אהבתי תורתך!

# הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א באַוואונדערט געוואַלדיגע התמדה בימי השובבי"ם

פאַרגאַנגענעם מיטוואָך פרשת וארא, ביי דעם קביעות'דיגן באַזוך אין ישיבה דורך הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א, נאָכדעם וואָס דער רב שליט"א האָט געדאַווענט תפלת מנחה אינאיינעם מיט די בחורים זענען די רמ"י הישיבה איבערגעגאַנגען מיט'ן רב די סך הכל פון הונדערטער שעות רצופות וואָס די תלמידים האָבן געלערנט במשך די וואָך פון פרשת שמות.

דער רב שליט"א האָט אויסטערליש מפליא געווען די גרויסע חשקות התורה וואָס איז קענטיג אויף די בחורי חמד און ער האָט שטאַרק מחזק געווען די מרביצי תורה שליט"א צו ממשיך זיין מיט דער הייליגער ברען וואָס פלאַקערט ב"ה אין ישיבה אַגאַנץ יאָר בכלל און בימי השובבי"ם בפרט.

# שמחת התורה ביי "בחינה הגדולה" אינערהאַלב חבורת "השלמת מסכתות"

ווי שוין ערווענט צווישן די שפאַלטענס פון דעם קאָלום איז

## בין כותלי ישיבה קטנה חלק ב׳ בהנהלת הרה״ג ר׳ חיים הערש שפירא שליט״א

אַ נאָבעלע איינפיר איינגעשטעלט געוואָרן אין ישיבה, ווען די טייערע בחורים האָבן זיך אָנגעשלאָסן פרייוויליג אין אַ חבורה צו משלים זיין די פרקים פון "מסכת פסחים" וואָס מען וועט נישט אָנקומען צו לערנען אין די געווענליכע סדרי הישיבה פונעם יאָר, אַזוי אַרום זאָלן זיי קענען מסיים זיין די גאַנצע מסכת ביים ענדע יאָר בעז"ה.

שטייענדיג שוין נאָך דריי חדשים אַריין אין דעם ווינטער זמן האָט מען ב"ה מסיים געווען דעם גאַנצן פרק "תמיד נשחט" אין די ראַמען פון חבורת "השלמת המסכתא". דעם פארלאפענעם פרשת שמות און פרשת וארא איז פארגעקומען א חזרה אויף דעם גאַנצן פרק, ווען לכבוד דעם געלעגנהייט האָבן די בחורים אויך געלערנט די בלעטער גמרא במשך דעם מיטאג סדר, כדי דאָס גוט צו ענדיגן און קונה זיין.

באַזונדער איז פאָרגעקומען אַ הערליכער "סדר הלימוד", דעם פאַרלאָפענעם מוצש"ק וארא, ווען ס'איז געווען אַ "חוזר חזרה", זיך צו גוט צוגרייטן צום בחינה הגדולה. ס'איזווירקליך געווען אַ מחזה הוד וויאַזוי די צענדליגער תלמידי הישיבה האָבן זיך אַוועקגעגעבן פון זייער פרייע צייט און געקומען לערנען אַריבער צוויי שעות רצופות במוצאי יום מנוחה.

נאָכ'ן סדר הלימוד איז געפּראַוועט געוואָרן אינאיינעם אַ שיינע סעודת מלוה מלכה, וואו הרה"ג ר' יואל אלימלך כהנא שליט"א מו"ץ דקהלתינו הק' האט אויפגעטרעטן מיט פאסיגע דברי חיזוק ללומדי תורה.

דעם קומענדיגן זונטאָג פרשת בא איז טאַקע אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער גרויסער פאַרהער אויפ'ן פרק "תמיד נשחט", וואָס מען האָט געלערנט און קונה געווען אין די זייטיגע זמנים. דער פאַרהער איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דורך הרה"ג ר' נפתלי הירצקא האלצער שליט"א דומ"ץ במאָנסי, וואָס האָט מפליא געווען וויאַזוי די חשוב'ע בחורים האָבן זיך גאר שטארק אויסגעצייכנט און באוויזן דעם ברכה בלימודם ווען זיי האבן מקיים געווען דעם מאמר חז"ל שגורים בפיהם און געענטפערט אויף אלע פראגעס בטוב טעם ודעת.

נאכ'ן ענדיגן דעם גרויסן פארהער מיט אַזאַ הצלחה איז גלייך געפּראַוועט געוואָרן אַ הערליכער מעמד סיום הפרק וואס איז צוגעשטעלט געווארן דורך די הנהלת הישיבה להביע רננות בעד מפעלי עמלי התורה.

ביים מעמד הסיום האָט צ ו ע ר ש ט אויפגעטרעטן איינער פון די חשוב'ע תלמידי הישיבה הבחור החשוב יצחק ני"ו בן הרה"ג ר' יוסף יודא גוטמאן שליט"א וואָס האָט אַרויסגעברענגט די געפילן פון אַלע בחורים ווען מען איז זוכה צו ענדיגן א פרק און זייטיגע זמנים און די געוואלדיגע התעלות וואָס מען שפּירט דערפון.


ישיבה קטנה (ח"ב) תורה ויראה סאטמאר
חבורת הדרן עלך
לחזור ולקנות מסכת גיטין - לימודי שנה שעברה
סדר המוצאי שבת פרשת וארא
סדר הלימוד
על כל פרק 'תמיד נשחט'
ועל ג' פרקים הראשונים ממסכת גיטין
ואח"כ יתקיים סעודת מלוה מלכה בשבת אחים גם יחד
בראשות הרה"ג יואל אלימלך כהנא שליט"א
מו"ץ בקהלתינו
וישא מדברותיו סיפורי צדיקים וחיזוק ללומדי תורה
סדר הזמנים
יסע הבאס....8:00
סדר הלימוד ב' שעות רצופות....8:15
נטילת ידים למלוה מלכה....10:15
ברכת המזון....11:10
יסע הבאס....11:15
(סדר הבאס במודעה נפרדת)


ישיבה קטנה (ח"ב) תורה ויראה סאטמאר
- שיעור השלמת המסכת -
מודעה משמחת
והם הם שעתידים בעזה"ש לברך על המוגמר בסוף השנה לגמור המסכת פסחים בשלימות גמור ומי שטרח בערב שבת יאכל בשבת
בחינה גדולה
על כל פרק 'תמיד נשחט'
ביום ה' פרשת וארא ר"ח שבט הבעל"ט
סעודת ראש חודש ומסיבת היזוק
הפרטים אודות הבחינה והמסיבה יתפרסם אי"ה בקרוב

אין א באזונדערע שריט האט הבה"ח יצחק הי"ו ארויסגעברענגט בשליחות אלע בחורים וועלכע זענען אנגעשלאסן אין די הייליגע חבורה די געוואלדיגע רגשי הכרת הטוב פארן חשוב'ן מנהל שליט"א וועלכע שטייט בראש פון די חבורה און לייגט אריין דערין איבערמידליכע כוחות און האט דאס פאסיג ממליץ געווען אינעם פסוק פון מזמור לתודה עס אויסטייטשנדיג אויף א הערליכן אופן.

מען האָט אויך געהערט טרעפליכע ווערטער פונעם מנהל שליט"א און דערנאָך האָט דער בוחן שליט"א משמיע געווען וואַרימע דברי חיזוק באַטאָנענדיג זיין התפעלות נישט גלייבנדיג אז דאס איז גאר א זייטיגע סדר פון די פרייע מיטאָג צייט און נישט אַ חלק פון די סדרי הישיב!

דאַן האָט הרה"ג ר' יואל לויפער שליט"א, שואל ומשיב, אויפגעטרעטן מיט פּאַסיגע דרשה אַרויסברענגענדיג לשבח וויאַזוי די טייערע בחורים וואָס לערנען א גאנצן טאָג, נוצן אויס זייער הפסקה זיך צו אַוועקרייסן נאָך צען מינוט דאָ און נאָך צוואָנציג מינוט דאָ, ביז עס שטעלט זיך צוזאם אַ בלאט נאך בלאט און מ'האלט שוין ביים זיך פאַרהערן! אַזוי ליפטערן זיך די בחורים אויס דורך אַריינכאַפּן בלעטער גמרא וואָס בלייבט זיי אן אייביגע קנין!

מחיל אל חיל שפּאַנען אַצינד די תלמידי הישיבה צום קומענדיגן פרק וואָס מען האָט שוין אָנגעהויבן לערנען און איבער'חזר'ן מיט דעם זעלבן פלייס און התמדה, הולך וגדול עד שיהא כמונח בקופסא!

מטעם הנהלת הישיבה וועט בעז"ה אַרויסגעשיקט ווערן פאַר די עלטערן פון די בחורים המצטיינים, וועלכע האָבן זיך פאַרהערט אויפ'ן פרק תמיד נשחט, אַ שיינע גריס פאר זייערע עלטערן, אין פאָרום פון אַ בריוו וואו מען טיילט מיט די הערליכע בשורות טובות פאר די גליקליכע עלטערן וועלכע וועלן געוויס קוועלן דערפון הויפענעס נחת דקדושה.

# בחורים געבן איבער 'קבלות' בימי השובבי"ם ליד כ"ק אדמו"ר שליט"א

שובבי"ם אין די סאטמארער ישיבות הקדושות! א טערמין וואס איז ב"ה פארוואנדלט געווארן אין א באגריף. א מושג וואס באדייט א העכערקייט און א ווירקליכע התעלות בתורה ובעבודת השי"ת, וואס ווערן פראקטיצירט אין די ימים המקודשים צווישן די ווענט פון אלע אפטיילונגען פון די ישיבות קטנות.

אויך אין ישיבה קטנה חלק ב' ווירבלט די טעג מיט אַן אויסטערלישע ברען פון התעלות בתורה, נאָכדעם וואָס דעם פאַרגאַנגענעם דאָנערשטאָג ויחי העעל"ט האָט דער מנהל שליט"א אויפגעטרעטן מיט אַ דרשה וואו ער האָט מבשר געווען פאר די בחורים אַ בשורה טובה אַז מען וועט האָבן די זכי' צו איבערגעבן די 'קבלות' פון 'שעות רצופות', לידיו פון כ"ק מרן רבינו שליט"א.

דעם קומענדיגן פרייטאג ערש"ק ויחי איז רבינו שליט"א טאַקע אַריבערגעקומען צו דאַווענען תפלת שחרית אינאיינעם מיט די תלמידי הישיבה. נאָכ'ן דאַווענען איז דער רבי אַריין אין אַ חדר מיוחד, וואו יעדער בחור באַזונדער האָט געהאַט די געלעגנהייט צו פּערזענליך איבערגעבן פאַר'ן די קבלות טובות, ואף הוא ענה לעומתם בצהלת פּניו מיט אַ קענטיגע נחת דקדושה און התפּעלות.

זינט דאַן ווערט טאַקע געהערט דער קול תורה אין ישיבה אָן קיין איבעררייס, ווען די בחורים זיצן און האָרעווען שעות רצופות אויסנוצנדיג די הייליגע ימי השובבי"ם מיט התמדת התורה עד להפליא.

אין אַ באַזונדערע אונטערנעמונג, וואָס איז נתנדב געוואָרן דורך אַ נדבן חשוב שליט"א, איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ ווערטפולע גורל וואָס ווערט געצויגן יעדע וואָך פאר די אַלע תלמידים המצטיינים וואָס לערנען לכה"פּ צוואָנציג שעה רצופות במשך די וואָך. ומתן שכרה בצדה.

ס'איז אומגלויבליך אָבער אַ פאַקט אַז בלויז אין די ערשטע צוויי וואָכן פון די ימי השובבי"ם איז שוין געלערנט געוואָרן בין כותלי הישיבה אַריבער **6,500** שעה תורה ברצופות, און דאָס איז ווייטער מוסיף והולך מיט נאָכמער פלייס און נאָכמער התמדה. אשרי עין ראתה אלה!


חבורת תפארת בחורים
שע"י ישיבה קטנה (ח"ב) תורה ויראה סאטמאר, קרית יואל
שנת תשפ"ד לפ"ק
בס"ד
קבלת דברים
השם________________בן________________ __________
הריני מקבל עלי בלי נדר להיות נמנה בין החבירים הנמנין לדבר מצוה
חבר מצוין
לקראת ימים המסוגלים ימי השובבי"ם הבעל"ט:
- תורה -
❖ ללמוד לכה"פ 40 שעות רצופות לשבוע (320 שעות לכל השובבי"ם),
- תפילה -
❖ להתחיל להתפלל בזמנו שחרית / מנחה / מעריב.
❖ שלא לדבר כלל בשעת התפילה.
❖ שלא לדבר כלל לפני התפילה.
חתימה________________________
והשי"ת יעזור שאוכל לקיים ולהוציאו מכח אל הפועל בסייעתא דשמיא, וחפץ ה' בידינו יצליח.

# בין כותלי ישיבה קטנה חלק א' בהנהלת הרה"ג ר' יואל מארקאוויטש שליט"א

## אַ ברען פון תורה ועבודה אין די ימי השובבי"ם בתוככי הישיבה

איינע פון די נאבעלע ערשיינונגען וואס זענען איינגעפעדימט געווארן אין די ימי השובבי"ם איז דער מסגרת פון "לימוד שעות רצופות", ווען די בחורים געוואוינען זיך איין צו לערנען אסאך שעות רצופות, אן א הפסק פון פטפוטי דברים און אנדערע הבלים. ודברת ב"ם ולא בדברים בטלים.

באַלד ביים אָנהויב פון די ימי השובבי"ם, זונטאָג שמות, האָט דער מנהל שליט"א אויפגעטרעטן מיט אַ וואַרימע דרשה, וואו ער האָט מעורר געווען אַז מ'זאָל אויסנוצן ריכטיג די גרויסע הייליגע טעג, סיי מיט לימוד התורה און סיי מיט די עבודת התפלה, נישט צו רעדן פאַר'ן דאַווענען און מרומם זיין דעם גאַנצן סדר התפלה.

נאָך די דרשה פונעם מנהל שליט"א האָט יעדער תלמיד הישיבה באַקומען אַ ספעציעלע קארטל וואו מען קען אויספולן די שעות איבער די וואך, און יעדע ענדע וואָך גיט מען אַריין די קאַרטלעך און ס'קומט פאר אַ ווערטפולע גורל לויט די שעות וואָס מען האָט געלערנט.

עס לאזט זיך באמת נישט שילדערן וואספארא מהפיכה דער לימוד רצופות האט ב"ה פאראורזאכט אין ישיבה, וואו דער קול התורה דינערט אפ ממש ערב בוקר וצהרים בלי הפסק, מיט אזא דיבוק חברים וחשקות התורה, אזש אז די בחורים קענען זיך שווער אויפהייבן פונעם לערנען ווען מען ברויך גיין צו עסן מיטאג אדער אפרעכטן די תפילות מנחה ומריב. און מערערע כאפן טאקע אריין אויך די פרייע צייטן משלים צו זיין דעם מספר השעות.


חבורת מעלין בקודש להתעלות בתורה וביראת שמים
לימוד ברציפות בלי הפסק בפרט בימי השובבי"ם

פאלגענד איז די סך הכל שעות פון אלע כיתות פון פרשת וארא

די כיתה מיט די מערסטע שעות איז
כיתת הר"ר אברהם יעקב בלום שליט"א
דעם סכום פון 549:26 שעה
20 בחורים

כיתת הר"ר יואל ווייס שליט"א
523:34
21 בחורים

כיתת הר"ר אפרים אשר פאלאק שליט"א
491:10
17 בחורים

כיתת הר"ר בערל פישער שליט"א
438:53
19 בחורים

כיתת הר"ר רפאל דערשאוויץ שליט"א
382:04
17 בחורים

כיתת הר"ר שמעון רייכמאן שליט"א
426:36
18 בחורים

סך הכל שעות פרשת וארא
2811:43

הערט אינאיינעם די דברות קודש פון מרן רבינו הק' זי"ע, אינאיינעם מיט די אידישע העתקות, מיט אַ געוואַלדיגע התעוררות. דערנאך זעצן זיך די בחורי חמד אויף די ערטער און מען לערנט פאר לאנגע שעות רצופות אָן קיין איבעררייס!

דעם פארגאנענעם דאָנערשטאָג שמות איז פאָרגעקומען אַ באזונדערע מעמד פון לימוד שעות רצופות במשך נאָנט צו פינף שעה רצופות! ווען די טייערע תלמידים האָבן געלערנט פלייסיג די 'חזרה' אויף די בלעטער גמרא תוספות וואָס מען האָט קונה געווען אין דעם "שיעור עיון" דורכאויס די פאַרלאָפענע ווינטער חדשים, בעוז ותעצומות.

## באשמורת הבוקר קדמנוך תחלה; סדר "שלש שעות" אין ביהמ"ד הגדול

אין צוגאב צו זייער התמדת התורה במשך כל ימות השבוע זענען די תלמידי הישיבה מוסיף והולך ביי דעם נאבעלן "סדר שלש שעות" וואס קומט פאר אין ביהמ"ד הגדול יעדן ליל שישי אין די יעצטיגע ימי השובבי"ם.

אין א באגריסנדע שריט האט דער מנהל שליט"א ארויסגעגעבן א ספעציעלע סדר פון "שיעורי חזרה" וואס איז געאייגנט באזונדער פאר דעם סדר פון "ליל שישי" אין ביהמ"ד הגדול, אז מען זאל דארט איבער'חזר'ן די לימודים פון אנהויב יאר. וואס דאס גיט א געוואלדיגע שטופ פאר די בחורים זיך צו באטייליגן ביי דעם סדר, וואוסנדיג אז זיי האבן דעמאלט א סדר הלימוד וואס צו איבער'חזר'ן.


ליל שישי שובבי"ם ת"ת תשפ"ד

בס"ד

שיעורי הלימוד לימודי קנין המסכתא
ליל שישי שובבי"ם ת"ת תשפ"ד
חזרה על שיעור פשוט - ושיעור בקיאות

| | שיעור פשוט מתחילין תחילת פרק המביא א' | שיעור בקיאות מתחילין תחילת פרק הזורק |
|---|---|---|
| ליל שישי פרשת שמות | עד דף ג. ורבא מאי טעמא לא אמר כרבה | עד דף ע"ח. מתני' היתה. |
| ליל שישי פרשת וארא | עד דף ד: ואיכא דמותיב לה הכי. | עד דף ע"ט: מתני' ב"ש |
| ליל שישי פרשת בא | עד דף ו. איתמר בבל. | עד דף פ"א. מתני' כתב לגרש. |
| ליל שישי פרשת בשלח | עד דף ז: רבי יהודא אומר מרקם למזרח. | עד דף פ"ב. סוף הפרק. כל מי שגומר הפרק יכול ליקח "הבחון עצמך" |
| ליל שישי פרשת יתרו | עד דף ח: ת"ר עבד שהביא גיטו. | מתחילין פעם שני פרק הזורק עד דף ע"ח. מתני' היתה. |
| ליל שישי פרשת משפטים | עד דף י. מתני' כל גט - עד כותי. | עד דף ע"ט: מתני' ב"ש. |
| ליל שישי פרשת תרומה | עד דף י"א: מתני' האומר תן. | עד דף פ"א. מתני' כתב לגרש. |
| ליל שישי פרשת תצוה | עד דף י"ג. מתני' האומר תנו גט זה. | עד דף פ"ב. סוף הפרק. |

סדר השיעור:
בכל ליל שישי לומדים, שיעור של שבוע אחד, משיעור פשוט. ושיעור אחד, משיעור בקיאות.

ווי שיין איז דאס בילד ווען מען שפאצירט אריין אין ביהמ"ד הגדול אין די פריע פאַרטאָגס שטונדן און עס אנטפלעקט זיך א מחזה מרהיב פון הונדערטער יונגע תלמידי חכמים וועלכע זענען פארטיפט אין זייערע לימודים מיט א פלייסיגקייט און אן אינערליכע ברען, מה אהבתי תורתך כל היום הוא שיחתי.

## צופרידענע גריסן פון עלטערן נאָך געלונגענע "אסיפת הורים"

די חשוב'ע עלטערן, הורי תלמידי הישיבה, זענען נאָך אונטער'ן רושם פון דעם גייסטרייכן "אסיפת הורים" וואָס איז פאָרגעקומען דעם פאַרלאָפענעם מאָנטאָג פרשת וארא אין דער "קרית הישיבה - נחלת אברהם", וואו די עלטערן האָבן אָנגעקניפּט אַ וויכטיגן קשר מיט די מרביצי תורה ויראה וועלכע באַפאַסן זיך מיט זייערע טייערע קינדער, וואָס האָט דאָס אַרויסגעברענגט דער ריכטיגער תכלית פאַר די בחורי חמד, זיי זאלן קענען ווייטער שטייגן מעלה מעלה.

דורך פילע עלטערן איז באַטאָנט געוואָרן אַז אויסער די עצם מעלה פון אַזאַ אסיפה, ווען מען קען זיך אויסשמועסן מיט די מגידי שיעור און מרביצי תורה, איז דאָס געווען אַ ספעציעלע ערשטמאָליגע געלעגנהייט ווען די עלטערן האָבן געקענט כאַפּן אַ בליק פון דער נאָנט אויף דעם הערליכן מקום תורה, וואו זייערע בחורים זיצן אַגאַנצן טאָג, ווייט אַוועק פון די רוישיגע גאַסן, בלויז אַרומגענומען מיט תורה און יראת שמים. ווירקליך זענען די עלטערן אַרויס מלא התפעלות זעהנדיג דעם הערליכן "בנין אליהו" כלול בהדרה ותפארתה.

אַלע האבן באוואונדערט ווי שיין די אסיפות זענען געווארן צוגעשטעלט, מיט'ן ריכטיגן כבוד הראוי, צו הייבן דעם ניוואָ און נאכמער פארזיכערן די הצלחה פון די בחורי חמד, אז די עלטערן זאלן זוכה צו זיין א ברכה בפרי עמלם, מיט נחת דקדושה פון זייערע טייערע קינדער לשם ולתפארת כל בית ישראל.




## מחזה נפלא: סדר חמשה שעות רצופות דאָנערשטאָג שובבי"ם!


הכונו הכונו!!
לסדר של קרוב
חמש שעות רצופות
בסדר הלימוד של חוזר חזרה,
שיעור עיון,
יום ה' פרשת שמות, שבוע הראשון
של ימי השובבים ת"ת,
פרטים פון די סדר היום וועט זיין א באזונדערע מודעה.

באזונדער ווערט דער יום המסוגל "דאנערשטאג שובבי"ם" אויסגענוצט צווישן די הייליגע ישיבה ווענט כראוי וכיאות, ווען ס'איז איינגעשטעלט ספעציעלע סדרים קבועים צו שטייגן און נתעלה ווערן בלימוד התורה ויראת שמים.

דער דאנערשטאג נאכמיטאג סדר הייבט זיך אן ווען מען

אין לך דבר העומד בפני הרצו"ן!

# "רצון צדיק קאמפיין" אפגעצייכענט מיט געוואלדיגע סוקסעס פאר "רבי ישעי'לעס גאסט הויז"

## כלל ישראל טוט רבי ישעי'לעס רצון מיט'ן דערגרייכן קאמפיין ציל ממשיך צו זיין דרכו בקודש מיט די מאסיווע פעולות החסד דורכן איש קערעסטיר הרב משה יוסף פריעדלענדער שליט"א

וכולם עושים רצו"ן צדיק:

**העכער פיר טויזנט נדיבי עם אלוועלטליך! געטרייע ארמיי פון העכער צוויי הונדערט און פופציג עסקנים איינגעשפאנט!**

"רבי ישעי'לעס רצון" איז דערהערט געווארן מסוף העולם ועד סופו, ווען טויזנטער אידן פון איבער די וועלט האבן פארלאפענעם דינסטאג און מיטוואך פרשת בא געעפענט זייערע טאשן און הערצער, צו געבן ברוח נדיבה פאר'ן 'רצון צדיק' קאמפיין, וואס איז געווען געווידמעט ארויסהעלפן די המשכת דרכו פונעם צדיק, דורכן שטיצן זיינע בעלי אכסניא "רבי ישעי'לעס גאסט הויז" אין שטאט קערעסטיר סמוך ונראה לציון קדשו, אנגעפירט דורכן איש קערעסטיר הרב משה יוסף פריעדלענדער שליט"א.




### דער צענטערפונקט אין שטאט קערעסטיר

רבי ישעי'לעס גאסט הויז איז שוין ברייט באקאנט ביי אלעמען אלס דער צענטערפונקט, פאר אידן וועלכע קומען צו פארן קיין קערעסטיר משתטח צו זיין על קברו פונעם איש אלקים דער פועל ישועות בקרב הארץ רבי ישעי' בן רבי משה זי"ע. אצינד האלט מען ביים אפצייכענען דעם "יובל העשור" זינט דער גרינדונג פונעם מאסיוון חסד אפאראט, וואס האט שוין במשך די יארן צוגעשטעלט דאס בעסטע און שענסטע אש"ל מלא פאר אומצאליגע אורחים, רונדע דעם זייגער, דורכאויס דעם יאר.

פארשטייט זיך אז האלטענדיג צען יאר נאכ'ן עפענונג, רעדט מען פון א חשבון פון שווערע מיליאנען וואס איז שוין אויסגעגעבן געווארן צו קענען אקאמאדירן דעם ציבור, סיי ביים הילולא קדישא ג' אייר ווען רבבות אלפי ישראל קומען פוקד זיין דעם ציון המצוינת, ווי אויך דורכאויס דעם גאנצן קיילעכיגן יאר, ווען קערעסטיר איז היינט צו טאגס א צוציאונגס קראפט פאר אלע שיכטן און קרייזן פונעם חרדי'שן אידנטום.

### קריטיש וויכטיגער קאמפיין להמשכת דרכו

דער יעצטיגער קאמפיין איז געווען א קריטיש וויכטיגער, צוליב וואס דער מייסד הגאסט הויז הרב משה יוסף, טראגט דעם גאנצן אומגעהויערן עול אויף זיינע צארטע פלייצעס, אויף אים ליגט די פליכט פון שאפן די שווערע ריזיגע געלטער צו פינאנצירן די הייליגע פעולות החסד, דעריבער האט מען אפעלירט צום יהדות החרדית וועלכע האבן א ברענענדיג געפיהל פארן הייליגן רבי ישעי'לע, מ'זאל צולייגן א האנט, און העלפן אוועקשטעלן א יסוד ובסיס חזק, אז די המשכת דרכו בקודש פונעם צדיק וקדוש זאל קענען נמשך ווערן ביתר שאת צו ווייטער מהנה און מחי' זיין אידישע קינדער.

ווי נאר דער רצון צדיק קאמפיין איז אריין אין קראפט, האט זיך אנגעזעהן די ווארעמקייט פונעם ציבור, מ'האט געקענט טאפן אין די לופט די התרגשות דקדושה ווען עטליכע הונדערט אידן האבן זיך אנגעשלאסן אלס טיעמס זיך צו ווענדן צו נדיבי עם און שאפן נדבה נאך נדבה פאר דעם הייליגן צוועק. דער אפרוף וואס עס האט געהאט ביי כלל ישראל איז געווען אויף אן אויסטערלישן אופן.

### צוויי טעג ברענגט צוזאם טויזנטער משתתפים אלוועלטליך

במשך די צוויי ימי רצון האבן נישט אויפגעהערט צו שטראמען ברייטהארציגע נדבות פון כל הקהל הקודש, ווען מיט יעדע פארבייגייענדע שעה איז דער קאסע געשטיגן צו העכערע סכומים, און מיט גרויס פרייד האט מען דעגרייכט דעם הערליכן קאמפיין גאול אדאנק די הילף און שטיצע פון טויזנטער נדיבי לב עושי רצון צדיק.

ספעציעל האט זיך אנגעזעהן א שטארקע אינטערעסע ביים עולם איבער די געוואלדיגע געלעגנהייטן וואס איז געמאלדן געווארן מטעם דעם קאמפיין, אז אלע משתתפים מיט סיי וועלכע נדבה האבן געקענט שיקן קוויטלעך צום ציון הקדוש אין קערעסטיר להפקד בדבר ישועה ורחמים. ווי אויך מיטן גאר ווערדפולע 'גורל לצדיק' פון אש"ל מלא פאר א שבת אין קערעסטיר ביים גאסט הויז.

די זכותים אדירים פון אויפהאלטן די טעגליכע אקטיוויטעטן פונעם גאסט הויז זענען צוכאפט געווארן דורך נדבנים חשובים, צו האבן א חלק אין די אויסטערלישע פעולות פון ממשיכי דרכו פונעם צדיק, וואס זענען מקיים דעם צוואה פון רבי ישעי'לע אז מ'זאל ווייטער אנהאלטן די חסדים, און ער וועט ווייטער אנהאלטן די ישועות!

רבי ישעי' ב"ר משה וועט משפיע זיין בני חיי ומזוני רויחי פאר אלע נדיבי עם!




## Monroe town / village

| Address | Price | Beds | Baths | Sq Ft | Acres |
|---|---|---|---|---|---|
| 314 Harriman Heights | $1,000,000 | 4 | 3 | 2764 | 3.4 |
| 13 Pawtuxet Avenue | $525,000 | 3 | 2 | 1547 | 0.2204 |
| 240 Renies Road | $649,000 | 4 | 4 | 3097 | 0.4591 |
| 5 Jane Court | $599,000 | 3 | 2 | 2487 | 0.2755 |
| 47 Cromwell Hill Road | $435,000 | 3 | 3 | 1524 | 0.4132 |
| 12 Rocky Road | $1,250,000 | 2 | 1 | 1638 | 1.8 |
| 39 Center Hill Road | $470,000 | 3 | 3 | 1356 | 0.2388 |
| 8 Elmwood Drive | $789,999 | 4 | 4 | 2600 | 0.3343 |
| 124 Steven Court | $819,900 | 4 | 3 | 2491 | 0.6 |
| 34 Cromwell Road | $575,000 | 3 | 3 | 2742 | 3.3 |
| 14 Millard Circle | $519,000 | 4 | 3 | 1854 | 7865 |
| 6 Brooks Avenue | $425,000 | 3 | 1 | 1056 | 0.1433 |
| 44 Ironworks Road | $565,000 | 3 | 3 | 1868 | 0.5353 |
| 158 Rye Hill Road | $700,000 | 4 | 4 | 2088 | 0.6862 |
| 24 Marc Terrace | $599,000 | 3 | 2 | 1584 | 0.3701 |
| 2 Whitman Place | $749,000 | 4 | 3 | 2282 | 0.4327 |
| 128 Carpenter Place | $599,000 | 3 | 2 | 1822 | 0.1791 |
| 43 Park Avenue | $599,000 | 4 | 3 | 2083 | 0.1671 |
| 8 Forest Avenue | $1,389,000 | 5 | 4 | 3323 | |
| 29 Chatham Road | $689,900 | 4 | 3 | 1888 | 0.2152 |
| 20 Peter Bush Drive | $539,000 | 4 | 2 | 1726 | 0.5051 |
| 603 Stage Road | $799,000 | 4 | 3 | 2560 | 0.759 |
| 34 Cromwell Road | $575,000 | 3 | 3 | 2742 | 3.3 |


# FOR SALE

18 Hillside Terrace

Monroe NY 10950

*Photos Coming Soon!*

Nestled in the heart Welcome to 18 Hillside Terrace in the heart of the Village of Monroe, where classic charm meets modern luxury. This meticulously updated colonial home sits on a quarter-acre of leveled grounds, showcasing a stunning kitchen with granite countertops and hardwood floors throughout.

◇

Step into 1934 sq. ft. of living space featuring 3 bedrooms and 3 baths, with an emphasis on contemporary design and well-kept finishes. Entertain effortlessly in the fully updated walk-out basement, illuminated by spotlights, or retreat to the fenced backyard with a deck for chic al fresco gatherings.

◇

Practical living is elevated with 4 heating zones, central air, a security system, and a central vacuum cleaner. The 2-car garage and extra storage ensure ample space for convenience.

- 1934 sq. ft.
- Colonial house
- Updated kitchen
- Quartz countertops
- Finished walk-out basement
- 3 bedrooms,
- 3 bathrooms
- Fenced in backyard with deck

- 4 heating zones,
- Central air
- Municipal water,
- natural gas, municipal sewer
- 2-car garage
- Front porch for relaxation
- Hardwood floors, crown molding, and spotlights

- Master bath for added luxury
- Security system and central vacuum cleaner
- Updated windows for energy efficiency
- Convenience: Close to bus, park, school, and shops
- Modern Updates: Updated windows, spotlights, and contemporary features throughout.


## Woodbury / Highland Mills

| Address | Price | Beds | Baths | Sq Ft | Acres |
|---|---|---|---|---|---|
| 117 Brigadoon Blvd | $725,000 | 4 | 3 | 2963 | 0.62 |
| 268 Bakertown Road | $899,000 | 3 | 2 | 1072 | 0.37 |
| 27 Catskill High Rail | $1,035,000 | 4 | 2 | 3575 | 0.69 |
| 44 Country Hollow | $799,000 | 4 | 3 | 2006 | 1.1 |
| 16 Dunderberg Road | $499,000 | 2 | 2 | 1290 | 0.6359 |
| 68 Woodward Terrace | $675,000 | 5 | 3 | 2568 | 1.3 |
| 115 Brigadoon Blvd | $950,000 | 4 | 4 | 3791 | 0.62 |
| 41 Central Valley Line | $1,499,000 | 6 | 5 | 3918 | 0.45 |
| 39 Central Valley Line | $1,549,000 | 6 | 5 | 3918 | 0.45 |
| 13 Pullman Route | $1,399,000 | 4 | 3 | 2634 | 0.45 |

## Village of S. Blooming Grove

| Address | Price | Beds | Baths | Sq Ft | Acres |
|---|---|---|---|---|---|
| 21 Duelk Avenue | $764,000 | 3 | 2 | 1536 | 0.2772 |
| 6 Strawberry Lane | $829,000 | 4 | 3 | 1630 | 0.5998 |
| 64 Duelk Avenue | $765,000 | 4 | 1 | 1524 | 0.3409 |
| 20 Old Town Road | $799,999 | 4 | 3 | 1816 | 0.4872 |
| 15 Mangin Road | $625,000 | 2 | 2 | 1618 | 0.4042 |
| 13 San Antonio Circle | $699,000 | 4 | 2 | 1870 | 0.6769 |
| 29 Dallas Drive | $769,000 | 5 | 3 | 1952 | 0.2862 |
| 17 Mangin Road | $799,000 | 4 | 2 | 1672 | 0.475 |
| 24 Emily Lane | $999,000 | 3 | 2 | 1552 | 2.1 |
| 25 Emily Lane | $899,000 | 3 | 2 | 1592 | 1.6 |


זייט דער
ערשטע צו
וויסן ווען א
נייע הויז קומט
ארויף די
מארקעט

—— …… ——

text your email address to:
**845-204-8067**


## Blooming Grove (town) Washingtonville

| Address | Price | Beds | Baths | Sq Ft | Acres |
|---|---|---|---|---|---|
| 119 Helms Hill Road | $475,000 | 3 | 2 | 1700 | 1 |
| 18 Menayas Court | $1,200,000 | 5 | 4 | 4139 | 3.2 |
| 2826 Route 94 | $450,000 | 3 | 3 | 1807 | 1.7 |
| 2785 Route 94 | $513,000 | 3 | 3 | 2618 | 1.5 |
| 75 Horton Road | $799,900 | 3 | 3 | 2224 | 3.2 |

## Chester (Blooming Grove)

| Address | Price | Beds | Baths | Sq Ft | Acres |
|---|---|---|---|---|---|
| 3 Seely Road | $649,000 | 5 | 3 | 2208 | 0.6435 |
| 8 Country Woods Drive | $679,900 | 5 | 3 | 3120 | 4.3 |
| 63 Whitetail Run | $999,000 | 4 | 3 | 2711 | 6 |
| 4 Camelback Road | $1,100,000 | 4 | 4 | 4854 | 3.8 |
| 15 Primrose Lane | $1,299,000 | 4 | 4 | 4306 | 2.5 |


HGMLS Hudson Gateway Multiple Listing Service, Inc. All Rights Reserved. Information Deemed Reliable But Not Guaranteed. The data relating to real estate for sale or lease on this page comes in part from HGMLS. Real estate listings held by brokerage firms other than Realty Blue.

Not responsible for typographical errors

REALTOR® | EQUAL HOUSING OPPORTUNITY | HGMLS

The REALTY BLUE group

יצחק אייזיק ראטטענבערג
845-662-1849

שלום מאיר טארים
845-629-5186

# נייע אינטערנעט־פרייער קיאסק 'ערלעדיגט' עפענט אירע טירן אין קרית יואל

אין אַ באַגריסנדע אַנטוויקלונג איז די וואך געמאָלדן געוואָרן איבער אַ שפּאָגל נייע איניציאַטיוו וואָס איז געעפנט געוואָרן אין צענטער פון קרית יואל, מיט אַ גענצליך 'אינטערנעט - פרייע" קיאָסק, געאייגנט בלויז צו 'ערלעדיגן' די סאַמע -וויכטיגע קאָמפּיוטער געברויכן. טאַקע געני וויפיל מען דאַרף, אַז מ'זאָל נישט ווערן אריינגעצויגן מער פון וויפיל מען וויל באמת דאָס נוצן.

ערלעדיגט
א קיאסק צו 'ערלעדיגן'

די נייע מהודר'דיגע קיאָסק איז אויפגעשטעלט געוואָרן, בהדרכת רבנים ודיינים שליט"א, כדי צו סערווירן דעם געברויך פון דעם געווענליכן אינגערמאן אז ער זאל קענען ערלעדיגן די וויכטיגע זאכן, אבער אין די זעלבע צייט זאָל ער נישט האָבן קיין שום צוטריט צו אַנדערע אומוויכטיגע זאַכן, און נישט חלילה פאַרברענגען קיין מינוט איבריג אויפ'ן אינטערנעט.

מיט אַסאַך סייעתא דשמיא איז שוין אַהערגעשטעלט געוואָרן די ערשטע פאזע פון דעם נייעם קיאסק "ערלעדיגט", אויף 19 וועג ביורען קט. ביי די רעכטע זייט פון דעם בנין, וואס צילט העלפן 'ערלעדיגן' וויכטיגע געברויכן, אבער נישט דארפן ווערן אריינגעצויגן אינעם ציענדן סקרין פאר מער וויפיל מען וויל אליינס. בבחינת 'ערלעדיגט' און ארויס.

דער קיאָסק שטעלט אַהער; עטליכע קיוביקעלס מיט קאמפיוטערס "אָן קיין אינטערנעט", צו 'ערלעדיגן' קאמפיוטער געברויכן ווי למשל: טייפן ווארדפיילס; קאפיען פיילס; אויסוועלן בילדער; מסדר זיין אודיאו פיילס; עקסעל חשבונות; און נאך 'קאמפיוטער' געברויכן. אויסערדעם איז אַהערגעשטעלט עטליכע שטייענדיגע קאמפיוטערס וואס מען קען דארט נאר שיקן אדער באקומען אימעילס. ס'איז דירעקט אויסגעשטעלט שטייענדיג כדי מען זאל קענען בלייבן אין א שטייענדיגע פאָזיציע, צו קענען 'ערלעדיגן' וואס מען דארף, און נישט ווערן אריינגעצויגן אין א באקוועמע אטמאספערע צו פארוויילן לענגער ווי מען פלאנט.

אויסערדעם איז אַראַנדזשירט געוואָרן אַ 'פראו קליק' באַקס, וואו מען קען אַריינלייגן אַ 'יו. עס. בי.' אָדער 'עס. די.' קאַרטל און א 'פרא-קליק' ארבייטער וועט שיקן דעם אימעיל פאר אייך.

תושבי קרית יואל באַגריסן די פרישע שריט צו פאַרבעסערן כשר'ע טעכנאָלאָגיע באַנוץ אָן קיין מכשולות בעז"ה.

# מסיבה של מצוה און עריכת שלחן הטהור דורך כ"ק הגה"צ אבד"ק יאַוואָזשנא שליט"א לרגל חמשה עשר בשבט

דעם היינטיגן מיטוואך אויפדערנאכט, אול"י חמשה עשר בשבט, איז פארגעקומען א הערליכע מסיבה של מצוה לטובת די בארימטע ישיבה קטנה תורת משה יאוואזשנא, וועלכע איז מתנוסס לשם ולתפארת אין די שטאט מאנסי תחת נשיאות הקודש פון כ"ק מרן אבדק"ק יאַוואָזשנא שליט"א, קאמבאנירט אינאיינעם מיט'ן עריכת שלחן הטהור פונעם רב שליט"א, בבית הרבני החסיד מו"ה יצחק זלמן טירנויער הי"ו א תלמיד נאמן פונעם רב שליט"א, ווי עס האבן זיך באטייליגט פילצאליגע תושבי ונגידי קרית יואל, תלמידים וחסידים פונעם רב שליט"א.

נאכ'ן מקבל פנים זיין דעם רב שליט"א האט מען צוערשט געזינגען פאסיגע ניגונים לכבוד היום, דערנאך האט אויפגעטרעטן אחד מחשובי רמ"י הישיבה שליט"א, וועלכער האט ארויסגעברענגט כמה מעלות טובות פון די הייליגע מקום תורה, ווי די חשוב'ע בחורים שטייגן סיי בתורה, ביי די טיפזיניגע שיעורים תמידין כסדרן, איבערגעגעבן דורך די חשובע איבערגעגעבענע מגידי שיעור תלמידי חכמים מפורסמים, סיי בעבודה שבלב זו תפילה, די ווארימע התלהבות'דיגע דאווענען אויפן יאוואזשנא שטייגער, און סיי מען לערנט מיט די בחורים צו טון גמ"ח, בין אדם לחבירו, אחדות, איידלקייט, דרך ארץ, און מידות טובות, דערביי האט דער חשובער מגי"ש שטארק מחזק געווען צו שטיצן אזא הייליג ווינקל ווי אזויפיל טייערע לעכטיגע בחורים ווערן נתחנך על דרך ישראל סבא, די דברים היוצאים מן הלב האבן גאר שטארק עושה רושם געווען ביי אלע פארזאמלטע.

דערנאך האבן די פארזאמלטע געהאט די זכי' צו הערן דברות קודש פונעם רב שליט"א, ווי ער האט מאריך געווען בדברי תורה לכבוד היום, און גאר שטארק געבעטן מהנמת לבו הטהור אז דער עולם זאל זיך אנשטרענגען יותר מכפי יכלתם צו ארויסהעלפן די הייליגע ישיבה זאל קענען אנגיין ארויסצוגעבן פירות מתוקים, תלמידים חשובים מצויינים בתורה ויראת שמים.

דאן האט דער רב שליט"א פארטיילט פירות פאר אלע אנוועזנדע, און באזונדער געטיילט פאר די תומכים מיט סכומים הגונים פון די שיירי אתרוג מיט וואס ער האט געפראוועט די געהויבענע נענועים דעם יו"ט סוכות העלל"ט, און פערזענליך אנגעוואונטשן אלע תומכים מיט אלע ברכות האמורות בתורה וכל מילי דמיטב.


זכרו
תורת משה
לזכרון נשמת כ"ק מרן רבינו בעל ברך משה זצוק"ל
מוסר • ש"ס • הלכה
• קרית יואל •

בס"ד

לוח הלימודים
פרשת יתרו

חבורת לומדי ש"ס
ישראל ואורייתא

| | היום | שבוע | חודש |
|---|---|---|---|
| יום א' | עט. | עו: | סט. |
| יום ב' | עט: | עז. | סט: |
| יום ג' | פ. | עז: | ע. |
| יום ד' | פ: | עח. | ע: |
| יום ה' | פא. | עח: | עא. |

בחינה ה' במס' חולין • יום א' פ' משפטים
לימודי החודש: ס"ט. - פ: - חזרת החודש: נ"ז.- ס"ח

חבורת לומדי הלכה
הליכות יוסף עזרא

| | סימן | סעיף | מג"א |
|---|---|---|---|
| יום א' | סי' צ"ט | א | א - ג |
| יום ב' | סי' צ"ט | ב - כל ס' ק | ד - ו |
| יום ג' | סי' ק"א | א - ב | א - ג |
| יום ד' | סי' ק"א | ג - ד | ד - ז |
| יום ה' | סי' ק"ב | א | א - ג |

בחינה הבא בשו"ע או"ח • יום א' פ' תרומה
לימודי החודש: מסימן צ"ב עד אחר סימן ק"ה
חזרת החודש: מסימן פ"ט עד אחר סימן צ"א

SPONSORED BY:
PRO DECKS
BECAUSE OUR PROFESSION IS LIMITED TO DECKS.
OUR PROFESSIONALISM AT DECKS IS UNLIMITED.
T: 845.352.DECK (3325) F: 845.371.3325
E: DECKSNY@GMAIL.COM W: PRODECKS.COM

קול זכרו • 718.387.1010

# הגה״צ אבד״ק קרעטשניף־סיגעט בית שמש שליט״א צוגאַסט אין שטאָט

דעם פארגאנגענעם שבת קודש פרשת בא העעל״ט, האבן חסידים ואנשי מעשה אין קרית יואל, געהאט די זכי׳ מיטצולעבן א ווארימער שבת מיט הגה״צ אבד״ק קרעטשניף סיגעט בית שמש שליט״א, בנו יקירו פון כ״ק מרן אדמו״ר מקרעטשניף סיגעט שליט״א. דער רב איז נעתר געווען לבקשת אנ״ש ומתפללי ביהמ״ד קרעטשניף אויף ׳העיס קאָורט׳ גאס, צו קומען אריינבלאזן א חיות דקדושה מיט אַ שבת נועם הנשמות.



דער גאַנצער שבת איז טאַקע געפראוועט געווארן בהיכל בית המדרש קרעטשניף וואו דער רב שליט״א האט פארגעדאוונט פאַר׳ן עמוד די פייערדיגע קרעטשניפער תפילות בנוסח המקובל. אַ גרויסער ציבור האָט זיך באַטייליגט ביי דעם וואַרימען ׳שבת אחים׳ ליל שב״ק בשירות ותשבחות, מיט לענגערע דברי תורה וזמירות שב״ק, וואס האט זיך פארצויגן ביז אין די שפעטע שעות.

מוצאי שבת קודש איז פארגעקומען א שיינער מלוה מלכה אין בית המדרש בית כהנא דקיט״ל, וואו מען האָט געהערט הערליכע סיפורי צדיקים פונעם רב שליט״א במשנתם פון די צדיקים בעלי הילולא זצ״ל.




דער שבת האט אריינגעבלאזן א טל של תחי׳ און וועט לאנג געדענקט ווערן ביי אלע משתתפים. יום שבתון אין לשכוח!






# דבי מדרשא




נתרם ספסלי דבי מדרשא:

# נייע רייע טישן צוגעלייגט אין צענטער פון היכל הביהמ"ד צו קלעקן אומגעהויערע פלאץ מאנגל

## שנעל-גאלאפירנדע וואוקס פון פרישע לומדי הכולל צווינגט אונטערצונעמען דראסטישע מיטלען נאכצוקומען וואקסענדע געברויך

**סימן טוב ומזל טוב!**

## שמחה וחדוה נעמט ארום הונדערטער לומדי הכולל לרגל שידוך שליסן פון החתן נ"י בן הרב יואל בהרח"י גאטליעב שליט"א, חבר הנהלה ומחשובי לומדי הכולל רבות בשנים

החתן משה נ"י בן הרב יואל גאטליעב שליט"א
בן הרה"צ רבי חיים יוסף גאטליעב שליט"א, מ"מ בקהלתינו
עב"ג הכלה תחי' בת הרה"צ רבי מענדל קאהן שליט"א מעיר בית שמש
בן כ"ק אדמו"ר מנחלת אהרן שליט"א
בן חביב לאביו הגדול כ"ק אדמו"ר מתולדות אהרן בעל דברי אמונה זצוק"ל




**רחום ומוקיר רבנן ואיהו גופי' צורבא מיניה:**

### חשובער מחותן ר' יואל שליט"א שטייט אין שפיץ פון די געטרייע חברי הנהלת הכולל וראשי החבורות ומנהלי הכולל אין די לעצטערע יארן, צו דערהייבן כבוד הכולל והלומדים עשר מעלות רמות, זייענדיג אליינס פון די חשובע לומדי הכולל נאענט צו 20 יאר און זוכה געווען מסיים צו זיין ביני עמודי דגירסא פולע מקצועות און חלקים אין שו"ע

# "קופת החינוך הטהור - קרן ישכר בער" העכערט צאל מוסדות וואס ערהאלטן חודש'ליכע שטיצע א דאנק ווארימקייט ביי לומדי הכולל למען החינוך הטהור בארה"ק

## צאל מוסדות וואס ערהאלטן יעדן חודש דעם באשטימטן פאנטאסטישן סכום געהעכערט פון 6 צו 9

קידוש השם וואס גייט ארויס מידי חודש בחודשו פון היכל הכולל פון אסטראנאמישע סומע וואס ווערט פארטיילט למען המוסדות הקדושים על טהרת הקודש קלינגט אפ מסוף העולם ועד סופו און דינט אלץ וועג ווייזער פאר אנדערע קופות קדושות בכל קצוי תבל!

# שהשמחה במעונם

בשמחה ובטוב לבב הננו
מברכים ברכת מזלא טבא
למע"כ חו"ר כוללינו
לרגל שהשמחה במעונם

**פרשת בא - בשלה**

## הולדת הבן:

מוה"ר **יואל אברהם אבא גאלדבערגער** הי"ו
ב"ר **שאול יחזקאל** הי"ו (מאנטריאל)
חתן מוה"ר **יואל ברא"א גרינהוט** הי"ו, פטרון חבורת מנחם זאב בכוללינו

מוה"ר **אברהם עמרם מלכיאל גראס** הי"ו
ב"ר **יקותיאל מאיר** הי"ו
חתן הרה"ג רבי **חיים יחזקאל קאהן** שליט"א, ראה"ח חבורת זכרון אביגדור שלום

מוה"ר **יחיאל הלל גוטמאן** הי"ו
ב"ר **הערשל** הי"ו, חבר הנהלת כוללינו בוומ"ס - חתן ר' **יואל ברמ"י גרינפעלד** הי"ו

## הולדת הבת:

מוה"ר **דוד שטיינער** הי"ו
מסור בלו"נ למען הצלחת כוללינו
ב"ר **אליעזר שלום** הי"ו - חתן ר' **מאיר יושע בערקאוויטש** הי"ו

מוה"ר **שמואל שטערן** הי"ו
ב"ר **חיים יוסף** הי"ו - חתן ר' **נפתלי צבי ווינשטאק** הי"ו

## נישואי צאצאיהם:

הרב **יואל בר"ל טייטלבוים** שליט"א
**לרגל נישואי בנו**
החתן **שלמה זאב** ני"ו למז"ט עב"ג ר' **יואל ווייס** הי"ו

הרב **ניסן מאיר שמילאוויטש** שליט"א
**לרגל נישואי בנו**
החתן **ישי** ני"ו למז"ט עב"ג ר' **יוסף יחזקאל ברייער** הי"ו (וומסב"ג)

## אירוסי צאצאיהם:

הרב **משה ארי' פעקעטע** שליט"א
**לרגל אירוסי בתו למז"ט**
עב"ג החתן **נתנאל** ני"ו ב"ר **יואל ברוינער** הי"ו (קרית יטב לב)

## הכנסת בניהם לעוהתו"מ:

הרב **חיים טובי' כהנא** שליט"א
בנו הב' **אלטר יושע** ני"ו

הרב **דוד יודא הענדלער** שליט"א
בנו הב' **שמואל אהרן** ני"ו



# בדרך הרתורה נלך

## א דאבל דעקער באס אין הויף פון דער סאטמארער ת"ת אויף קעזינאוו ראוד אן א ווע"ג ארוים

א חשוב'ער תושב קרית יואל ברענגט אהיים אינטערסאנטע אבזערוואציע צום 'וואכנשריפט' איבער א דאבל דעקער באס וועלכע האט געטראפן איר מקום מנוחה אין הויף פון סאטמארער ת"ת אויף קעזינאוו ראוד.

זייענדיג צוגאסט אין דער הויפטשטאט לאנדאן האט זיך מיין אויג אפגעשטעלט אויף דעם אינטערסאנטן ספעקטאל זעענדיג א רויטע דאבל דעקער באס פארקירט פארנט פון די סאטמארער ת"ת געביידע.

איך האב נאך קיינמאל נישט געהערט דערפון ביז היינט. דער פינקאנטישער סצענע ווי א דאבל דעקער באס האט דא געאנקערט ווי עס וואלט געווען אן אפעציעלע באס סטאנציע האט מיר שטארק באגייסטערט.

זעענדיג לעכטיגע סאטמארער תלמידים זענען משגיח מן החלונות פון ביידע שטאקן פונעם רויטן באס, האב איך תיכף צוזאמגעשטעלט אז דאס איז א חטיבה אחת און איז נתקדש געווארן צו זיין אינטעגראלער טייל און הוספה צום ת"ת קאמפלעקס וואס נעמט ארום עטליכע געביידעס ארום דעם סקווער בלאק.

איך האב באטראכט ווי אזוי דער באס האט געמאכט דעם וועג אריין אבער ס'איז מיר שווער געווען אויסצורעכענען. אפשר גאר איז עס געקומען מיט א קרעין פונדערהייעך? פון דארט האט מיין מחשבה געוואנדערט צו סאטמארער 'הויפטשטאט' קרית יואל... און זיך געלאזט חשבונ'ען ווי אזוי וואלטן אונזערע מוסדות דאהי' אויסגעקוקט ווען אנשטאט קראוואנען זאל מען זיך באנוצן מיט דאבל דעקער באסעס...

ס'וואלט געווען דאפעלטע געווינסן מיט 'בית יקותיאל' צוויי שטאק... א צוויי שטאקיגע 'השבת אבידה' שטיבל... דער 'בית הוראה' שטיבל ביים ווינקל פון גארפיעלד קארנער העיס וואלט אויך היבש פארדינט פון אזא טויש. דער 'פובליק סעיפטי' הויפטקווארטיר וואלט פון א צווייטע-שטאק אפיס געקענט האלטן א בעסערע אויג צו באוואכן די פארעסט אווערפעס-אריינגאנג צום שטאט... פאר די שטאב פון די סקול דיסטריקט געביידע אויף דינוב וואלט א דאבל דעקער באס געווען א געוואלדיגע הרחבת הדעת אנשטאט די איין שטאק קאראוואן וואס איז דארט פארקירט און דינט פאר די רוחניות'דיגע אקטיוויטעטן וואס מוז געטון ווערן אינדרויסן פון די געביידע.

איז וואָס איז דאָס טאַקע? וואָס באַדייט דאָס







און וואָס מיינט דאָס? אויב וויל מען פאָרן דייקא מיט אַ דאָבעל-דעקער דאַן פאַרוואָס זיצט עס אין חצר?...

איך האב געמאכט די נויטיגע פארש ארבעט ביי די יודעי דבר אין לאנדאן. איז לאָמיר אייך פאַרציילן די געשיכטע וואָס ליגט אונטער דעם:

ווי באקאנט פלאָגט זיך די מוסדות אין לאנדאן אויסערגעוועגליך מיט אַ מאַנגל אין פלאַץ צוליב דעם אומגעהויערן ריבוי הגבולים בתלמידים כן ירבו וכן יפרוץ. דער כתר שם טוב פון די הייליגע תלמוד תורה שיינט און לייכט, און פון אַלע זייטן שטרעבן עלטערן אַריינצושטעלן זייערע קינדער נתחנך ווערן דייקא בין כותלי'.

דאָס ברענגט אַן אויסערגעווענליכער פלאַץ-מאַנגל. יעדער לעכל אין די בניני הת"ת גופא האָט מען שוין אויסגעניצט צום מאַקסימום "אַריינצוריקן" כתות! וואו נאָר מעגליך, וואו נאָר אַ שטיקל-פלאַץ געפינט זיך שוין דאָרט אַ כיתה, און נאָך אַלץ איז "צר לנו המקום", און מ'קען גאָרנישט גענוג אָניאָגן צוצושטעלן גענוג לפי ריבוי התלמידים, בלי עין הרע, מ'דאַרף כסדר בויען און מרחיב זיין, אויף אַלע זייטן.

צווישן די פילע אפטיילונגען וואס האט גאר שטארק געליטן פון דעם ענגשאַפט, איז געווען די אפטיילונג וואס טוט זיך אָפּגעבן מיט די קינדער מיט געטרייע פלעגונג צו באגלייטן די עליות פון יעדן תלמיד לויט זייער בעסטע מעגליכקייטן.





דאָס איז אַ קריטיש-וויכטיגע פונקציע פון דער תלמוד תורה, ס'איז לעבנס-וויכטיג פאַר די תלמידים וואָס דאַרפן צוקומען דערצו, און די הנהלה איז געווען אַנטשלאָסן אַז כאָטש די ת"ת-געביידע איז אויסגעניצט ביז'ן לעצטן טראָפּ, וועט מען אָבער בשום אופן נישט פאַרציכטן, צו העלפן די תלמידים לייכטן און שיינען.

דאָ האָט אויפגעבליצט פאר די הנהלה אַ געניאַלער געדאַנק: מ'גייט נעמען אַ גרויסן באָס, טאַקע דאָס גרעסטע וואָס איז פאַרהאַן, אַ "דאָבעל דעקער", און מ'גייט דאָס פאַרוואַנדלען אין אַ קליינע פרישע תלמוד תורה געביידע!

אומר ועושה. אַז מ'מוז צושטעלן פלאץ, איז דאָך קיין איבריג צייט אַרומצופּעניען נישט פאַרהאַנען. האָט מען זיך דערינען אַריינגעוואָרפן.

אײנגעהאַנדעלט אַ געדאָפּעלטן אויטאָבוס, כפולה ומכופלת למקו"ם, און מען האט דאס געלאזט אראפדרייוון אויף קעזינאוו ראוד פארנט פון די סאטמארער ת"ת קאמפלעקס.

ארײנקוקנדיג אינעם באס זעהט מען נישט קיין זכר פון די ארגינעלע באנוץ דערפון. מען האט אַרויסגעריסן דעם אינעווייניגסטן סטרוקטור, פארשטייט זיך דעם דרייווער'ס זיץ דאס ערשטע, אז קיינער זאל נישט אוועקפארן דערמיט אינמיטן די לימודים... מען האט אויסגעריסן אַלע זיצן, אַלעס אַרויס מיט'ן שורש, און אינסטאָלירן דאָרט שיינע געשמאַקע כיתות!

אינדרויסן צייגט דאָס אַ געוועגליכער באָס, אָבער אינעווייניג אַנטפּלעקט מען אַ גאַנצע תלמוד תורה געביידע... צימערן, ווענט, עלעקטער, מעבל, הייצונג, אַלעס צוגעשטעלט, און דאָרט פונקציאָנירט אַ גאַנצער חינוך-אַפּאַראַט צו "הייבן" די טייערע תלמידים 'העכער' און 'העכער' גייענדיג ממדרגה למדרגה.

אָבער, ויבא גם השטן בתוכם, נישט לאנג דערנאָך האט די הנהלת הת"ת באקומען אַן "אינפאָרסמענט" פון די לאָקאַלע 'קאנסול' אינסטאַנצן, אז מען דארף דאס אוועקפירן ווייל עס איז נישט לעגאַל. און אַז מ'איז שוין "סייווי" איבער אונזערע ביינער, האבן זיי שוין צו דעם צוגעטשעפּעט נאָך אַ גזירה'לע, אז מען מוז אויך אַוועקפירן די בלויע בודקע וואס געפינט זיך ביים ארײנגאנג פון ת"ת (זעה בילד), מיט'ן אויסרייד אַז דאָס איז אַן אומלעגאַלער בנין.

בחסדי ה' איז מען אויך די שטערונג-פּרואוו איבערגעקומען, ווען אַדאַנק די געטרייע הילף פון העסקן הנמרץ, העושה והמעשה, הרה"ג ר' שלום פנחס פאזען שליט"א, איז ארײנגעגעבן אַ לעגאַלן אַפּיעל דאס אפצושלאגן, און ב"ה נאך עטליכע לאנגע וואכן האט מען ב"ה געזיגט דעם געראַנגעל, און "מעז יצא מתוק" אַז ס'איז אָפיציעל באַשטעטיגט געוואָרן די לעגאַליטעט פון ביידע; סיי פונעם נייעם ת"ת אויף רעדער, און סיי פאר'ן בלויע געביידעלע, אַז מען קען עס ווייטער באַניצן לטובת די קינדערלעך.

אַלזאָ, "שטייט" טאַקע דער "דאָבעל דעקער" געאַנקערט אויף איין פּלאַץ אינעם חצר, אָבער די תלמידים וואָס געפינען זיך אינעווייניג שטייען שוין גאָרנישט אויף איין פּלאַץ! זיי גרייכן נאָך אַ דעסטינאַציע און נאָך אַ ציל! בדרך התורה נלך, לכו ונלכה באור ה', צו שטייגן העכער און העכער אין לימוד התורה, להבין ולהשכיל, לשמוע ללמוד וללמד, אַז זיי זאָלן קענען בעז"ה אויסשטייגן און גרייכן דאָס שענסטע לנחת רוח הוריהם ומוריהם.

**בחצרו"ת אלקינו יפריחו!**













WELCOME WINTER PROMOTION
SATISFY YOUR PALATE WHILE SHOPPING.
CREATE YOUR OWN SANDWICH FOR
FREE
WALK-INS ONLY
*WITH PURCHASE OF $125
**VALID 1/28-2/1
*** 9:00AM - 3:00PM
Peppermint supermarket
mintleaf Kosher Market
33 Dinev Road | 845-492-8777 | 5 Mangin Rd (Corner Rt. 208)



פאר וכבוד
בוני"ם לשמו
בחרתי בעיר מכל שבטי ישראל לבנות בית להיות שמי שם:
אַ פּראַכט פון אַ שטאָט; אַ פּראַכט פון אַ בנין
די היילגע סאטמארער שטאט "קרית יטב לב" בליעט ב"ה, הונדערטער משפחות וואס וואוינען שוין דאָ, די טויזנטער משפחות וואס וועלן דא וואוינען אינעם עתיד, אלע וועלן דא קענען מחנך זיין די קינדער, לעבן מיט הרחבת הדעת, בלויז און אלעס אדאנק אייער זכות!
אייער יעצטיגע הנצחה וואס איר קויפט אין דעם בנין, איז נישט פשוט אז איר האט א הנצחה אין א בנין. נאר איר ווערט פאראייביגט אייך אלס פאקטישער בונה העיר! אלס בונה הדורות!
בנין בראך
שער האולם
שער הבנין
שער האולם
בנין האדיר החדש והנהדר
תלמוד תורה - בנין בראך
קרית יטב לב יצ"ו
בנין תלמוד תורה האדיר החדש ישיבה תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר
ויראה
בניגים לבניך
קרית יטב לב
בלומינגבורג נ.י.

# קנו לכם זכותים

טיילווייזע ליסטע פון זכותים נצחיים אינעם בנין האדיר
וואס איר קענט זיך איינהאנדלען

## מלכות'דיגע חתונה-זאַל



$2,000,000



קומה בבנין

$800,000

א זכות
וואס יעדער
סאטמארער
נדיב וויל זיך
אייהאנדלען!
מיליאנען שעות תורה
וואס וועט אייך
ברענגען א שטענדיגן
קוואַל פון השפעות!



73 זכותים

6 נמכר

חדר הכתה

$150,000



חדר אוכל גדול

$500,000



נמכר

היכל ביהמ"ד

$500,000



שער הבנין

$750,000



פרוזדור הגדול

$360,000



גרויסע קאך

$400,000



שער השני

$420,000



שער הפנימי

$120,000



זכות אבן יסוד

$250,000



חכם
לב יקח
מצות

טייערע נדיבי עם,
אין די בנין הגדול
לשם ולתורתו,
קענט איר זיין אַ שותף!
קענט איר זיין א בונה!
קענט איר זיין א מקים!

צו קויפן און אייביגע אינוועסטמענט
אינעם בית שמגדלין בו תורה
רופט: הר"ר יואל וואללנער הי"ו
845-228-8998 Ext. 135

# אויפ'ן שפיץ גאפל



## נייע סעמינאר על טהרת הקודש געגרינדעט אין ירושלים

א ספעציעלע מעמד יסוד איז פארגעקומען אין ירושלים, וואו עס איז אוועקגעשטעלט געווארן די גרונדשטיין פון א נייע חסיד'ישע סעמינאר על טהרת הקודש וואו עס וועלן בעז"ה נתחנך ווערן דורות פון אידישע חסיד'ישע תלמידות אויפ'ן אויסגעטראטענעם וועג פון די פריערדיגע צדיקים, אן נהנה זיין קיין פרוטה פון דעם שלטון הרשע.

די נייע סעמינאר איז אונטערגענומען געווארן דורך א חשוב'ער אינגערמאן וועמענס ב"ב איז געווען א גרויסע לערערין אין איינע פון די גרויסע חסיד'ישע סעמינארן וואס געהערט צו איינס פון די פראמינענטע חסיד'ישע הויפן אין בני ברק, און ווען זי האט געזען וויאזוי מ'שיקט די מיידלעך 'שטודירן', רח"ל, האט ער געעפנט דער נייער מוסד.

די זייטיגע ווירקונג דערקענט זיך שוין, ווען ווירקליך זינט די עפענונג פון דעם נייעם סעמינאר האט די א.ד. מוסד כלומר'שט געעפנט א ועד פיקוח אויף די לימודים, נאך וואס די סמוטאכע האט זיי געמאכט אסאך קאפ ווייטאג.

דער מעמד איז פארגעקומען אין זאל פון 'מסילת ישרים' אין ירושלים און איז באשיינט געווארן דורך די גדולי הרבנים וואס שטייען אין שפיץ פונעם נייעם סעמינאר, הגה"צ רבי צבי מאיר זילבערבערג שליט"א ראש חבורת נחלת יעקב, כ"ק אדמו"ר מספינקא סוליצא שליט"א, הגה"צ רבי אהרן טווערסקי אב"ד טשערנאביל ירושלים, בן כ"ק אדמו"ר מטשערנאביל שליט"א, און הה"צ ר' דוד צבי הירש מייזליש שליט"א איידעם ביי כ"ק אדמו"ר מקרעטשניף ירושלים שליט"א.

די נייע סעמינאר וועט געפירט ווערן מיט זעלבן השקפה און הדרכה פון תלמוד תורה "נועם אלימלך" על טהרת הקודש אין בני ברק, און תלמוד תורה "זרע קודש" אין ירושלים.

ביים מעמד האבן אויפגעטרעטן הגה"צ ר' צבי מאיר זילבערבערג שליט"א, כ"ק אדמו"ר מחוג חתם סופר שליט"א, כ"ק אדמו"ר מספינקא סוליצא שליט"א, הגה"צ המקובל רבי אביש צענווירטה שליט"א, און הגה"צ ר' ישעי' שווארטץ שליט"א בעל מעדני אשר. אויך האבן זיך באטייליגט האדמורי"ם מבוהוש, סקולען ירושלים, און רש ישיבת טשעבין שליט"א.

• • •

## 7 פרומע אידן אין מיליטערישע תפיסה פאר'ן בלויז חטא פון וועלן בלייבן ערליכע אידן

די נעמען פון די מוסרי נפש און מקדשי שם שמים זענען:

יוסף חיים בן גילה; מנחם מענדל בן נחמה (זיצט שוין דאס צווייטע מאל אין תפיסה); משה בן חנה; יוסף חיים בן גיטיס (זיצט שוין דאס צווייטע מאל אין תפיסה); מנחם מענדל מרדכי בן עטרה; אילן בן כינרת (זיין דיון קומט פאר דעם היינטיגן דאנערשטאג פ' בשלח); ירון אהרן בן זיבה.

געוויסע האבן שוין ערהאלטן זייער 'פטור' פון מיליטערישע דינסט, אבער זיצן אלס עונש פאר די תקופה ווען זיי האבן נאכנישט געהאט א פטור. מען דארף מתפלל זיין אז זיי זאלן קענען אויסהאלטן די כפי' און זאלן זיך נישט ברעכן צו די רשעים.

### יא גזירה אדער נישט גזירה...?

ווען מען רעדט פון ארעסטירטע איז כדי צו איבערגעבן א מעשה וואס האט זיך אפגעשפילט די וואך:

א איד פון קרית יואל וועלכער איז געווען צוגאסט אין ארה"ק צוליב א משפחה שמחה, האט זיך געלאזט הערן ברבים אין ביהמ"ד, אז ער איז יעצט געווען אין ארץ ישראל און ער האט געזען אז ס'איז בכלל נישטא קיין גיוס. נישטא קיין גזירה, אא"וו. מען דערקענט נישט גארנישט אין די גאסן אז עפעס זאל דארט פארגיין.

האט אים א קלוגער איד געענטפערט לויט זיין שפראך. אז ער גלייבט נישט אז ער איז געווען אין ארץ ישראל... ווייל ער איז געווען אין קרית יואל די גאנצע צייט און ער האט גארנישט באמערקט אז דער פעלט... אלעס איז געהעריג אנגעגאנגען מען האט גארנישט געזען אין די גאסן אז ער איז נישטא...

צווייטנס פרעגט ער אים, אויב ער ווייסט וואס עס מיינט א תפיסה, און אז ווען מען איז אין תפיסה קען מען נישט ארויסגיין פון דארט מיט די ארענדזשע קליידער. ווייל אויב וואלט ער געגאנגען באזוכן אין תפיסה ווען ער האט געווײלט אין ארץ ישראל וואלט ער שוין איינמאל געזען די ביטערע מציאות וואס פאטשט אין פנים מיט כמעט א מנין ארעסטירטע וואס זענען געווען אין תפיסה בשעת ער איז געווען דארט. אוודאי אויף די גאס האט ער גארנישט געזען אבער ביי זייערע עלטערן אין דיינינג רום שבת ביי די סעודות אויב ער וואלט געקוקט וואלט ער געזען א ליידיגע בענקל פון די בחור וואס איז פארכאפט אין תפיסה א מציאות וואס איז נישט פארהאן אין קיין אנדערע 'גוי'אישע מדינה' איבער די גאנצע רינדעכיגע וועלט.

• • •

ציון הלא תשאלי לשלום אסיריך:

## געלונגענע פארטיידיגונג דורך 'הוועד למען אסירי ציון'

דער אסיר ציון; דער מוסר הנפש הר"ר ישראל אשר בן מלכה ראטמאן שליט"א וועלכער איז ארעסטירט געווארן פארגאנגענעם דאנערשטאג בעת די מחאות קעגן 'מרכז סלולר', איז נאך א געלונגענע פארטיידיגונג צוגעשטעלט דורך 'וועד למען אסירי ציון' ארויסגעלאזט געווארן פון טורמע, און מען האט אים מקבל פנים געווען בשמחה, בשירה ובזמרה.

ברוב חסדי השם - אדאנק די זעלטענע ארבעט פון 'וועד למען אסירי ציון' איז ער געזעסן איינגעשפארט בלויז ליל שישי, און נאך בעפאר שבת האבן זיי אים באפרייט.

די רשעי הציונים האבן שוין א לאנגע חשבון מיט דעם מוסר נפש, עס דראעט אים אצינד 3 חדשים תפיסה פאר פריערדיגע מחאות וואס זיי האבן ארויפגעלייגט אויף אים אן עלילת רשע, בלויז אים צו באשולדיגן אלס א קרבן ציבור און אזוי ארוםווארפן א אימה ופחד אויף די ערליכע אידן פון זיך ארויסשטעלן און היטן אויף קדושת ירושלים.

• • •

## רשימה דורך 'איגוד בני תורה הספרדים' פון פארלאפענע וואך

די עסקני פון 'איגוד בני תורה הספרדים' האבן ארויסגעשטעלט א רשימה פון מערערע פארפלאנטערטע בחורים מיט שווערע קעיסעס זיך ארויסצודרייען מצפרני רשעים וועלכע ווילן זיי אריינשלעפן בצבא השמד, מיט א רוף צום יהדות החרדית מתפלל צו זיין אויף זיי, נאך וואס זיי האבן פארלוירן זייער מעמד בן ישיבה וואס מאכט גאר קאמפליצירט זיי צו ראטעווען.

די חשוב'ע אינגעלייט: שמואל בן לאה, ישראל מאיר בן אילנא, ישראל יוסף בן רבקה, אילן אלי' בן שרה;

די חשוב'ע בחורים מעדת הספרדים: יעקב מאיר בן שרה, נועם בן מזל, בנציון בן מרים, משה אהרן בן כרם, משה יוסף בן רוזיטא.

עס איז היינט א דבר ידוע דאס וואס די רשעים פארלייגן זיך אויף בחורים איבערהויפט פון ווייטערע קרייזן, אן א רוקנביין וואס זאל זיך אננעמען פאר זיי. די איינציגע וועלכע זארגן זיך פאר זיי זענען די געטרייע עסקנים פון 'איגוד בני תורה הספרדים' - וואס ווערט אויסגעהאלטן דורך תושבי חו"ל - די עסקנים טוען פארזעצן מיט די פעולות הצלה אויף אלע פראנטן נישט צו דערלאזן קיין שום נשמה צו ווערן אריינגעשמאלצן.

• • •

# רבנות הצבא'ות מיט פרישע פשרות אין יהדות

וויפיל די רבנות הראשית איז באקאנט מיט זייערע היתרים שונים אין אלע אספעקטן פון אידישקייט, טוט אבער דער רבנות הצבא'ות פון די מיליטער פילפאכיג איבערשטייגן להתיר איסורים. דאסמאל איז באקאנט געווארן אז די מיליטערישער רבנות האט מתיר געווען צו באגראבן גוי'אישע סאלדאטן, זייט ביי זייט מיט סאלדאטן פונעם מיליטער - ליידער מזרע ישראל. א זאך וואס איז נישט געהערט געווארן ביז היינט.

ביז היינט פלעגט מען זיי באגראבן אינדרויסן פונעם גדר, און יעצט זענען זיי געקומען מיט א פשרה פון 'אונטער דער ערד' אז מען וועט אויפשטעלן א גדר צווישן די קברים אונטער דער ערד...

אויך האבן זיי מסכים געווען ארייננצוברענגן נגונים ביי די לויות און זאגן קדישים דורך פרויען א.א.וו. אויך איז נתפרסם געווארן איינס פון די פרישע 'פסקי התורא' ווען זיי האבן ארויסגעגעבן א היתר זיך ארויסצוכאפן צו די משפחה אום שבת, מיט א קאר, בכדי צו קענען זיך טרעפן מיט די משפחה, רח"ל.

ס'איז ממש אומפארשטענליך פארוואס זיי מוזן קומען מיט א צביעות כאילו דאס איז דעת תורה וואס ברענגט א שמחה ביי די מפירי תורה אויף יעדן געביט, אבער זעט אויס אז זיי פרובירן שפילן דעם שפיל. אדער גאר מעגליך אז די רבנים ווילן פשוט נישט פארלירן זייער פאסטן טרעפן זיי אלעס אין די תורה אבי צו בלייבן מיט פאזיציע פון רבנות הצבא'ות.

• • •

# פרויען רעכטן מיט פארלאנג פאר פאזיציעס אינערהאלב אגודת ישראל

דער בית משפט הציוני האט ארייננגעקוקט אין א קלאגע פון פרויען וואס האבן אנגעגעבן אז זיי ווילן זיין א חלק פון די מפלגה פון אגודת ישראל אינערהאלב די כנסת המינים, צו קענען אוועקשטעלן די געזעצן און שטימען, און געוויס 'אויפטון פון אינווייניג'...

די שופטים האבן גע'פסק'נט אז ביז א האלבע יאר דארף די מפלגה צוריקקומען מיט אן ענטפער איבער איינגלידערן פרויען אין זייערע רייען, און פארוואס זיי נעמען נישט אריין פרויען.

דער עצם זאך אז דער בית משפט איז דן אין אזא קלאגע און פארלאנגט ענטפערס אויף צוריק, צייגט ווידעראמאל ווי דער שלטון הרשע אין ארץ הקודש זענען אחראי אויף די מפלגות, וברצותם מרחיב ומקצר, און קענען ארויסשטעלן ווי אזוי די מפלגות זאלן ווערן געפארעמט.

אין די מפלגה פון 'דגל התורה' איז שוין דא אזעלכע וועלכע זענען קרוב צו די עסקנים און פרויען עסקנים. לדוגמא דער פון 'טלזסטון' וועלכער האט זיך שוין עטליכע מאל געלאזט הערן אז מען קוקט ארויס אז מען זאל האבן פרויען נציגות פאר פאזיציעס פון דגל התורה.

**כשהן יורדין יורדין עד לעפר.**

• • •

# נייע פרעצעדענט; בג"ץ שענקט רעכטן פאר פרויען צו קלייבן רבנים פאר 'רבנות הראשית'

דער בג"ץ, וועלכע האט די אויסשליסליכע רעכטן איבער אלס און אלעמען וואס עס שפילט זיך אפ בשלטון הרשע, האט צינד ארויסגעגעבן זייער פסק וועלכע טוט ארייננברענגען א פרישע פירצה אין די 'רבנות הראשית' וואס אפילו זיי האבן ביז היינט נישט מסכים געווען צו אזוינס, אבער כל מה שיאמר בעה"ב עשה, און די שופטים וועלכע זענען די ענדגילטיגע בעלי בתים אויפ'ן קערפערשאפט טוט איינפירן נייע פירצות.

דער פסק לויטעט אז פרויען קענען זיין א טייל פון די וואס קלייבן אויס און געבן סמיכה פאר די רבנים אויף זייערע שטעלעס.

אויף דעם האבן שוין גדולי ישראל געפאסט ובראשם דער מרא דארעא קדישא הגה"ק רבי יוסף חיים זאנענפעלד זצוק"ל ווען די רשעי ישראל האבן געגרינדעט די 'רבנות הראשית' האט מען געשריגן אויף דעם אז מען גיבט איבער די תורה אונטער די שליטה פון די פרייע ממשלה, ותוצאותיו מי ישורנה וואס לעבן ליידער היינט דאס מיט.

**ואותנו עזבו לאנחות**

• • •

ביקש לעקור את הכול:

# שערורי' אין בית שמש; עטליכע בתי מדרשים אויסגעריסן אין די נייע געגענטער

רמת בית שמש ד' זידט און קאכט ווען די ראש העיר איז געקומען אין באגלייטונג פון מחנות פאליציאנטן דורכצופירן דער שרעקליכער מעשה פשע.

עטליכע אידן וואס האבן דאס מיטגעהאלטן האבן אין איילעניש זיך געלאזט מיט א ווייי געשריי און צוזאמגעברענגט א גרעסערע ציבור פון רמת בית שמש ד' און אזוי אויך פון אנדערע געגענטער פרובירנדיג דערמיט אפצוהאלטן בעד המשחיתים מיט מסירת נפש ממש. די אינגעלייט זענען ארייננגעטאנצן אינמיטן די אנגייענדע ארבעט פון חורבן און הירוס אויף די בתי מקדש מעט, די פאליציי איז זיך באגאנגען מיט שרעקליכע ברוטאליטעט און רשעות און געטיילט מכות רציחה פארן נישט לאזן די מחבלים טון זייער ארבעט.

עטליכע חשוב'ע אינגעלייט זענען געפירט געווארן צום פאליציי סטאנציע אבער אזויווי זיי האבן נישט געהאט קיין פלאץ אינעם סטאנציע האט מען זיי געלאזט זיצן אין די פאליציי אויטאס פאר לאנגע שעה'ן ביז מען האט זיי באפרייט.

די מרשעת וועלכע איז אריינגעוועלט געווארן אלס ראש העיר שטעלט זיך ארויס צו דינען מער געטריי און גרייכן אלע צילן פונעם מדינת השמד נאך בעסער ווי אין די אויסגעשפראכענע פרייע שטעט.

דער ציבור אין בית שמש שטייט קאמפס-גרייט נישט צו פארשווייגן דעם פשע המחפיר.

אין א פרישע פרואוו צו פארטרייבן דעם פרומען ציבור פון בית שמש איז געמאלדן געווארן אין רמת בית שמש ה' וואו ס'איז אנגעקומען א 'צו הריסה' איינצוווארפן 3 בתי מדרשים אין די נייע געגענט וואס די מרשעת איז אויסן נישט צו דערלאזן בתי מדרשים פאר די איינוואוינער. דער ציבור שטייט על המשמר על כל קרואה שלא תבוא ארויסצוקומען לעצור בעד המשחית.

**ורוח הקודש אומרת כן ירבה**

• • •

# לויער פון 'הוועד למען אסורי ציון' באפרייט 3 ארעסטירטע אין בית שמש

דער לאיער פון 'וועד למען אסירי ציון' בשליחות פון די העלדישע עסקנים האט באוויזן צו באפרייען 3 אסירי ציון וועלכע זענען איינגעשפארט געווארן אין פאליציי סטאנציע ביי די מערכה אפצוהאלטן די הריסות בתי מדרשים.

איינער פון די אסירים איז אים גערינען בלוט און מען האט געדארפט זאפארטיגע מעדעצינישע באהאנדלונג אין פאליציי סטאנציע וואס דער 'וועד למען אסירי ציון' האט דורכגעבראכן אז מען זאל צולאזן צו דעם אינגערמאן די נויטיגע הילף.

נאך די נויטיגע יעוץ פון הר"ר שמואל ווייספיש שליט"א זענען זיי אלע באפרייט געווארן. אשריכם שנתפסתם על דברי תורה!

• • •

בכח התורה:

# געלונגענע מערכה אין בית שמש ברענגט געשעפט אונטער הכשר פון שטאטישע רבנים

אין רמת בית שמש ד' איז אנגעגאנגען א לאנג פארצויגענע מערכה קעגן א געשעפט וואס האט זיך נישט געוואלט בייגן צום דעת תורה און נישט געוואלט שטיין אין די תקנות פון די ערליכע רבנים אין רמת ד'.

נאך א פאראייניגטע פראנט דורך די ערליכע תושבים נישט אריינצוגיין אינעם געשעפט איז די וואך געמאלדן געווארן ב"ה בשמחה רבה אז דער געשעפט האט זיך געבויגן צום דעת תורה און האט אלעס פאררעכטן און דעריבער איז ארויסגעקומען א שיינע מכתב פון די רבנים.

לכל התושבים היקרים שיחי' בהוראת רבנים השכונה הננו להודיע בס"ד שידידינו היקר אשר בשכונותינו האט זיך אונטערגענומען אז זיין געשעפט גייט זיך פירן כהוראות הרבנים וכדת תורתינו און וועט פאלגן אלעס וואס די רבנים וועלן הייסן. און נאכדעם וואס ער האט אנטזאגט עטליכע שטאב פונעם געשעפט און האט אדורכגעפירט נאך תיקונים וואס צייגט אז ער איז ערנסט דערין, איז ארויסגעגעבן געווארן א הוראה אז מען קען ווייטער אנהייבן קויפן אין יענעם געשעפט.

דאס האט גורם געווען א שטארקע אויפברויז ביי די 'דגל התורה' קרייזן וועלכע זארגן אז איינס פון זייערע רבנים האט זיך צוגעשטעלט מיט די סיקריקים - יא דער טיטל הערט מען פון אלע משנאי ה' - וואס זיי קענען נישט אראפשלינגען אז די ערליכע רבנים האבן דעם אויסשליסליכן בעלות אויף די טוהר המחנה.

נאך א געלונגענע פארטיידיגונג מצד די ערפארענע עסקנים פון דער 'וועד למען אסירי ציון' האט מען ב"ה באוויזן אראפצונעמען די פארלאנגטע 'מעצר על תנאי' - וואס באדייט אז אויב ווערט ער געכאפט אפילו אין גאר א לאנגע צייט ארום קען ער באשטראפט ווערן אויף למפרע אויך אויף די אלטע קלאגע פון רייסן די שילדן - און מען האט ערהאלטן א קורצע מעצר על תנאי. באזונדער איז געשניטן געווארן די קנס פון 3,000 שקל צו א נישטיגע 300 שקל וואס דער 'וועד' שאפט אין די יעצטיגע טעג צו קענען פארזעצן מיט די ווייטערדיגע באפרייאונג פונעם אסיר ציון וועלכע זיצט יעצט מעצר בית וועגן די הייליגע מערכות למען קדושת ירושלים אין די גאולה געגענט.

• • •

# קולות מחאה אויף 'רחוב שמואל הנביא' נאך פארלענגערטע ארעסט קעגן הר"ר ישראל אשר ראטמאן שליט"א

די רשעים האבן פארלענגערט די ארעסט פון דעם אסיר ציון אויף ביז דאנערשטאג. דאס האט געפירט צו מחאות אויף די שמואל הנביא גאס, וואו ערליכע אידן האבן ארויסגעגעבן דעם זעקת יהדות החרדית קעגן די רדיפת הדת.

די אינסטאנצן האבן זיך פארלייגט אויף דעם מוסר נפש בכדי אפצושטעלן די מערכת הקודש בראשות גדולי הרבנים שליט"א קעגן די געשעפטן וועלכע פארשפרייטן טומאה בפלטרין של מלך.

וואס דארט האבן זיי נישט קיין שליטה אויפ'ן מקום קדוש און דער איינציגער אופן ווי אזוי צו ווייזן בעלות איז דורך אפשליסן דעם מקום קדוש אז מען זאל נישט קענען צוקומען און אויף אזא אופן פרובירן זיי צייגן בעלות.

מען דארף בלויז א קוק טאן אין שטאט נתיבות ביים הילולא פון באבא סאלי זי"ע ממש די לעצטערע טעג האבן זיי ערלויבט צו פראווען א גרויסע הילולא, און ווי זיי האבן געמאלדן האט זיך דארט משתטח געווען ארום הונדערט טויזנט מתפללים במשך דעם טאג. די סכנה אין שטאט נתיבות דארף מען גארנישט זאגן, זייענדיג ממש נאנט צו עזה. ווירקליך איז דער שטאט ליידער אויך געווען טייל פון די שמיני עצרת טעראר אטאקע מיט פילע הרוגים הי"ד. אזוי אויך האט דער מדינה געמאלדן אז די פלאן פון כאמאס איז געווען טאקע אויפ'ן הילולא צו שיסן 40 ראקעטן וואס דער אויבערשטער זאל שומר ומציל זיין אויב די אראבער זאלן ווען אויספירן זייערע פלענער וואס מען האט בסייעתא דשמיא געכאפט די לעצטע מינוט.

אבער דארט האט דער ממשלת השמד נישט איינגעזען אז יעצט איז שעת מלחמה און זיי האבן אלעס געלאזט אנגיין ווי געהעריג, ווייל ליידער אויפ'ן מקום קדוש אין נתיבות זענען זיי שולט אינאיינעם מיט די מפלגות, אנדערש ווי אין מירון ווי זיי זענען נישט שולט און דעריבער פרובירן זיי מונע זיין אין יעדע געלעגנהייט פון שטערן די מתפללים.



• • •

וכל אשר תתן עשר עשרנו:

# פון 3,000 שקל צו בלויז 300 שקל

דער 'וועד למען אסירי ציון' האט ווידעראמאל געשטעלט די מדינה אויף די פיס ווען די בג"ץ האט דאסמאל באהאנדלט די קעיס פון איינע פון די לאנג פארצויגענע מערכות וואס האט זיך אפגעשפילט מיט העכער 4 יאר צוריק און זינט דאן איז אפן א 'תיק' (א פאלדער) קעגן דעם אסיר ציון הר"ר יהושע דדון שליט"א. (דאס איז אין צוגאב צו די לעצטערע קלאגעס קעגן אים פאר זיין מערכה קעגן די פגעי טעכנעלאגיע אין די גאולה געגענט).

דער פראסעקיוטער האט געפאדערט פונעם בית משפט צו געבן תפיסה און באזונדער א קנס פון 3,000 שקל פארן אראפרייסן תמונות שחץ וואס די מדינה האט געלאזט לויפן אויף זייערע באסעס אין צענטער פון שטאט.

• • •

# אתרא קדישא מירון פארמאכט צוליב מלחמה בעת 100,000 משתטחים ביי הילולא פון באבא סאלי זי"ע

דער שלטון הרשע טוט כסדר נוצן אויסריידן צו פארשפארן דעם מקום קודש - דער ציון פון התנא אלוקי רשב"י אין אתרא קדישא מירון אונטער יעדע אויסרייד און סיי וועלכע אנגעבליכע סיבה. ווער געדענקט דען נישט דעם לעצטן זאת חנוכה וואס ציהט יעדע יאר א ריזן ציבור צום תנא אלקי צו פועל'ן ישועות האבן זיי מודיע געווען אז ס'איז נישטא קיין אויטאבוסן ווייל ס'איז א שעת מלחמה און ס'איז דא באמבעס פון צפון פון כיזבאלא.

אבער דאס איז אלעס בלויז אין אתרא קדישא מירון.

• • •

# נייע מעגא גענעראטאר צו פיטערן לעקטער אין אתרא קדישא מירון

אין אנדערע נייעס איבער דער מקום קודש אין מירון ווערט געמאלדן, אז נאך גרויס פלאג פון די עסקנים וועלכע פארפיפיגן אויפ'ן ארט, איז געלונגען פילפאכיג צו פארגרעסערן די מעכטיגע גענעראטארן וואס פיטערן די עלעקטריק קראפט באתרא קדישא מירון, נאכ'ן ארויסנעמען דער ביז יעצטיגע גענערעיטאר וואס איז געווען פארעלטערט און אפגעדינט און מען האט אינסטאלירט א שפאגל נייע וואס וועט בעז"ה קענען אהערשטעלן כשר'ע עלעקטריק קראפט אין אלע אפטיילונגען פונעם מערה אום שב"ק.

משמרת חומותינו

בד בבד ווערט באקאנט אז די רשעים האבן זיך שוין געזעצט אויף פלענער אין די יעצטיגע טעג ווי אזוי צו באקומען שליטה אויפ'ן מקום קדוש בהילולא קדישא דעם קומענדיג ל"ג בעומר, ווען - הרשעים כים נגרש - נישט קענענדיג אראפשלינגען אז דער הייליגער מקום ווערט געפירט נישט דורך זייערע טמנ'ע הענט.

מען דארף אסאך תפלה שלא ינוח שבט הרשע על גורל הצדיקים און אלע משתטחים זאלן קענען ארויפגיין מתפלל זיין ביים ציון על טהרת הקודש.

**הוא ימליץ טוב בעדינו!**

• • •

מדחי אל דחי:

# נציג פון אגודת ישראל פארשפרעכט פרישע פאנדן פאר ט.ב. אבא כביר

די טרויעריג באקאנטע 'אבא כביר' קערפערשאפט וואס רופט ארויס אפשיי און גרויל ביי יעדן ערליכן איד - שטייענדיג אונטער פילצאליגע ניתוחי וניבול מתים באופן מבהיל, און האט שוין בעבר געפירט צו שטורעמישע פראטעסטן ווען מען האט פרובירט, און פילע מאל באוויזן בס"ד זיי אפצוהאלטן פון דורכפירן ניבול המת.

אבער יעצט ווערט באקאנט אז דאס איז נישט ביי יעדן. ווען א נציג פון אגודת ישראל פון נתני' איז אראפגעקומען אויף א באזוך אויפ'ן קאמפלעקס פון אבא כביר און מחזק געווען די מכון און נישט מער און נישט ווייניגער גאר פארשפראכן צו ארבעטן פאר פרישע תקציבים אונטערן מסווה פון צוזאמברענגן די פרומע און די פרייע בשעת די יעצטיגע מלחמה.

אנשטאט דאס צו פארמאכן איז מען דאס מחזק און מען זאגט נאך אז מען גייט דאס העלפן.

• • •

# איינס פון טויזנטער סוקסעס געשיכטעס אויפ'ן פראנט קעגן די מיליטער

אן ערשטע האנטיגע שילדערונג ווערט איבערגעגעבן פון הבחור יוסף חיים תיק #10,761 האט געלערנט אין א ישיבה קטנה אין תפרח ווען ער האט זיך געוואנדן צו די עסקנים פון די בארימטע 'מרכז הצלה'.

מרכז הצלה באזיצט א מאסיווע דאטא-בעיס, איינגעשטעלטע צושפרייט אין עטליכע אפיסעס מיט א פארצווייגטע אפאראט וואס יעדע קעיס און הילפס פאל ווערט אריינגעלייגט אין א ריזן סיסטעם מיט א באשטימטע קאוד נומבער, און ווערט נאכגעפאלגט דורך א רייע פון געשולטע עסקנים און לויערס, ווען יעדע קעיס פאדערט א אייגענארטיגע מהלך ולא ראו זה כראו זה.

אונזער שילדערונג אצינד איז איבער הב' החשוב יוסף חיים ני"ו. יוסף חיים האט זיך געוואנדן צו 'מרכז הצלה' נאך וואס עס האט זיך געמאכט א פראבלעם אין שטוב, וואס אין רעזולטאט איז דער בחור ארויס פון ישיבה און האט אנגעהאלטן זיינע לימודים במש'ך דעם טאג מיט פריוואטע חברותות, מיט'ן פלאן און האפענונג אויף שפעטער זיך צוריקזעצן בין כותלי הישיבה.

דער ממ"ח האט ערהאלטן אינפארמאציע פון דעם בחור, זעענדיג זיין אריבערגאנג האבן זיי געווארפן אן אויג אויף אים, און מסדר געווען א גייס - א מפתה וואס זאל אים איינרעדן אריינצוכאפן אין נעץ פונעם צבא השמד דורכן אים איינשרייבן אין אן אפטיילונג וואס רופט זיך 'חייל בודד'. ליידער דורך די ענדלאזע פיתויים פון דעם פרומען גייס איז זיי געלונגען אים פאר'חתמ'ן דארט אין דעם אפטיילונג.

נאך א קורצע צייט זיך דרייען דארט האט ער געכאפט וואס מען טוט דא מיט אים, און האט פארשטאנען אז ער איז פארכאפט! ער איז געווען מיואש נישט וואוסנדיג פון א וועג ארויס פונעם פלאנטער.

דער משגיח פון זיין געוועזענע ישיבה האט זיך געוואנדן פאר הילף צו 'מרכז הצלה' אין די טעג פון עשרת ימי תשובה תשפ"ג. זינט דאן איז געשטעלט געווארן א באזונדערע פייל און א פריוואטער עסקן צו באגלייטן דעם בחור'ס קעיס. מען האט איבערגעקערט א וועלט ביז'ן אנקומען צום בג"ץ הציוני לקיים 'ויגזול החנות מיד המצרי'. אצינד ווערט געמאלדן די פרייליכע ענדע אז בסייעתא דשמיא האט ער נארוואס צוריקבאקומען א 'מעמד בן ישיבה'.

דאס איז א פאל ממש למעלה מדרך הטבע שטייענדיג אין אזא תקופה ווען ס'איז בכלל נישטא קיין חוק פון א דיחוי זינט די גאנצע חוק הגיוס איז כעת אויף אפשטעל. אבער די עסקנים האבן וואונדערליך צוריק געברענגט די 'מעמד בן ישיבה' פאר דעם בחור.

דער משגיח האט זיך דערנאך געוואנדן צו די עסקני המרכז האט ער זיך אויסגעדרוקט "ווען דער גאנצער 'מרכז' זאל ווען געשטעלט ווערן בלויז צו ראטעווען דעם איינעם בחור האט זיך אלעס געלוינט!" און האט צוגעגעבן ווי מען קען אריינקומען אין היכל הישיבה וואו מען זעט דעם בחור דארשט נאך תורה און ער זיצט גאנצע סדרים מיט שעות פון לימוד התורה בלי הפסק. אשרי להם ואשרי חלקם!

גזירת הגיוס איז אין קראפט געני ווי אין די פארגאנגענע יארן. ווי מען זעט אז די עסקנים אויפן פראנט צו ראטעווען איז ידיהם מלאות אן קיין שום הפסקה ב"ה גאר אסאך מיט גרויס הצלחה. די גייסים און מיליטער האט זיך נישט מייאש געווען און דער שלטון האט זיך נישט מייאש געווען. ב"ה אדאנק די מסירות נפש פון די פעולות הצלה גרייכן זיי נישט זייער פון פאראויס באשטימטע יעדים.

אלעס בזכות די ערליכע אידן וואס טוען יומם ולילה צו ראטעווען נשמות מצבא השמד.

• • •

# מרכז הצלה פייערט זיג ביי הבחור החשוב ני"ו - קעיס #9,137

די פאסירונג האט זיך אפגעשפילט מיט א בחור פון א צובראכענע שטוב. דער בחור האט זיך געוואלגערט ביי משפחה אין חוץ לארץ, און איז שפעטער געפארן לערנען אין א ישיבה פאר בעלי תשובה אין ירושלים.

בעת די תקופה פון די קאראנא פאנדעמיק איז ער געבליבן פארהאקט אין ירושלים נישט קענענדיג אהיימפארן. אין דער צייט איז בטל געווארן זיין מעמד וואס ווערט באצייכנט אין די מיליטער אלס 'מעמד בן מהגרים', און דעריבער האבן זיי אים מחייב געווען זיך צו שטעלן צום מיליטער דינסט רח"ל.

כ"ז תשרי תשפ"ב איז ער אנגעקומען צו די עסקנים פון 'מרכז הצלה', ווען ער האט זיך אנגעטראפן מיט זיי ביי 'מטה הסברה' פארנט פון דעם 'לשכת הגיוס'. די עסקנים אויפ'ן ארט האבן גענומען זיינע פרטים און די ציפערן פון קעיס נומערן זענען געוואקסן פון 9,136 צו 9,137!

כ"ז ניסן תשפ"ב, א האלבע יאר נאכן עפענען א פראנט צו ראטעווען דעם בחור, וואס האט געפאדערט לויערס און קאסטבארע פעולות און דאס פלאצירן אים אין א ישיבה, האט מען באוויזן מיט גרויס סייעתא דשמיא צוריקצושטעלן זיין 'מעמד בן מהגרים' אפילו ער איז שוין דאן געווען א משתמט.

ב' תשרי תשפ"ד, דאס יאר, זענען די עסקנים געווארן באוואוסט אז ער האט חתונה געהאט אין ארץ ישראל און ער וואוינט אין נתני', אבער היות ער איז אין די פארגאנגענהייט נישט געשטאנען אין אלע כללים וואס רופט זיך 'בן מהגרים' האט די מיליטער ארויסגעשיקט פאר אים א ספעציעלן 'צו גיוס' אויפ'ן דאטום ו' שבט תשפ"ד - ד.מ. דעם פארלאפענעם דינסטאג פ' בא (דאס אלעס אין די צייט וואס אפעציעל שיקט נישט די מיליטער קיין צווי גיוס היות ס'איז נישטא פארהאן כעת א חוק הגיוס וואס די בג"ץ גייט דאס באהאנדלען קומענדיגע חודש. אבער די רשעים טרעפן אלע סארט אויסריידן און דריידלעך פארצוזעצן מיט זייער מסע השמד).

דער אינגערמאן איז געווען פארלוירן זיך טרעפנדיג ווידער פארפלאנטערט מיט'ן מיליטער ווען זיי האלטן נישט ביים אויפגעבן אויף זיין נשמה.

בהשגחה פרטית איז אויסגעקומען אז זיין לויער וואס איז געשטעלט געווארן פאר אים מצד די מיליטער אים צו שטעלן צום דינסט, איז געווען דער זעלבע לויער עטליכע יאר צוריק אים צו ראטעווען פון זייערע נעגל. אזוי איז אנגעקומען די ידיעה צו די עסקנים אז ער נוטיגט פאר הילף. מען האט אים ביז עטליכע טעג געשאפן א פטור, וואס איז גאר א גרויסע שמחה זייענדיג א זעלטענע פאל נאך וואס ער איז שוין דאס צווייטע מאל געווען א 'משתמט'. פארט האבן די עסקנים, וועלכע האבן בס"ד גרויס ערפארונג אין דעם פעלד, געבראכן טירן און טויערן און באוויזן דאס אומגלויבליכע.

• • •

# מהומות אין שוהל אין שטאט חדרה ווען די גבאים האבן געוואלט מכבד זיין מיט אן עלי' א 'מחלל שבת' א חרד"ק מיט געווער

ווי באריכטעט פר' שמות צווישן די שפאלטן פון 'חומותינו' האט זיך אפגעשפילט אזא פאל אין די הר נוף געגנט אין ירושלים, וואו מען האט מכבד געווען א חרד"ק מיט א עלי', אצינד האט זיך אזוינס געוואלט איבערשפילן אין חדרה, אבער דארט האט דאס אויסגערופן א מהומה ווען עטליכע מתפללים האבן אויסגעדרוקט זייער קעגנערשאפט, אז פונקט א מחלל שבת מלובש מיט הייס-געווער זאל מכובד ווערן מיט אן עלי'...

די גבאים האבן אין אנטווארט צוריקגעווארפן אז די מתפללים מיינען בלויז זיך, בבחינת 'אתה יצרת', זיי שטערט בלויז פארוואס זיי באקומען נישט אן עלי', און דאס איז די סיבה פארוואס זיי זייען אן פרעות אינמיטן די שבת'דיגע תפילות.

• • •

# שוידערליכע התגרות באומות באגלייט באיסור כרת

דאס יהדות החרדית איז געווארן אויפגערודערט פון די שמועה אז די פרוי פונעם 'שר הביטחון' איז ארויף אויפ'ן הר הבית.

עס איז - ווייסט אויס - אים נישט גענוג געווען ווען ער אליין איז ארויף אויפ'ן הר הבית און אנגערייצט די געמיטער ביי די אראבער מיט שרעקליכע התגרות באומות וואס די נאכפאלגן דערפון האט שוין יעדער ליידער געזען ביים 'מבול' שמיני עצרת אטאקע וואס די רוצחים האבן דאס אפעציעל באצייכנט אלס מבול און נקמה פון טשעפענען מיט זייער מעטשעט אויפ'ן הר הבית.

דער מופקר איז אבער נישט צופרידן ווען נאר זיין האנט טונקט זיך אין אידיש בלוט, נאר יעצט האט ער ארויפגעשיקט אויך זיין זרש'ל ארויפצוגיין און צוגיסן אויל צום פייער וואס פלאקערט בנוסף צום הארבן איסור פון כרת וואס איז ברייט אויפגעשפילט געווארן אויף די פרעסע בריש גלי', און אזוי מתיר דמים פון אידן רח"ל.

• • •

# מיליטער ציהט זיך ארויס פון מודיעין עילית

אין שטאט מודיעין עילית איז פארשפרייט געווארן די בשורה מרנינה אז די מיליטער האט ארויסגעצויגן אלע זייערע כוחות פון די שטאט. די אנוועזנהייט פון צה"ל אין די שטאט איז געווען באגלייט מיט'ן ברייטן ציל פון 'הסתגלות' איינצוגעוואוינען דעם פרומען ציבור צום מושג פון כוחי ועוצם ידי, דורכן צוזען די מושטירונגען וואס די מיליטער האט כסדר דורכגעפירט אין שטאט.

דאס איז געקומען נאך העפטיגע הפגנות פון ערליכע אידן וועלכע האבן נישט דערלאזט אז די סאלדאטן זאלן מטמא זיין די שטאט, ווען זיי האבן דורכגעפירט זייערע טרענירונגען דורך געמישטע באטליאנען צווישן די בנינים אין שטאט זיך צו מושטירן ווי אזוי צו קעמפן אין עזה.

אצינד ווערט פייערליך באריכטעט אז מען האט מצליח געווען אז די מיליטער זאל זיך אפטראגן פון שטח נישט צו דערלאזן אז די טומאה זאל אריינקומען בתוך מחנינו.

• • •

# אית מאן דפרע בממונא: אנן מהכא!

א געוואלדיגער קידוש השם נאך צוזאמארבעט צווישן תושבי חו"ל און תושבי ארה"ק, ווען פריוואטע שאדן פון קליידער, שיך, היטן וכדו', פון די מוסרי נפש וועלכע האבן בגופם אפגעהאלטן די מחבלים ומהרסים אין שטאט בית שמש פון צואווארפן בתי כנסיות אין די נייע געגענטער אין שטאט, איז געווארן געדעקט דורך תושבי חו"ל וועלכע האבן אויסגעצאלט נייע שטאפיר.

עס זענען נאך פארהאן קלענערע שאדנס וואס איז נאכנישט געווארן געדעקט. צו נעמען א חלק אין די מלחמה למען בתי מקדש מעט קען מען איבערלאזן א מעסעדזש אויף 'קול זעקה' און און דערנאך ווערן פערזענליך פארבינדן מיט די מוסרי נפש דפרע בגופם. דער חיזוק דערפון איז אומגעהויער.

• • •

# עקשנות'דיגער קאמף זעצט פאָר קעגן דעם 'רכבת הקלה'

ווי באריכטעט די לעצטערע חדשים טוט דאס יהדות החרדית אין שפיץ פון גדולי הרבנים שליט"א פון ארה"ק אראפשטעלן אן עקשנות'דיגער קאמפף קעגן דאס אויפבויען דער 'לייכטער באן' וואס לויטעט דורכצולויפן אין צענטער פון ירושלים.

דער באן ווערט געבויעט אויף 'בר אילן' גאס און די פארלאפענע וואך דורכאויס די נאכט שעות איז דער ארט באלאגערט געווארן דורך פילע מוסרי נפש וועלכע האבן זיך געשטעלט צווישן טראקטאר און ערד אראפשטעלנדיג א מענטשליכע פאנצער צו באשיצן קדושת ירושלים וואס דער באן צילט דאס אויסצורייסן און אריינברענגן מחנות פון אלע נידריגע עלעמענטן היל"ת.

די ארבעט איז געקומען צו אן אפשטעל פאר א לאנגע צייט ווען פאליציי באגייט זיך קעגן דעם ציבור מיט גרויס אלימות און מעשה פרעות. אבער דער זעקת היהדות איז ערווארטעט פארצוזעצן ביתר שאת כל עוד וואס זיי וועלן ממשיך זיין מיט זייערע פינסטערע פלענער מטמא צו זיין עיה"ק ירושלים.

• • •

# משלחת וחוזרת: לשכת הגיוס מוטשענען דורך טעקסט מעסעדזשעס

אין די טעג ווערט מפורסם אז דער מיט"ב אפטיילונג געבט נישט אויף אויף בחורים אפילו נאכן ערהאלטן א פטור פונעם מיליטער. ווען זיי שיקן ארויס מעסעדזשעס צו בחורים מיט'ן טענה אז 'פטור בלא כלום אי אפשר'... און פארט אפשר וויל מען זיך קומען 'מתנדב' זיין צום צבא השמד.

די מדינה איז באקאנט מיט זייערע ביליגע שנאָר מעטאדן איבער די גאנצע וועלט, ווען זיי לויפן נאך אלע וועלט מדינות פאר טובות, בד בבד ווען זיי פירן ריזן געלט אקציעס צווישן מאגאנאטן וואס זאלן צושטייער געבן פאר די מדינה. דאסמאל גייען זיי מיט א טריט ווייטער ווען זיי בעטן אז בחורים זאלן צושטייער געבן זייער לעבן - און נשמות - פאר'ן געברויך פון די מדינה.

די תאווה פאר נאך נשמות איז אומגעהויער און זיי גייען אריבער אלע גבולים אנצוקומען צו זייער מטרה פון שמד.

לעבט מיט די באריכטן פון
מערכות הקודש אין ארץ ישראל

**קול זעקה**
605.313.6884

**קול האמונה**
718.298.4754

**מערכת סאטמאר**
718.831.7000 #1-1-4

בס"ד

מיט פרייד טוען מיר מעלדן אז מיר שטעלן נאכאמאל צו די

# רייכע שיעור פאר כלות

וועלכע האבן חתונה אין די חדשים פון

## אדר א' - אדר ב' - ניסן

דק"ק סאטמאר קרית יואל
קהל יטב לב סאטמאר

בנין עדי עד

אויפגעשטעלט די נייע שטוב אויפן ערליכן וועג ע"ד ישראל סבא

מיין היים, מיין שטוב, א מקדש מעט, וואו די שכינה רוהט.

אין די נושא פון

## יום החופה

די גרויסקייט פון דעם טאג איינמאל אין לעבן

דורך די חשוב'ע

### מרת ח. האלצער תחי' (מיללער)

## מיטוואך יתרו

למס. 31 JAN

8:15 אווענט

אײנטריט 25$

די פרייז איז נאר פאר די וואס האבן זיך נישט איינגעשריבן פאר די פולע סעריע שיעורים

די שיעור וועלן פארקומען אי"ה

## 4 איהעל קט.

(בעיסמענט פון מרת ר. דייטש תחי')

צו רעגיסטרירן ביטע רופט:

**845.248.0125**

צייט קומט אן הנאה לנחת נחים!

# נאסטאלגישע בילדער ◆ תשס״ח



**הני תרי עסקני:** הרה״ח ר׳ זלמן לייב וויינשטאק הי״ו ואתו עמו הרה״ח ר׳ ליפא דייטש הי״ו מעסקני העיר ומייסדי ׳עזר לשבת׳ ביים פערזענליך באגלייטן די פראצעדור מידי שבוע בשבוע צו פארזיכערן אז יעדע משפחה האט אויף שבת צו מאכן מיט א הרחבה



איבערגעפילטע באקסעס אינעם בית המדרש׳ל אויף עיקערס ראוד וואו תושבי שכונת לעמבערג פלעגן דאוועגען אין די ערשטע תקופה. ביזן גרינדונג פון ביהמ״ד טיב לבב דקיט״ל

## ביקור הקודש דורך כ״ק מרן רבינו שליט״א באתרא דמר

# אינערהאלב שטאטישע ׳עזר לשבת׳ ארגאנאזאציע

**וועלכע האלט שוין אן לאנגע יארן מיטן ארויסשיקן שבת ארדערס מידי שבת בשבתו פאר פילע תושבי העיר מלאים מכל טוב וטוב**

**באזוך אפגעהאלטן אינעם ערשטן ׳עזר לשבת׳ סטאנציע וואו מען האט מסדר געווען די פילע שבת ארדערס אין שטוב פון הרבני הנגיד איש החסד הרה״ח ר׳ יעקב לייב פריינד הי״ו אויף עיקערס ראוד**




פרישע שיפמענט מיט פרישע פרוכט אנגעקומען מיטן חסד טראק אריינצולייגן אין די פילע באקסעס



הרה"ח ר' יעקב לייב פריינד הי"ו געבט איבער באריכט פארן מרא דאתרא כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א איבער די מאסיווע חסד אפאראט פון 'עזר לשבת'



הרה"ח ר' זלמן לייב וויינשטאק הי"וביים איבערגעבן א רעפאראט פון די פעולות החסד וואו כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א האט אויסגעדרוקט זיין טיפע באגייסטערונג און אנגעוואונטשן פאר די געטרייע עסקנים שישלח ה' ברכה במעשה ידיהם ווייטער צו פארברייטערן די פעולות פאר נצרכי עירינו אויף אזא דרך כבוד וואס גייט נאך אן מידי שבת בשבתו ביז צום היינטיגן טאג. מערקט אנוועזנד מוהר"ר יואל שפיצער הי"ו מגדולי עסקני 'רפואה העלפליין' און העסקן הר"ר יואל שטערן הי"ו מראשי העיר בלומינג גראוו אלס הויז בחור פון רבי'ן שליט"א

# שריפטן צום וואכנשריפט



**טעלעפאָן** (לאזן א מעסעדזש): 845-774-6234 #6
**פעקס:** 845-501-0246
**פּאָסט:** POB 113, Monroe ny 10949
**אימעיל:** Letters@kyweekly.com

## ס'איז בעסער צו לאָזן די געזעץ היטער טון זייער אַרבעט

איך האב באמת הנאה פון די "וואָכנשריפט" אויסגאַבעס, מיט אירע רייכע ארטיקלען יעדע איינציגע וואך.

איך שרייב בלויז וועגן דעם בריוו וואָס עמיצער האָט אַריינגעשיקט לעצטע וואָך איבער אַ באַהאַלטענער פּאָליציי וואָס דרייט זיך אין שטאָט, און דער שרייבער גיט עצות וויאַזוי מ'זאָל אים אויסמיידן.

מיין ארימע מיינונג איז אז דאס איז נישט אויסגעהאלטן נישט עפ"י תורה און נישט לויט די 'דינא דמלכותא'. די משנה זאגט דאך שוין "הוי מתפלל בשלומה של מלכות, שאלמלא מוראה איש את רעהו חיים בלעו". אז עס זענען דא געזעץ היטער דארף מען נישט גיין און מפרסם זיין וואו זיי באהאלטן זיך אויס...

אדרבא, זאל דער ציבור געווארענט זיין אייביג און איבעראל מורא האבענדיג אז אפשר איז פארהאן א פּאָליציי! די פּראָבלעם איז נישט אַז עס דרייען זיך פּאָליציי. די תורה הייסט פאלגן דאס געזעץ, און געזעצן זענען נישט געמאכט געווארן אומזיסט, ווי עס גייט דאָס וואָרט: אונטער יעדע רויט לייט איז ליידער דא א טראגעדיע... נישט אויף קיין אידישע קינדער געזאָגט.

מ'דאַרף מער מעורר זיין אַז מען זאָל דרייוון געזעצליך, אַז מ'זאָל טאַקע נישט דאַרפן זיך פאָרכטן פון פּאָליצייאישע אָנוועזנהייט.

קלונימוס קלמן י.

*

## ס'איז דאָ אַ וועג אַריין צו דעם ATM פון 'נאָורט איסט'

אַנבאַלאַנגט דעם בריוו וואָס איז ערשינען אין דעם "שריפטן" אָפּטיילונג, אז מ'קען נישט צוקומען צו דעם "עי. טי. עם." מאַשין אין דער 'נאָורט איסט' באַנק וואָס איז סטאַנציאָנירט אין דעם ביזנעס סענטער אויף 52 בעיקערטאַון. צוליב דעם וואָס די זייטיגע טיר איז צעבראָכן אין מ'קען דאָס נישט עפענען דורכאויס די אָוונט שטונדן מיט'ן דעביט קאַרטל.

איך בין אויך א 'נאָורט איסט' קאסטומער און איך האב מיך אויך דערזען מיט דעם פראבלעם. כ'האָב אבער ערפינדן אז עס איז יאָ דאָ א וועג אנצוקומען צום ATM מאַשין, דורכ'ן אריינגיין פון דעם הויפט טיר פון דעם בנין.

מען נוצט דעם טיר וואו מען גייט אריין צו די אפיסעס אפטיילונג, מען גייט פון דארט ארויף איין שטאק, מען גייט אדורך די גאנצע שטאק, ביז די אנדערע זייט פונעם בנין, וואו דארט קען מען אראפגיין די טרעפּ און מ'קומט אן דעם ATM מאַשין!

עס איז טאקע עטוואָס א 'דרך ארוכה' אבער ווילאנג די טיר ווערט נישט פאררעכטן איז דאס כאטשיג אַ שטיקל לעזונג, אין פאַל וואָס מ'דאַרף נויטיג אָנקומען צו דעם מאַשין.

(-)

*

## שכר פסיעות

צו די רעדאקציע פונעם וואכנשריפט הע"י.

איך האב געהערט עטליכע יונגעלייט וועלכע האבן דן געווען צו ס'איז ריכטיג וואס עס איז געווען אַדווערטייזט דורך דעם "היטשט און געווינט" קאמפיין, אז ווען מ'פארט מיט א קאר צום בית המדרש באקומט מען נישט קיין שכר פסיעות. נאכזוכנדיג האב איך געזען אז מ'רעדט דערפון אין די פוסקים.

דער 'בן איש חי' שרייבט שוין דערפון אין זיין ספר תורה לשמה (או"ח מ): ער באציהט זיך אויף א שאלה פון א מכובד'יגער עושר וואס דאָס בית הכנסת איז געווען ווייט פון זיין שטוב א מהלך פון א האלבע שעה, ער וואלט געקענט גיין צופיס, אבער עס האט אים נישט געפאסט פאר די אויגן פון די גוים צו גיין צופיס צום בית הכנסת, פרעגט ער אן צו ער קען רייטן אויף זיין בהמה.

למעשה פסק'נט דער 'בן איש חי' אז שכר פסיעות איז נאר אויב מ'גייט צופיס און נישט אויב מ'רייט אויף א בהמה! און ער פירט אויס אז ער זאל נישט קוקן אויף זיין כבוד און יא גיין צופיס.

אָבער די וועלט פירט זיך דאך אז מ'פארט יאָ צום בית המדרש, אויף דעם שרייבט דער 'בצל החכמה' (חלק ד' סימן כא) אז די סיבה איז, ווייל אויב וואלט מען געגאנגען צופיס, וואלט מען געיאגט דאס דאווענען, ווייל עס נעמט צייט צוריק אהיימצוגיין צו נעמען די קאר צו פארן צו די ארבעט, איז כדי מ'זאל רואיג דאווענען ברענגט מען לכתחלה די קאר צום שוהל.

דער 'בצל החכמה' לייגט אָבער צו אז פון צייט צו צייט זאל מען יא גיין צופיס צו ווייזן אז מ'איז נישט מזלזל אין די שכר פסיעות, און דאס וואס מ'פארט געווענליך איז נאר ווייל מ'האט נישט קיין ברירה!

אויך איז כדאי נאכצוקוקן אין דעם נייעם הערליכן ספר 'הליכות יוסף עזרא' סימן צ' דף שפא, וואס ברענגט אַראָפּ נאך שיטות איבער דעם ענין. צווישן זיי איז פאַרהאַן פוסקים וואָס שרייבן אז מ'זאל אפשטעלן די קאר אביסל ווייטער פון ביהמ"ד, כדי ער זאל קענען גיין אביסל צופיס און באקומען שכר פסיעות. [אויך קען מען צורעכענען די וועג פונעם הויז ביז'ן קאר].

אגב, דאס וואס דער תורה לשמה איז מחמיר אז אפילו א וועג פון א "האלבע שעה" זאל מען אויך גיין צופיס, דאס איז נישט אזוי פשוט, ווייל דער 'בצל החכמה' איז נושא ונותן ווי ווייט ס'איז שייך, ס'קען זיין נאר אויב די ביהמ"ד איז ווייט ביז "אכצן מינוט" עיי"ש.

עס איז כדאי צוציצייכענען וואס עס ווערט געברענגט אין ספר "מהר"י בן חי" אז רביהקוה"ט זי"ע האט נישט געוואלט פארן מיט א קאר צום ביהמ"ד, נאר ער איז געגאנגען צופיס זייער שנעל, אז מ'האט אים קוים געקענט דעריאגן. הערשט שפעטער נאָכדעם וואָס דער רבי האָט ליידער געליטן פון דעם רויז איז ער שוין יא געפארן מיט א קאר.

אויך האָט מען דן געווען צווישן די אינגעלייט אויב מען וועט אפשר ארויפלייגן די גאנצע קאר אויפ'ן וואגשאל ביים בית דין של מעלה. ווייל מען האָט דאָס גענוצט צו אָנקומען דערמיט אין בית המדרש.

דאס קען אפשר זיין, אבער מען דארף טרעפן א מקור. די עצם געדאנק שטאמט פון אַ הייליגע מקור, הרה"ק רבי שלמה'לע פון קארלין זי"ע, ווי ס'שטייט אין ספר בית אהרן (דף קמז) אז ער האט געזאגט אז בעולם העליון וועגט מען אפ די וועלדער און די פעלדער וואס מ'פארט אויף זיי צום צדיק אויפ'ן כף פון די זכיות. ער רעדט אבער נישט פון דעם פערד און וואגן. ועדיין צריך לעיין בזה.

מיט שעצונג.

**ב. א. א.**

*

*באַמערקונג פון רעדאַקציע:*

*צו דעם חשוב'ער איד וואָס האָט געשריבן א בריוו איבער די מסורה'דיגע דרך הלימוד ביי די צאן קדשים. אַזאַ בריוו קען בלויז אריינגעשטעלט ווערן מיט א נאמען. ביטע דאָס נאָכאַמאָל אַריינשיקן מיט אַ נאָמען און דאָס וועט בעז"ה פובליצירט ווערן אין די קומענדיגע אויסגאַבע.*

Special Package
Only! $1,499
INCLUDING
• Tables
• Chairs
• Tablecloths
• Set up
• Waiter
• Hot food
Sesame chicken, Grilled chicken strips, Overnight kugel, Kishka in gravy
• Gefilta fish platter
• Bilkalach
• Cake
• Fruits
• Chocolate & Nuts
• Chips
• Soda + water
• Beer
• Paper goods
Catering
DEPARTMENT
For all your Catering/Events, big or small, call us:
845-782-2900 Ext 150
Events@satmarmeatkj.com



**FOR SALE**

**Lemberg** 6 room apartment 3 bedrooms 2 bathrooms top floor nice view.



**FOR SALE**

**Karlin/Mountain**
Upgraded 8 room apartment top floor with Fixed up attic



**FOR SALE**

**Lemberg** 5 room apartment 3rd floor tenant occupied



**FOR SALE**

**Meron** 8 room apartment top floor with built in sukkah mint condition. Will be ready to move in.

**FOR RENT**

*HFA Realty is charging a flat Fee from Tennant, it's not based on price of rental.

- 3 room apartment in SVM
- 4 room apartment in Woodbury Villas
- 5 room apartment in Woodbury Villas
- 7 room Apartment in SVM third floor
- 7 room apartment in SVM fourth floor
- 7.5 room apartment in SVM third floor
- 4 Bedroom renovated house in Blooming Grove
- 2,000 sq. ft. unfinished walk-in space in Woodbury Villas
- Newly renovated private office on Route 32
- Private office in the new Stonegate Business Center great price
- Private offices available in Atzia Temorim
- Large private office on MountainView
- Private house in Blooming Grove

**FOR SALE**

- 4 room basement apartment on Van Buran
- 5 room walk in apartment on Stropkov tenant occupied
- 5 Room apartment in SVM 3rd floor tenant occupied
- 5 room walk-in basement in SVM
- 5 room apartment in Section One tenant occupied
- 5 room apartment in SVM top floor
- 5 room apartment on Lemberg 3rd floor tenant occupied
- 6 room apartment in SVM top floor
- 6 room apartment in SVM tenant occupied
- 7 room apartment in SVM tenant occupied
- 8 room apartment plus basement in SVM
- 9 room apartment in SVM 3rd floor
- Big divided apartment into a 5&6 room apartment both are tenant occupied
- Custom built brand-new private house 3 Holland Prestwick area
- Private house in Woodbury Villas

**HFA REALTY GROUP**

845.781.2410
Sales@HFArealty.com

משה יוסף פריעדמאן ext. 3
Moshe@hfarealty.com

מרדכי יואל אונגאר ext. 4
Cell 845.238.0039
Mordechai@hfarealty.com

# ״חסד מעסעדזש באקס״



קרית יואל
חסד
ווינטער קאמפיין

איבערצולאזן א מעסעדזש פאר די טויזנטער דרייווער און היטשער מיט געדאנקען, הערות א.ד.ג. רופט די היטש טעלעפאן סיסטעם
**845.288.3880**
און דרוקט **#8** פאר די מעסעדזש באקס.

## כ״ק אדמו״ר מדושינסקיא שליט״א נעמט אַריין פאר א היטש

צו די עסקנים החשובים.

איך האב געזען אז מען טוט אויף דעם ענין פון היטשעס איבערהויפט איז דאס אסאך נוגע פאר בחורים אויפ'ן וועג ללימוד התורה. האב איך געוואלט מיטטיילן א אינטערסאנטע עפיזאד וואס האט זיך אפגעשפילט מיט עטליכע יאר צוריק ווען כ״ק אדמו״ר מדושינסקיא שליט״א האט געוויילט אין ניו יארק. וואס מען זעט דערפון עטליכע נקודות.

פארנדיג מיט זיין דרייווער אין די שטאט האט דער דרייווער באמערקט א בחור'ל וועלכע איז געשטאנען ביי די עק פון די גאסן צו כאפן א היטש. דער רבי שליט״א האט אנגעוויזן פאר'ן דרייווער זיך אפצושטעלן, ווען דער בחור איז אריין אין קאר האט ער געזאגט אז ער יאגט זיך צו די ישיבה און אויב ס'איז מעגליך זאל מען אים קודם אהינפירן. ער האט צוגעגעבן אז דער עלטערער איד פון פארנט יאגט זיך זיכער נישט אזוי שטארק ווי אים און אויב ער מעג בעטן אז מען זאל צוערשט זיך אפשטעלן ביי זיין ישיבה.

דער רבי שליט״א האט געבעטן דעם דרייווער אהינצופארן קודם. און ער האט צוגעגעבן אז אויב דער בחור ווייסט נישט ווער ער איז, ווייזט דאס אז ער איז באמת א חשוב'ער בחור וואס ליינט נישט קיין צייטונגען און מאגאזינען און דעריבער דארף מען קודם טראגן אין ישיבה...

פארשטייט זיך אז מען דארף נישט נאכמאכן דעם בחור מיט'ן איינטיילן פאר א דרייווער וואו צו פארן ערשט... אבער נאכמאכן דעם רבי'ן און געבן היטשעס איז דאס געוויס א געוואלדיגע לעקציע.

אשריכם

הק' וועלוול גאלדשטיין

*

## בנוגע אויפהאַלטן דרייווערס פון הונטן

די 'רעוואלוציע' איבער היטשן קלינגט ב״ה אפ זייער פאזיטיוו אין שטאט.

מיר פלעגט זייער נערוועז מאכן ווען איך פלעג מיר אפשטעלן אויפנעמען אידן ביי 'גארפיעלד קארנער העיס' און דרייווער אונטער מיר פלעגן פייפן. דאָס האָט מיך שטאַרק געשטערט אָבער אַצינד אַדאַנק די געוואַלדיגע אויפוואַכונג וועט דאָס האָפנטליך אַריינברענגען אַ שינוי לטובה אויך לגבי דעם טעמע.

י.ג.

**באמערקונג:** איר זענט אודאי גערעכט אַז אויך אַנדערע דרייווער קענען האָבן אַ חלק אין דער מצוה ווען זיי פייפן נישט אויף דעם דרייווער פון פאָרנט וואָס שטעלט זיך אָפּ נעמען אַ היטש.

אָבער גלייכצייטיג איז כדאי צו אָנמערקן אַז ווען מען טוט די מצוה פון אויפנעמען אידן, איז ראטזאם דאס פרובירן טון מיט א שלימות, אז ס'זאל נישט גיין אויפ'ן חשבון פון אנדערע אידן. מ'קען קיינמאל נישט וויסן וואו און פאַרוואָס דער דרייווער פון הונטן יאָגט זיך, און צומאל קען געבן אַ היטש פאר עטליכע אידן געדויערן א שיינע שטיק צייט. דעריבער איז גוט אַז ווען מען שטעלט זיך אפ ביי יענעם ווינקל, זאָל מען אויב מעגליך אריינפארן עטליכע פיס אויף העיס גאס און ווייזן פאר די אידן אהינצוקומען. אַזוי האָט מען קיינעם נישט אויפגעהאַלטן און מ'האָט אַריינגעכאַפּט אַ מצוה פון אַלע זייטן.

*

## האלט אפן אייער ביזנעס

איך האב אמאל געגעבן א היטש פאר איינעם. און איך האב אים בשעת'ן אריינקומען געזאגט ביז וואו איך פאר און אז איך גיי נישט קענען פאר מער. ווייל איך האב מיר דעמאלט זייער געיאגט.

למעשה ווען ער איז אריינגעקומען האט ער אנגעהויבן מיטשענען אז איך זאל אים פירן נענטער צו זיין הויז, וואס איך האב נישט געטון היות איך האב מיר זייער געיאגט און אים געזאגט פון פאראויס אז איך גיי נאר ביז דארט.

האָב איך אים טאַקע אַראָפּגעלייגט נישט פונקט ווי זיין פאַרלאַנג, און ס'האָט זיך געענדיגט מיט אַזאַ ביטערן טעם אין מויל.

איך האב דעמאלטס געטראכט אינגאנצן אויפצוהערן געבן היטשעס. אָבער כ'האָב זיך למעשה מתבונן געווען אז אין יעדע ביזנעס קען זיך מאכן אז איין 'ביזנעס דיעל' זאל דורכפאלן און ברענגען עגמת נפש אנשטאט רווחים. אבער קיינער טראכט נישט צו פארשליסן די ביזנעס צוליב אזא דורכגעפאלענע עקספיריענס... די זעלבע ביי מיר: איך געב זינט דעמאלטס ווייטער היטשעס. און מיין ביזנעס גייט ווייטער אן מיט'ן פולסטן קראפט מיט גרויסע פארדינסטן.

ס'איז טאַקע וויכטיג פאר די דרייווער וואס געבן היטשעס, צו זאגן בעפאר ביז וואו מען פאָרט, אזוי קען דאס געבן די אויסוואל פאר'ן היטשער זיך אויסצורעכענען אויב ס'לוינט זיך צו גיין אויף דעם וועג, אדער ער וויל אנקומען פיל ווייטער.

יישר כח אלעס גוטס.

*

## הא לן, והא להו...

איינער שרייבט פאריגע וואך אז ער האט אויפגעהערט געבן היטשעס ווייל ער האט זיך אמאל אפגעשטעלט פאר א בחור ביי 'סאטמאר קארנער העיס' און דער בחור האט שוין געוואלט אראפגיין ביי די שארט קאט פון 'סאַטמאַר' צו 'געציל בערגער'. וואס איז זייער א קורצע וועג און ס'קומט אן שווער פארן דרייווער.

איך האב געוואלט קאמענטירן אז מיט'ן קאַר איז עס טאַקע אַ קורצע וועג, אָבער אַז מען גייט די וועג 'צופיס' איז דאס בכלל נישט אַזוי קורץ, איבערהויפט איז דאס א שווערע וועג מיט א שיפע בארג ארויף.

דער דרייווער זעלבסט, ווען ס'קומט שבת צו א שמחה אדער קידוש, ווייסט ער זיך צו פארענטפערן פאַר'ן בעל שמחה אז ס'איז געווען א ווייטע וועג...

די איינציגסטע חילוק איז אַז אינדערוואכן קאסט אים דאס ב״ה נישט מער ווי נאך א קוועטש אויפ'ן געז פעדאל. אָבער פאַר'ן

קרית יואל
חסד
ווינטער קאמפיין

**'היטשט' און 'געווינט' 845.288.3880**

פיסגייער איז דאָס דירעקט יאָ אַ געוואַלדיגע טובה ווען מען נעמט אים אַריין אַז ער זאָל נישט דאַרפן גיין דעם מהלך, איבערהויפט ווען די קעלט שמייסט אין פנים איז דאס אַ גרויסע חסד ווען מ'קען העלפן אַ איד צו פאַרמיידן דעם וועג.

**י.ל.**

*

## בעת נעילת שער; פאַרהאַקן טירן מיט רחמנות...

איך האב געוואלט בעטן אויפצומערקן א נקודה פאר היטשערס, וואס נישט יעדער כאפט עס.

עס קען זיין אז פאר אנדערע שטערט עס נישט, אבער איך בין מער עמפינדליך דערצו און דאס ברענגט מיר יעדעס מאל צו טראכטן אויב איך זאל זיך אָפּשטעלן, ווען באמת וויל איך יא זיך אפשטעלן און אפילו ארויסגיין פון וועג אויב ס'פעלט זיך אויס.

דאס איז די נושא וואס נישט אלע קאר טירן זענען די זעלבע. ס'איז פארהאן קארס וואס מיט א קליינע מאך צו די טיר 'קליקט' עס אריין און ס'איז פאַרמאַכט, בשעת אנדערע קארס זענען דא וואס זענען דיקערע טירן און מען דארף יא געבן א שטארקערע מאך צו דעם טיר אז ס'זאל זיך פארמאכן.

מיין קאר איז פון די לייכטערע (איך האב א שעווי טרעווערס) און די קנאק וואס די טיר געבט ביים פארמאכן איז זייער הויעך און איך קען דאס ממש נישט פארנעמען.

איך האב נישט קיין געהעריגע לעזונג דערצו אבער מען קען פרובירן צו גיין ערגעץ אונדערמיט נישט צו שטארק און נישט צו שוואך אז ס'זאל ארבעטן לויט אלע טירן און מעדאלן.

מיט פיל דאַנק.

**ברוך פ.**

*

## האט הנאה פון קאמפיין מעסעדזש...

איך האב געוואלט א גרויסע יישר כח פאר דעם גאַנצן קאמפיין וואס האט געמאכט א גאנצע רעוואָלוציע אין קרית יואל.

איך האב געזען פאריגע וואך די עד פון 'לובלין, קארלין, בענזין...' האב איך געוואלט זאגן אז איך האב געטראכט א געדאנק וואס קען זיין זייער גוט פאר דא.

איך האב אמאל געכאפט א היטש מיט א איד מען רופט אים 'שאולי' האב איך געטראכט אז מען קען שרייבן פון 'אניפאלי' ביז 'ווייעליפאלי' מיט 'ר' שאולי'.

**חיים ה.**

*

## בעט מפרסם צו זיין דעם נומבער

א גוט יאר לכבוד די חשוב'ע עסקנים פון "היטשט און געווינט".

ס'וואלט געווען א גוטע עצה ארויפצולייגן די נומער, וואו מ'קען אַריינרופן פאַר'ן גורל, אַז ס'זאָל זיין אויפ'ן דעקל צוזאמען מיט די געווינער.

איך האב יעצט געזוכט דעם נומבער, האב איך געדארפט אויפזוכן צווישן אלע זייטן פון די מודעות. אויב ס'איז מעגליך דאס צו מאכן מער צוגענגליך צו טרעפן.

א גרויסן דאַנק!

*

## בעט צו פארברייטערן די אינטערסעקשאן ביי דעעש

אַ גוט יאָר לכבוד די טייערע מפעל "היטשט און געווינט".

כ'האָב געוואָלט אָנמערקן אַז לעת עתה איז ממש אַ סכנה זיך צו אָפּשטעלן בעטן אַ היטש ביים קארנער פון 'דעעש' און 'מירון'. מען פירט יעצט דורך רענאוואציעס דארט ביים קארנער וואס פארשווערט דאס געבן היטשעס.

למעשה איז אָבער דאָ דאָרט איז א גרויסעליידיגע שטח און ס'וואָלט געווען א גוטע געדאַנק, טאַקע יעצט ווען מען ענדיגט די קאָנסטרוקציע, אַז מ'זאָל דאָס אזוי אויסשטעלן, אז ס'זאל זיין פראקטיש פאר די פילע אידן וועלכע שטייען דארט פאר היטשעס איבער'ן טאג.

תזכו למצוות!

**שמשון שווארץ**





בית הוראה

קהל יטב לב סאטמאר, קרית יואל

# רשימת מורי הוראה דקהלתינו

## העומדים הכן להורות את דבר ה' זו הלכה

הגאון הדומ"ץ שליט"א
4 Orshava ct. #301
היים: 845.783.8790 ספרים שטוב: 845.782.7399

הרה"ג רבי יעקב יודא ברוין שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מאיר
51 Satmar Dr. #302
היים: 845.783.8259 ספרים שטוב: 845.782.4671

הרה"ג רבי מנחם מענדל ווייס שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד טיב לבב
5 Schunnemunk Rd. #201
היים: 845.782.3190 סעל: 347.598.3917

הרה"ג רבי בערל ראזענבערגער שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד ישמח משה
15 Fillmore ct. #303
היים: 845.783.3224

הרה"ג רבי שלמה יונגער שליט"א
דומ"ץ טאהש
4 Krolla dr. #201
היים: 845.783.7201 סעל: 845.248.8021

הרה"ג רבי שמואל יעקב מייזעלס שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מרדכי לייב
5 Van Buren Dr. #303
היים: 845.781.8143 סעל: 845.395.4972

הרה"ג רבי שבתי קאהן שליט"א
מורה צדק בקהלתינו הק'
15 Getzil Berger Blvd .#302
היים: 845.783.3572 סעל: 845.537.1559

הרה"ג רבי יואל ברוין שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב נחמי'
37 Raywood Dr. #204
היים: 845.783.9842 סעל: 845.537.7843

הרה"ג רבי מנחם נתנאל יונגרייז שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב
9 Strawberry Ln.
היים: 718.302.0917 סעל: 347.415.5850

הרה"ג רבי יצחק בריזל שליט"א
מו"ץ בביהמ"ד בית כהנא
4 Iron Hill Plaza #301
היים: 845.774.3622 סעל: 845.637.4570

הרה"ג רבי משה זאב שווארטץ שליט"א
מו"ץ בביהמ"ד בית יקותיאל
8 Austra Pkwy #405
היים: 845.799.1988 סעל: 347.486.1199

הרה"ג רבי יואל אלימלך כהנא שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'
15 Garfield Rd. #202
היים: 845.783.7325 סעל: 845.238.7199

הרה"ג רבי מרדכי דוד יאראוויטש שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'
5 Leipnik Way #102
היים: 845.782.0492 סעל: 845.662.1545

הרה"ג רבי משולם איסר ראטענבערג שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'
4 Kalev Way. #102
היים: 845.782.9252 סעל: 845.537.9173

יכולין לשמוע הטעל נום. ואדרעסן של הדיינים וכן להתקשר עם הדיינים על ההוראה ליין 845-783-0546 #5

לשכת בית הוראה:

6 גארפיעלד רד. #013

24 שעה על ההוראה ליין:

845.783.0546

# געזען און געהערט

אינטערעסאנטע
נאטיצן און
פיקאנטע אנעקדאטן

צווייטער טייל

## ווער' איז יוסעלע???

**רייכער אינטערוויו שמועס אָפּגעהאַלטן מיט העסקן הנמרץ לכל דבר שבקדושה, מו"ה שלמה יואל גאָלדשטיין הי"ו, איבער די פעולות נשגבות פון די וועלט באַרימטע 'הבדלה' אָרגאַניזאַציע.**

(שטיבל - א בליק)

### פון איין דינער, צו א סעריע בליצן

ווען דער פאסט-טרעגער האט ארומגעווארפן דעם "גרוס פון יענע וועלט" אין די פאסט קעסטלעך, האט ער זיך ווארשיינליך נישט געקענט פארשטעלן וואספארא אטאמישע אינהאלט ער האלט אין די הענט, אייגנטליך האט עס נאך קיינער געוואוסט דאן, אבער איינמאל די גאס האט זיך באקענט מיט דעם ליפלעט איז שוין גארנישט געווען איינפאך, עס איז געווען גאנץ קלאר אז אזא פראיעקט איז נאך קיינמאל אונטערגענומען געווארן ווען די רעדע איז פון א רוחניות'דיגן צוועק.

פון א מצב ווי אידן זענען געפיטערט געווארן מיט גייסטיגע אויפוואכונגען פון צווישן די שווארץ-ווייסע ליילעכער אויף די ווענט, האט זיך דער היימישער ציבור באקענט מיט א נייע ערשיינונג, נעמליך א רוחניות'דיגע אויפוואכונג אהערגעשטעלט מיט אלע פיטשעווקעס, נאכקומענדיג אלע סטאנדארטן וואס דער היינטיגער צייט-גייסט שטעלט פאר; א פראדוקט וואס איז געאייגנט פאר יעדן איינעם אריינגעפיטערט אין מויל אריין, ווען די איינציגסטע זאך וואס בלייבט פאר'ן ציבור איז אראפצושלינגען און פארדייען די מאטעריאל.

ווען איך פרוביר צו פארשטיין וואס עס ליגט אונטער די פענאמענאלע סוקסעס וואס "א גרוס פון יענע וועלט" האט באוויזן, צעטיילט עס ר' שלמה יואל אין עטליכע פונקטן: "דער צענטראלער פראבלעם וואס פארמיידט מענטשן פון אויסהערן א נייע פערספעקטיוו - ווען עס קומט צו זייערע אויפפירונגען, איז דער איינפאכער פסיכאלאגישער פאקטאר אז מענטשן זענען נישט גרייט אויסצוהערן א צווייטן אויב יענער פארשטייט נישט אויך מיין צד.

מענטשן זענען אויך גערעכט מיט דעם, א מענטש האט ליב זיך צו טראסטן, יעדער האלט אז נאך אלעם איז ער פון די קלוגערע סארט און קיינער פארשטייט נישט צו זיין שטעטל בעסער ווי ער אליינס, דערפאר ווען יענער קומט מיר איינטיילן עפעס און ער פארשטייט מיר בכלל נישט, וויאזוי קען איך אפילו הערן וואס ער רעדט, ער ווייסט דאך גארנישט אין דעם נושא.

"ווען האסטו דאס לעצטע מאל געזען א מענטש געווינען א דעבאטע?"... פרעגט מיך ר' שלמה יואל אין אן אויפריכטיגן מינע. אייביג וועט זיך עס ענדיגן אז די צייט איז אויסגעגאנגען, און ביידע צדדים זענען בלויז געווארן שטערקער מיט די אייגענע מיינונג. דער מענטשליכער פסיכיק פילטערט אויטאמאטיש אזעלכע אויסגענג, דער מענטש מוז אלעמאל זיין גערעכט. ווייל אויב בין איך נישט גערעכט, מיינט דאס אז איך בין א נאר... און דערפאר גייען די טענער ארויף, פשוט צו ראטעווען דעם אייגענעם כבוד - נישט צו הייסן קיין נאר. און די טענה איז שוין בכלל נישט איבער די נושא זעלבסט.

אט דערפאר האבן מיר געלייגט גרויס דגוש צו מסביר זיין ווי וויכטיג עס איז צו האבן וואטסעפפ אין א ביזנעס, און מיר האבן דאס מעגליך מסביר געווען נאך בעסער ווי דער וואטסעפפ באנוצער אליינס האט דאס געקענט מסביר זיין. ערשט נאכ'ן איבערגיין אלע 'אמת'ע' מעלות פון וואטסעפפ, האבן מיר זיך גענומען צו די חסרונות, און פונקט ווי ביי די מעלות, האבן מיר קיינעם נישט געשוינט, נאר געברענגט דעם פולקאמען ווארהייט אין געזיכט אריין, צעלייגנדיג די פראבלעמען פון וואטסעפפ אויף קליינע טעלערלעך. אבער אצינד האבן מיר נישט גע'פסק'נט וואס די ריכטיגע החלטה דארף צו זיין, מיר האבן נאר געברענגט די אינפארמאציע, פון דא און ווייטער האבן מיר געלאזט דעם מענטש אליינס פאסן זיינע באשלוסן.

דער צוגאנג האט געשאסן צווי פייגלעך מיט איין שאס, ווען פון איין זייט האט דער ליינער געזען אז ער רעדט נישט דא מיט איינעם וואס פארשטייט נישט זיין קוק-ווינקל, נאר מיר פארשטייען זייער גוט די מעלות וואס וואטסעפפ ברענגט מיט זיך, און דאס האט געברענגט אז דער ליינער זאל נישט זען אין אונז אן אפאזיציאנעלער פראפאגאנדירער, נאר ליבערשט זיין פריינט וואס קומט פון די זעלבע פערספעקטיוו ווי אים און פארשטייט זיין גערעכטיגקייט.

"די צווייטע פראבלעם וואס מיר האבן עלימינירט איז געווען, דאס אז דער מענטש האט נישט געפילט אז איינער טיילט אים איין וואס צו טון. דער קונטרס האט אייגנטליך נישט פארגעשטעלט קיין שום מסקנא אדער סך הכל, נאר דער מענטש האט אצינד געקענט אליינס פלאנירן זיינע קומענדיגע טריט, און וואס ער זאל אפילו האבן די מעגליכקייט פון זאגן צו זיך 'קיינער וועט מיר נישט איינטיילן וואס צו טון', ווייל סך הכל דערציילט דא א אינגערמאן זיין אייגענע מעשה".

דער ליפלעט האט אן קיין צווייפל אויפגעשאקלט דעם היימישן אידנטום, און געברענגט א שניידנדע קלארקייט איבער דער וועזן פון וואטסעפ, טויזנטער האבן זיך באצייטנס אפגעשאקלט פונעם אפליקאציע, ווען די קהילות האבן גלייכצייטיג 'אפגרעידעד' זייערע סטאנדארטן ווען עס קומט צו וואטסעפ. אין איין ווארט: דער תמימות'דיגער אפליקאציע איז אידענטיפיצירט געווארן אלס אן








ערנסטער געפאר וואס באדראעט דעם אינערליכן אויסקוק פונעם יהדות החרדית.

"מיר האבן געוואוסט אז דער קונטרס וועט האבן אן אפעקט, אבער דער מאמענט ווען מיר האבן באגריפן ווי ווייטגרייכנד דער קונטרס איז געגאנגען, איז געווען דער מאמענט ווען מיר האבן אנגעהויבן באקומען מעסעדזשעס פון מענטשן וועלכע האבן געזאגט אז אין ליכט פונעם בראשור האבן זיי אויפגעגעבן וואטסעפ", שילדערט ר' שלמה יואל.

דער סיבה פארוואס דאס האט אונז אזוי באנומען איז געווען, ווייל מיר האבן אריגינעל נישט געקלערט אז איינער וואס איז שוין 'דארט' זאל קענען האבן די נויטיגע כוחות הנפש דערפון ארויסצוקריכן, און אז סיי וועלכע מאטעריאל קען זיין גענוג שטארק צו ערוועקן איינעם פון דעם וואטסעפפ לעבנסשטייגער וואס באנעמט א מענטש מיט אלע חושים. מיר האבן מיינסטנס געצילט די וואס זענען נאכנישט דארטן, אז זיי זאלן האבן די נויטיגע אינפארמאציע און זיי זאלן פשוט וויסן די פאקטן פאר מען פלאנירט אהינצוגיין.

"אבער ווען מיר האבן פארשטאנען אז דער בראשור איז אזוי מאכטפול אז עס האט גאר געקענט ברעכן דעם מויער פון גלייכגילטיגקייט וואס נעמט ארום דעם וואטסעפפ באנוצער, אזש אז מענטשן האבן גענומען שריט אויף למעשה אראפצוגיין דערפון, האבן די 'הבדלה' עסקנים געזען אז זיי מוזן גיין פון דא ווייטער".

צו אילוסטרירן די מאכטפולע אפעקט וואס "א גרוס פון יענע וועלט" האט געהאט, ברענגט ר' שלמה יואל הארטע ציפערן. אין די ערשטע צוויי חדשים נאכ'ן ערשיינונג פונעם קונטרס, זענען אריינגעקומען אזויפיל ווי דריי טויזנט מעסעדזשעס פון מענטשן! יעדער האט געהאט זיין גרוס איבערצוגעבן, ווען דאס רוב באשטייט פון אינספירירנדע געשיכטעס ווי דער קונטרס האט געברענגט א פאזיטיווע טויש אין זייער לעבן.

דער כלל אין דער ליטערארישער וועלט לויטעט, אז אונטער יעדע גרוס וואס מען הערט צוריק באהאלטן זיך הונדערט מענטשן וועלכע האבן נישט געקענט אננעמען דעם קוראזש צו נעמען שריט און איבערגעבן זייער ערפארונג. עס איז שווער צו זאגן אז דער קונטרס האט ממש אפעקטירט אזויפיל ווי דריי הונדערט טויזנט מענטשן, זינט מיר האבן ניטאמאל געדרוקט אזויפיל קאפיעס דערפון, אבער פארט זענען די ציפערן אן ערנסטע אנדייטונג ווי ווייטגרייכנד דער ליפלעט איז געווען און וואספארא אפעקט עס האט געהאט אויפ'ן ציבור.

"דאן האבן זיך די עסקנים אריינגעלייגט אוועקצושטעלן די ארגאניזאציע אזוי ווי עס דארף צו זיין. אין די קומענדיגע מאנאטן זענען די עסקנים פון הבדלה ארומגעגאנגען צו אזויפיל ווי צוויי הונדערט רבנים פון אלע שיכטן און קרייזן און זיי געוויזן דעם קונטרס און דערציילט פאר די רבנים וואס עס גייט פאר, די רבנים האבן ממש נישט געגלייבט וואספארא פראבלעמען עס קומען פאר און זיי האבן גענומען די אינפארמאציע און מיט דעם געארבעט אויף זייערע פראנטן.

"אין די לעצטע יארן האט יעדע גרויסע קהילה געהאט א נאענטע צוזאמענארבעט מיט הבדלה", דערקלערט ר' שלמה יואל, "און זיי זענען אייגנטליך די וואס מוטיגן הבדלה ווייטער אנצוגיין מיט'ן פולסטן קראפט. דער הבדלה איז שוין באליבט געווארן ברבים דורך פילע גדולי האדמורי"ם ורבנים ביי דרשות, און נאכמער פערזענליך. איך ווייס אז מאנכע האבן קריטיק אויף דעם מהלך פון הבדלה, און עס איז פארשטענדליך, אבער אז הבדלה ארבעט צוזאמען מיט די עסקנים פון גרעסערע קהילות, ווערנדיג דירעקט אונטערגעשטיצט דורך די סאמע העכסטע אויטאריטעטן ביי כלל ישראל, טוען זיי פשוט וואס איז ריכטיג".

## א הבדלה וואס דערלייכט די וועלט

ווען די עסקנים פון הבדלה האבן באגריפן וואספארא רעפוטאציע זיי האבן זיך איינגעקויפט אין די גאס, האבן זיי פארשטאנען אז טראץ זיי האבן דערלאנגט א מאכטפולן קלאפ אין ריכטונג פון די וואטסעפפ געמיינדע, זענען זיי פארט נישט שטערקער פונעם טיפן שלאף וואס נעמט ארום דעם וואטסעפפ באנוצער, און נישט לאנג וועט נעמען ביז דער אפעקט פונעם ליפלעט וועט אויסוועפן און מען וועט ווידער האלטן ביי אלף.

אויפ'ן פארלאנג פון רבנים און עסקנים האבן זיי גענומען דעם געשעפט צום קומענדיגן שטאפל, טוענדיג וואס קיינער בעפאר האט נישט געטון, נעמליך ארויסקומען מיט א פולע מאנאטליכע אויסגאבע אויפ'ן העכסטן קאליבער, און אלעס פאר ריין אומזיסט, אזוי אז עס זאל זיין צוטריטליך צו יעדן אידיש קינד.

הבדלה איז ווידעראמאל אראפגעקומען צו די 'יעסעדזש' הויפטקווארטירן און זיך אראפגעזעצט פלאנירן די קומענדיגע שטאפלען אויפ'ן פראנט פון טעכנאלאגיע ביי כלל ישראל.

די ערשטע ריכטונג וואס מיר האבן גענומען, איז טאקע געווען די בחורי'שע וועלט. צווישן די טויזנטער מעסעדזשעס וואס האבן נישט אויפגעהערט אריינשטראמען האט זיך א געוויסע פראצענט דערפון געצײלט פון בחורים וועלכע האבן מיטגעטיילט זייער ערפארונג, און די געשיכטעס האבן אונז שאקירט!

די בחורים האבן אראפגעמאלן א וועלט, נאך פיל טונקעלער פון די וואטסעפפ וועלט. איין בחור נאכ'ן צווייטן האבן אריינגעוויינט אינעם טרייבל דערציילנדיג ווי ביטער דער מצב איז אין ישיבות, ווי ווידעאוס פון אלע סארטן טרעפן זיך דאס פלאץ אויף די קליינע מאשינקעס, אנוואס איינער זאל בכלל נעמען די מינוט און אריינטראכטן ווי ביטער עס איז צו לעבן מיט אזעלכע מאטעריאל אין טאש.

בחורים זענען ווי געמאכט פון א געלייטערטן מאטעריאל, זיי זענען טאקע היבש אומסטאביל און זיי זענען מער אויסגעשטעלט אריינצופאלן און ווערן צוגעבינדן צו גאר פראבלעמאטישע אינהאלט, אבער פון די צווייטע זייט איז גענוג א קליינע קלאפ אין קאפ זיי צו דערוועקן און זיי דערמאנען ווער זיי זענען עכט.

דאס איז דער אורזאך פארוואס דער גרוס פון יענע וועלט האט אזוי אויפגעשאקלט די בחור'ישע וועלט - טראץ וואס עס איז אריגינעל בכלל נישט געווען געצילט צו אדרעסירן די בחור'ישע פראבלעמען, אבער איינמאל זיי האבן געפילט אז איינער רעדט דא צום זאך, האט עס זיי דערוועקט, און זיי האבן ווי געמאנט ביי אונז אז מיר זאלן זיך באפאסן מיט זייערע פראבלעמען.

מיר האבן זיך באלד אריינגעווארפן דערין און געצילט אז די קומענדיגע פראיעקט פון הבדלה זאל זיין צו ברענגען וואכזאמקייט איבער דער פראבלעם פון ווידעאו ביי בחורים - אויפ'ן שטייגער ווי מיר האבן געטון מיט וואטסעפ. מיר האבן דאן אדורכגעפירט אן ערנסטע פארשונג איבער די נושא, אנגעהויבן ביי בחורים זעלבסט, ביי אינגעלייט וואס לערנען מיט בחורים, ביי מגידי שיעור און משגיחים, ביי פראפעסיאנאלן וואס פארשטייען דעם נפש פון א בחור, און דאס אלעס כדי מיר זאלן באמת ארויסהאבן וואס דא גייט פאר; וואס איז דער סדר וויאזוי אזא מעשה פאסירט, וויאזוי קומט א ריינער תמימות'דיגער בחור צו ווערן דער אייגנטומער פון אן SD קארטל אנגעפולט מיט סחורה וואס האט שוין פאר'חלש'ט אידישע מאמעס ביים איבערקוקן אזעלכע קארטלעך.

מען האט גענומען די ערשטע מעשה וואס א אינגערמאן האט פארציילט איבער זיין דורכגאנג אלס בחור, און מען האט פארשטייט זיך משנה געווען יעדע פערזענליכע פרט, און דאן צוגעלייגט פילע פרטים דערצו, געבויעט אויף פערזענליכע מעסעדזשעס וואס זענען אריינגעקומען צום 'הבדלה' סיסטעם, פון גאר אסאך וואוילע בחורים וועלכע זענען פשוט 'אריינגעפאלן', און אצינד האבן זיי שוין ליידער פארלוירן די בחירה.

ביים ערשטן גלגול פון דעם ביכל האט

בעלי חסד
זוכים בגורל
חסד ווינטער קאמפיין
פרשת בא:
NEW YORK *** 6118 EXCELSIOR
ר' יצחק וואלף לעפקאוויטש
NEW YORK *** 1572 EXCELSIOR
ר' מענדל הערש ראזענבערג
NEW YORK *** 7092 EXCELSIOR
ר' יושע שעהנפעלד
NEW YORK *** 4125 EXCELSIOR
זיך נאך נישט געמאלדן
NEW YORK *** 3126 EXCELSIOR
ר' אברהם הערש וויינבערגער
ספאנסאר פון פרשת בא:
MEN'S CORNER
'היטשט' און 'גענוינט' 845.288.3880







מען גענומען דעם באגאבטן ר' שמעון יואל קליין, אז ער זאל אפשרייבן דעם דרעפט פאר א קונטרס וואס זאל אדרעסירן דעם בחור'ישן פראבלעם.

ר' שמעון יואל האט געמאכט א הערליכע ארבעט, ער האט אפגעשריבן דער רירנדע געשיכטע, וועלכע האט אויפגעוויקלט די לאנגע און שווערע רייזע פון דעם בחור'ל וואס וואקלט זיך אן עלנדער פרובירנדיג איבערצוקומען זיינע שווערע נסיונות. דאן איז די מעשה אריבער אונזער איבערזיכט וואו מען האט דאס מגיה געווען און באפעסטיגט, ווען דורכאויס די געשיכטע באגלייט מען דעם בחור מיט פראקטישע ראט וויאזוי זיך צו קענען דערהאלטן. דערנאך איז דער פייל אריבער צו נאך אנדערע שרייבער, ביז מיר האבן שוין געהאט א גרייטע ווארד-פייל, און דאס איז געווען פאר צוויי יאר צוריק!

אינדערצווישן האבן מיר אבער אנגעהויבן זען אז מיר מוזן אנהאלטן דעם קאמף אנטקעגן וואטסעפפ, זענען מיר אריבערגעשפרינגען צו פראדוצירן אפעקטיווע אנאנסן איבער די שאנדע וואס באגלייט דעם וואטסעפפ באנוצער, און עס ארייגעשטעלט אין די היימישע פובליקאציעס.

איינע פון די שטארקע אנאנסן איז געווען א בילד פון א איד וואס זיצט אין זיין אויטא און ער קייקלט זיך פאר געלעכטער, ווען צו דער זעלבער צייט קלינגט זיין טעלעפאון פון שטוב, און דער מעסעדזש האט געלויטעט 'צו האסטו טאקע נישט קיין צייט?' - ווי צו שטעלן א שפיגל איבער די פאראדאקסאלע פריאריטעטן וואס ווערן געשטעלט דורך וואטסעפפ באנוצער.

די אנאנסן האבן טאקע געהאט א גוטן אפקלאנג, אבער פארט האבן מיר פארשטאנען אז דאס איז נישט גענוג, מיר האבן טעגליך באקומען פארלאנגען פון אידן אז מען דארף נאך פון די קריטישע חומר, ווען צו די זעלבע צייט שטייען אונז די רבנים אויפ'ן קאפ פארלאנגענדיג אז דאס איז דער צורך השעה, און מיר מוזן צושטעלן נאך אינהאלט מיט'ן פולסטן פאמפע.

דאן האבן מיר אנגעהויבן ארויסצוגעבן די מאנאטליכע 'הבדלה בליצן', און אין די הבדלה בליצן האבן מיר געטויטשט אונזער ציל. ביים 'גרוס פון יענע וועלט' האבן מיר בעיקר געוואלט ווייזן פאר די וועלט וואס וואטסעפפ איז, צילנדיג בעיקר די וואס האבן נאכנישט קיין וואטסעפ, אבער זענען אין געפאר פון עס אנהויבן נוצן.

אין די 'הבדלה בליצן' האבן מיר יא געצילט די אידן וואס האבן שוין וואטסעפ, וויבאלד מיר האבן געוואוסט אז אויב וועלן מיר האקן אין קאפ איינמאל און נאכאמאל און ברענגען אינהאלט וואס וועט ציען דעם מענטשליכן אינטערעסע אין אלגעמיין און דורכדעם לאזן הערן אונזער מעסעדזש, האט דאס א שאנס צו אריינגיין פאר מענטשן אין קאפ.

מיר האבן אנגענומען א סטראטעגיע פון אינטערוויו'ען ביזנעס פערזענליכקייטן וועלכע פירן געלונגענע ביזנעסער אן וואטסעפ, און געברענגט זייער פערספעקטיוו אויף וואטסעפפ בפרט און טעכנאלאגיע בכלל. דער מעסעדזש איז זייער א פראקטישער און מענטשן זענען אפן דאס צו הערן, טאקע ווייל עס קומט פון וועלטליכע מענטשן וועלכע טוען אין אלע סארט ביזנעסער, און נישט יושבי אוהל וועלכע קענען נישט פונקט דעם מציאות.

מאנאט נאך מאנאט האבן מיר געברענגט קאלירפולע פערזענליכקייטן פון אלע אינדוסטריעס, אנגעהויבן ביי ארבייטער, דאן סוחרים און בעלי בתים, מיר האבן נישט אויסגעלאזט קיין אינדוסטריע - פון דער פלאמבער ביז דער ריעל עסטעיט האנדלער, פון דער קאנסטרוקציע פארוואלטער ביז דער בדחן וואס טרעט אויף ביי שמחות - כדי צו ברענגען דעם טעמע דאס נענטסטע צו יעדן מענטש.

די בליצן זענען געווען א ריזן פראיעקט, עס האט אריינגענומען טעג און וואכן פון שווערע ארבעט און דערצו האט עס אפגעקאסט אסטראנאמישע סומעס; יעדע בליץ האט אפגעקאסט אזויפיל ווי אכציג טויזנט דאלער! פון די שרייבער, דעזיינער, ביז'ן דרוקן און שיקן אויף די פאסט, יעדע ריר האט געקאסט געלט.

דאס האט למעשה אוועקגענומען דעם פאקוס פון די בחורים פראיעקט, און דער ארטיקל איז געבליבן ליגן אין די ארכיוון. אבער צו די זעלבע צייט זענען די 'בליצן' אנגעגאנגען מיט'ן פולסטן מאס שטארקייט, ווען די גריסן וואס מיר הערן צוריק זענען אינספירירנד ביז גאר.

"איין אינגערמאן האט זיך אויסגעדרוקט צו איינער פון די עסקנים, אז ער האט פארגאסן טרערן ראש השנה ביים דאווענען אז די 'הבדלה בליצן' זאל ווייטער ארויסקומען! יענער האט א שלעכטע ערפארונג מיט טעכנאלאגיע, און ער ארבעט אין אן אטמאספערע וואו טעכנאלאגיע איז א צענטראלע טייל פונעם שמועס און וואטסעפפ איז דער סטאנדארט, און ער איז קלאר ביי זיך אז ווען נישט די 'הבדלה בליצן' וואלט ער שוין לאנג צוריקגעפאלן, דערפאר דאווענט ער פאר הבדלה אין די סאמע הייליגסטע טעג אין יאר, ווייל ער שפירט אז דאס איז דער שטערקסטער מיטל ביי כלל ישראל צו אנהאלטן דעם חומת ההתבדלות בין ישראל לעמים".

## ערוואקסענע לעזונגען צו בחור'ישע דאגות

נאכ'ן אנגיין פאר גאנצע צוויי יאר מיט די "הבדלה בליצן" אויף א מאנאטליכן פארנעם האט שוין 'הבדלה' נישט געקענט טראגן דעם עול פון א פינאנציעלן פערספעקטיוו, אבער זיי האבן קיינמאל געהויבן די הענט. זייער שטילקייט האט טאקע אויסגערופן נייגער ביי זייערע געשוואוירענע לייענער, אבער הינטער די קוליסן האט זיך געקאכט א וועלט.

אין די לעצטע "הבדלה בליצן" וועלכע איז ערשינען נאך באלד א יאר צייט פון נישט ערשיינען, איז געווען אנגעדייטעט אז עפעס גרויס קומט. דער לעצטער 'בליצן' איז ספעציעל צוזאמגעשטעלט געווארן אין איילעניש צו אדרעסירן דעם נייעם 'טשענעלס' אפציע אויף וואטסעפ, וועלכע פארוואנדלט דעם אפליקאציע פון א קאמיוניקאציע מיטל - וועלכע קען גענוצט ווערן פאר סאציאלע מידיא סטיל אונטערהאלטונג, צו א סאציאלע מידיא אפליקאציע פון ערשטן קלאס, און הבדלה האט געוואוסט אז זאל זיין וואס זאל זיין מוזן זיי דאס אדרעסירן.

טראץ וואס מיר זענען געווען טיף איינגעטינקען אין דעם נייעם פראיעקט, האבן מיר געוואוסט אז אויב שטעלן מיר נישט יעצט אראפ א גרעניץ צווישן דעם היימישן איד און די 'טשענעלס' אפציע, וועט דאס זיין א בכי' לדורות", זאגט אונז ר' שלמה יואל. און די רעזולטאטן האבן טאקע נישט געשפעטיגט צו קומען. היינט איז נישטא קיין פילטער וואס אדרעסירט נישט דעם פראבלעם פון וואטסעפפ קאנאלן.

"עס איז אמת אז מיר האבן געכאפט דעם געפאר באצייטנס און איר עלימינירט, אבער פון די צווייטע זייט מאכט דאס אונז טראכטן וואס מיר וואלטן געקענט אויפטון ווען מיר געבן ווען ארויס דעם ליפלעט איבער 'סטאטוס' פאר צען יאר צוריק - ווען דער טערמין איז נאך געווען אומבאקאנט פאר מיינסטנס היימישע אידן. עס איז גאנץ מעגליך אז דאן וואלטן 'סטאטוס' און 'גרופעס' געווען פארשטענדליכע דברים אסורים און קיין איין אידישע פילטער וואלט דאס נישט דורכגעלאזט".

אריגינעל האבן זיי געפלאנט אפצושטעלן דעם פראדוקציע פון די "הבדלה בליצן" פאר בלויז איין מאנאט, און אין די צייט זיך אוועקשטעלן פון א פינאנציעלן פערספעקטיוו און גלייכצייטיג ארויסנעמען דעם בחור'ישן פראיעקט פון שאפע, אבער דאן האבן זיי זיך געטראפן מיט א צווייזייטיגע פראבלעם, ווען פון איין זייט האבן זיי געשפירט ווי עס איז אוממעגליך צו שאפן דאס געלט פאר "בליצן", און פון די צווייטע זייט האט דער פראיעקט פאר די בחורים אויפגענומען גאר אסאך צייט און זיך געצויגן פיל לענגער ווי געפלאנט, אלזא איז דער "הבדלה בליצן" פראיעקט געלייגט געווארן אויף פויזע, ווען די 'הבדלה' גרופע לייגט זיך אריין אין דעם קומענדיגן פראיעקט מיט'ן פולסטן פלייס.

מיר האבן אפירגענומען דעם אלטן ארטיקל און עס געשיקט צו נאך א שרייבער, און דערנאך צו נאך א שרייבער, ווען יעדער ביישטייערט פון זיין טאלאנט און ארבעט איבער דעם ארטיקל עס צושארפנדיג צום העכסטן שטאפל פון שלימות. עווענטועל איז דער ארטיקל אדורכגעגאנגען די הענט פון זיבן שרייבער וועלכע האבן אינאיינעם צוזאמגעשטעלט די ענדגילטיגע אטאם באמבע.

דער קונטרס איז אייגנטליך א קאמבינאציע פון איין הויפט מעשה, וואס מען האט דערצו משלב געווען הונדערטער פערזענליכע מעסעדזשעס וואס זענען אריינגעקומען צום 'הבדלה' סיסטעם, ווען מיר זיצן מיט מחנכים און מען ארבעט אויס דער ריכטיגער וועג וויאזוי א בחור קען באמת באקומען די ריכטיגע אנווייזונגען.

ווי פארשטענדליך איז דער קונטרס געלעגן אויף די טישן פון גדולי ישראל פון אלע קרייזן, ווען מען לייגט צו און מען שניידט אראפ לויט זייער פארלאנג, מען איז צוגעגאנגען צו די ארבעט מיט א ספעציעלן ציטער וויסנדיג אז מען אדרעסירט דא די איידלסטע שיכטן פון כלל ישראל, און יעדעס איבריג ווארט קען זיין א פראבלעם.

"אינעם קונטרס ווערט קיינמאל דערמאנט דער ווארט 'וד"ל'..." שטאלצירט ר' שלמה יואל מיט'ן ענדגילטיגן פראיעקט. "מיר האבן נישט גענומען קיין שאנסן, און נאר אריינגעלייגט זאכן וואס קענען קלאר ארויסגעשריבן ווערן. עס איז נישטא אינעם גאנצן קונטרס קיין שום זאך וואס א איד טאר נישט ליינען, עס איז ריין!"

איינמאל דער קונטרס איז ארויס האט עס ווי אויפגעשאסן, עס האט איבערגענומען דעם געשפרעך צווישן ישיבה בחורים און עס איז קיין פראגע אז דער נארמאלער בחור ווייסט אצינד פיל מער איבער די געפארן וועלכע לויערן אויף זיין שוועל, און ער ווייסט זיך מער צו באהיטן און שטיין ווייט דערפון.

"איך קען דיר באצייכענען די סוקסעס




פון דעם בראשור אין איין ווארט", לייגט עס ר' שלמה יואל אריין אין א זאץ וואס זאגט אזויפיל. טייכן טרערן זענען פארגאסן געווארן אויף די קאלירטע בלעטער! טויזנטער בחורים האבן זיך געטראפן צווישן די שורות, און זיך געזעצט מאכן אן אויפריכטיגן חשבון הנפש צווישן זיך און דעם אויבערשטן; מאמעס פארגיסן טייכן טרערן צו מתפלל זיין פאר די קינדער; מיידלעך און ווייבלעך באקומען חיזוק אויף זייערע שווערע נסיונות אין די אפיסעס, און עס איז אפילו אריינגעקומען מעסעדזשעס פון יונגעלייט אז זיי האבן באקומען חיזוק בייצוקומען זייערע נסיונות.

"די גריסן הערן נישט אויף אריינצושטראמען, מחנכים פון איבעראל זאגן אז אזויפיל בחורים זענען געקומען אין די לעצטע טעג בעטן פאר הילף, זיך וועלנדיג ארויסדראפעווען פונעם זומפ. ווי געזאגט זענען די בחורים ווי געמאכט פון אן איידעלן מאטעריאל, און א קליינע דערמאנונג ברענגט זיי שנעל צוריק אויף די רעלסן".

ר' שלמה יואל רעדט איבערגליקליך, אז הבדלה האט באוויזן צו פארפולקאמען זייער וויזיע, נעמליך פארשטיין געבן פאר'ן בחור אז דער ערליכער בחור וואס האט נאכנישט אנגעהויבן זיין וועג אין די ווידעאו וועלט, זאל וויסן און געדענקען אז דער וועג איז גאר געפארפול, און בלויז מיט'ן אנהייבן מיט 'דעם רבי'נס מצוה טאנץ', אדער א מוזיק ווידעאו, קען ער זיך זען ביז א קורצע צייט אין א פלאץ פון 'אימת מות'! ער קען אנקומען ערגעץ וואו ער וועט פארלירן די אייגענע בחירה, ער וועט פארלירן די אייגענע מעגליכקייט צו זאגן ניין. פון די אנדערע זייט, דער בחור וואס איז יא ליידער געפאלן אין דעם זומפ זאל וויסן אז ער איז נישט אליינס, און אז ער האט נאך א פולע פאטענציעל. "קיינער איז נישט פארפאלן ח"ו, יעדער האט זיך זיין וועג צוריק וואס ווארט פאר אים אויסגעטרעטענערהייט, און מיר האבן ברוך השם געהאט די זכי' צו ווייזן דעם וועג פאר אזויפיל.

דער סצענע וויאזוי דער בחור וואס




איז אריינגעפאלן טרעפט זיך ביים ציון פון סקולענער רבי'ן זצ"ל, האט ממש צעשאקלט אינג און אלט ביז טרערן. מיר הערן וואספארא בכיות עס האבן צוזאמגעוויינט בחורים וועלכע ראנגלען זיך אין די מים הזידונים אויף דעם בלאט. דער סקולענער רבי זי"ע איז אייגנטליך געווען דער פאנטערעגער פאר די מלחמה אנטקעגן טעכנאלאגיע און דינט נאך היינט אלס אינספיראציע פאר די וועלכע מוטשען זיך מיט טעכנאלאגישע באנוץ. דארט גייט דער בחור צום ציון נאכ'ן מאכן א גרונטליכן חשבון הנפש, און וויינט זיך אויס דאס הארץ צום אויבערשטן בעטנדיג פאר א דרך תשובה.

יעדער בחור וואס מוטשעט זיך מיט די שוועריגקייטן און זוכט דעם וועג ארויס האט אמאל געהאט דעם ווענדפונקט ווען ער האט זיך פשוט אויסגעגאסן דאס הארץ פאר'ן אויבערשטן - אמאל ביי א קבר פון א צדיק, אמאל ביים תהילימ'ל, אמאל עלנד אונטער די דאכענע ווען ער האט געטראפן זיין טרייסט ביים טאטן אין הימל, אבער יעדער האט געהאט דעם פונקט ווען ער האט אויסגעבראכן צום אויבערשטן מיט אן אינערליכן געבעט זיך צוריקצוקערן צו אים.

"אט דער קונטרס האט געברענגט ממש דעם סיטואציע צו דעם בחור אין האנט, א בחור וואס האט אדורכגעליינט דעם קונטרס פון אנהויב ביז'ן סוף האט זיך אנגעטראפן אין א פונקט ווי ער האט פשוט אויסגעגאסן זיין הארץ צום אויבערשטן, והבא לטהר מסייעין אותו".

## אוי לי אם אומר, אוי לי אם לא אומר

דא גייען מיר אריין אין א שטיקל פראגע און ענטפער סעסיע מיט אונזער מיטשמועסער:

**עס איז קיין פראגע אז די אקטיוויטעטן פון "הבדלה" זענען ממש אומשאצבאר, אבער פון די צווייטע זייט, צי פארכט מען זיך נישט אז דאס רעדן אזוי אפן פון אט די טעמעס וועט אריינברענגען פרעמדע פייגלעך אין קאפ פאר די בחורים וועלכע זענען אפגעהיטן פון שטענדיג אן?**

דיין פראגע איז גאר א שווערע, און אייגנטליך געבן מיר דעם פולן געוויכט פאר די שאלה, עס ווערט שוין דערמאנט אין חז"ל, ווען די גמרא (ב"ב פט:) שמועסט אויס א געוויסע טאקטיק וואס גזלנים האבן גענוצט אבער רבי יוחנן בן זכאי איז חושש אז אפשר וועלן זיך די רויבער לערנען פון דעם וואס מען לערנט דאס אין בית המדרש און עס פראקטיצירן. די גמרא זאגט דארט "אוי לי אם אומר, אוי לי אם



לא אומר", און די גמרא פירט אויס אז למעשה האט ער עס יא געזאגט, ווייל "צדיקים ילכו בם ופושעים יכשלו בם". עס איז זיכער אז דאס רעדן פון סענסיטיווע טעמעס ברענגט מיט זיך א שווערע דילעמא, פון איין זייט איז וויכטיג צו ברענגען די אינפארמאציע פאר'ן ציבור, ווען פון די צווייטע זייט קען דער ציל נישט הייליגן קיין מיטלען.

און טאקע דערפאר גייען מיר איבער יעדעס ווארט וואס ווערט געשריבן מיט די ריכטיגע מענטשן, סיי מיט רבנים און סיי מיט מחנכים, און מיר מאכן זיכער אז קיין איבריג ווארט זאל נישט שטיין אינעם קונטרס, אבער פון די צווייטע זייט זאלן מיר דעקן דעם נושא פון אלע זייטן. מיר מאכן זיכער אלעס צו זאגן, אבער אין די זעלבע צייט נישט צו זאגן גארנישט. ווייל פונקט ווי עס איז א גרויסע אחריות צו זאגן, איז דער אחריות פונקט אזוי הארב 'נישט צו זאגן'. ווער נעמט דען אחריות, אז עס קומט פאר א מציאות ווען בחורים פאלן ווי די פליגן, און דאס זאל ווערן איגנארירט, אדער אז מען זאל אויסלאזן אינפארמאציע וואס קען אויפשאקלען די וועלט דערוועגן? עס איז גאר א גרויסע אחריות.

## למעשה איז אבער דער סיטואציע וואס ווערט פארגעשטעלט אינעם ליפלעט נישט דער נחלת הכלל, און עס זענען דא בחורים וואס האבן נישט קיין שייכות מיט די אלע סארטן זאכן; צי איז דען געזונט פאר אזא בחור צו ליינען אזא קונטרס?

קודם כל, דער גרונט אז דער סיטואציע וואס מיר מאלן אראפ איז נישט דער נחלת הכלל, איז ב"ה גאר א גינסטיגער פאקט וואס מען טאר נישט איגנארירן. עס איז זיכער כהיום פארהאן טויזענטער בחורים וועלכע זענען ערליך, אפגעהיטן און ריין. כלל ישראל האט נישט באנקראטירט.

און דער אמת איז, אז די בעסטע צייט צו ווייזן פאר א קינד דעם ביכל, איז בערך א טאג אדער צוויי פאר ער כאפט דעם געהיימען שמועס מיט א חבר איבער די אדער יענע ווידעאו וואס ער האט געזען און עס איז זייער אינטערעסאנט. יעצט, ווען מיר ווייסן פונקטליך דעם דאטום ווען דאס גייט פאסירן וואלט דאך געווען מורא'דיג... אבער דער מציאות איז אז מיר ווייסן נישט.

איך וועל דיר דערציילן א געשיכטע. א טאטע האט מיר נעכטן אנגערופן דערציילנדיג אז זיין זון אין ישיבה קטנה האט געליינט דעם קונטרס, און די קומענדיגע נאכט האט ער ממש נישט געקענט איינשלאפן טרייסלענדיג פאר פארכט צי ער וועט חס ושלום אריינפאלן אינעם זומפ פון ווידעאו.

דער טאטע האט מיר דאן געזאגט, אז פונקט דאס איז דער איבערווייז אז מיר האבן סוקסעסירט מיט אונזער מיסיע, זינט טאקע דאס איז וואס א בחור דארף שפירן, אז ארום אים זענען דא טיפע גרובער און ער דארף לעבן אין פחד נישט אריינצופאלן אהין, ואשרי אדם מפחד תמיד.

אויב האט מען מורא אז א בחור זאל ליינען דעם ביכל, וואלט איך ענדערש געזאגט אז מ'דארף מורא האבן צו שיקן א בחור אין א ישיבה וואס דארט קען ער זיך אנטרעפן מיט א חבר וואס וועט אים דערציילן אסאך מער ווי דאס וואס שטייט אין דעם ביכל, און נישט מיט קיין עקל און אפשיי, נאר טאקע מיט'ן גאנצן געשמאק.

אויב איז דער נסיון א פאקט, דארף א קינד ווערן צוגעגרייט דערצו נאך פאר עס קומט אן, און ער זאל פארשטיין אז דאס איז פאר אים סם. וועלכער בחור וויל דען צוקומען צו א מצב פון טראכטן 'למה לי חיים' רח"ל?

## ווען איר האט געברענגט וואכזאמקייט אנבאלאנגט וואטסאפ, האט איר ווי נישט ווי פארגעשטעלט א לעזונג, נעמליך טוישן דעם פילטער און בלאקירן וואטסעפפ אדער כאטש סטאטוס; וואס איז אבער דער לעזונג איבער דער נושא פון בחורים? וואס קען דען א טאטע און מאמע טון אין זייער שטוב, ווען דער פראבלעם

## שפילט זיך מיינסטנס אפ במסתרים?

דער ערשטער לעזונג איז, אז מענטשן זאלן כאפן אז טעכנאלאגיע איז נישט 'נאך א נושא', נאר דאס איז א גאר ערנסטע זאך וואס באדראעט דעם עקזיסטענץ פון כלל ישראל, און באדראעט וויאזוי דיינע קינדער וועלן אויסקוקן; נישט אינדרויסן, נאר אינעווייניג. איינמאל מ'כאפט דאס, פארשטייט מען שוין אז דער מוסד מיט די קהילה זוכן נישט קיינעם צו אונטערדרוקן, נאר דא רעדט מען פון א פראבלעם וואס איז 'עכט'.

גראדע גאר אן אפעקטיווע לעזונג, איז איינפאך צו אוועקשטעלן א שטוב ווי ווידעאו איז גענצליך אויסגעשלאסן פונעם לעקסיקאן. עס הערט זיך טאקע שווער אין די היינטיגע דיגיטאליזירטע וועלט וואו אלעס ווערט אפגעכאפט און איבערגעקוקט, אבער קוקנדיג אויף די פאטאלע קאנסעקווענצן וואס ווידעאו קען ברענגען איז עס גאר א קליינע קרבן.

טעגליך ברענגען בחורים אויף אויף זייערע ליפן שטוינענדע ווערטער פון 'טוב מותי מחיי ממש' ל"ע, וויבאלד זיי זינקען אין די ווידעאו וועלט. דאס איז נישט קיין גוזמא! הבדלה אליינס האט אריינבאקומען הונדערטער אזעלכע מעסעדזשעס פון בחורים. אלזא, אויב מעג מען מחלל שבת זיין פאר פיקוח נפש, מעג מען זיכער שטיין ווייט פון ווידעאו אזאנס צו פארמיידן.

אבער דער טייל פונעם לעזונג ווענדט זיך שוין אין די עלטערן, אונזער מעסעדזש פאר בחורים איז בעיקר געווען צו געבן די נויטיגע מיטלען אין די האנט וויאזוי צו קענען שטיין פאר אזעלכע נסיונות, בעיקר מיט'ן קלארמאכן פאר'ן בחור צוויי פונקטן: איינס אז די מלחמה ענדיגט זיך קיינמאל נישט, און ער וועט אייביג מוזן אנרעכטן ברוטאלע שלאכטן מיט'ן יצר הרע; אבער גלייכצייטיג אז עס איז מעגליך זיך ארויסצודרייען פון אט די אדיקציע. טויזענטער בחורים האבן זיך שוין אפגעשאקלט פון די אלע זאכן, און אז מען וויל שטארק קען מען זיין דער ענדגילטיגער געווינער אין דעם קאמף.

עקסטערדעם איז שטארק ארויסגעברענגט געווארן דער פונקט אז עס איז אייביג דא הילף. קיין איין משגיח וועט נישט אראפקוקן א בחור וואס מוטשעט זיך, נאר ער וועט טון אלעס צו זיין דיספאזיציע אים צו העלפן, און דאס אליינס אז דער בחור ווייסט אז עס איז דא הילף, איז אויך א ווירקליכע לעזונג, וואס בחורים נוצן ברוך השם אין ליכט פון דעם קונטרס.

## ווען איר זענט ארויסגעקומען מיט'ן 'גרוס פון יענע וועלט', זענען געווען געוויסע וואס האבן געווארפן קריטיק אין אייער ריכטונג אז איר האט צו שטארק ארויסגעברענגט די מעלות פון וואטסעפ, און אז דער בראשור קען דינען א פארקערטן ציל און צוציען מענטשן צו וואטסעפ; איז דען נישט דא עפעס ווארהייט אין אזא ארגומענט?

אויף דעם איז דא זייער אן איינפאכע ענטפער: א מענטש וואס האט אדורכגעליינט דעם גאנצן קונטרס, און נאכ'ן זיך באקענען מיט אלע שעדליכע זיטן וואס וואטסעפפ ברענגט מיט זיך איז ער נאכאלץ געגאנגען נוצן וואטסעפ, אים האבן מיר פארלוירן נאך אסאך בעפאר ער האט געליינט דעם ביכל. א מענטש וואס גייט במזיד מיט'ן קאפ אין וואנט אריין, איז נישט איינער פאר וועמען מיר ברויכן זיך זארגן, אזוי איז טאקע געווען דער דעת תורה.

ווי געזאגט איז טאקע דאס געווען איינע פון די צענטראלע אורזאכן צו די סוקסעס פון 'א גרוס פון יענע וועלט', טאקע דאס אז מיר האבן גערעדט מיט'ן וואטסעפפ באנוצער אויף זיין שפראך, אט דאס האט אים ערמעגליכט צו הערן און עווענטועל דערהערן אונזערע רייד, אלזא איז נישט שייך צו מוותר זיין אויף אזא צענטראלע עלעמענט וויבאלד איינער וועט גיין במזיד זיך אריינלייגן אין אזא געפאר.

## די "הבדלה בליצן" זענען געווען גאר אויפגעכאפט ביים ציבור, און ווי געזאגט האט איר דערווייל אויפגעהערט ארויסצוקומען דערמיט; צי איז אין פלאן צוריק אנצוהייבן מיט די 'בליצן' סעריע?

יא, בעז"ה. ווילאנג מיר רעדן זיצט א גרופע אינגעלייט און ארבעט אויפצוקומען מיט די נויטיגע פינאנצן צו ערמעגליכן דאס ערשיינונג פון די "הבדלה בליצן". מען האט אסאך געטון אין דעם נושא און האפנטליך אצינד ווען מיר האבן געענדיגט מיט די "וואו איז יאסעלע" פראיעקט וועט מען קענען ארויסקומען נאכאמאל מיט די "בליצן" אויף א רעגלמעסיגן פארנעם, און פארשטייט זיך האבן באזונדערע זייטן געווידמעט פאר די 'יאסעלע' עפאכע.

און איך וועל זאגן דעם אמת, היות איך בין נישט בעצם פון דער 'ועד' פון הבדלה, נאר









דער מארקעטער, קען איך נישט קומען מיט קיין קלארע פלענער ווען און וואס, בפרט ווען אלעס איז געוואנדן אין וויפיל געלט זיי וועלן קענען צוזאמשטעלן. אבער איך קוק שטארק ארויס אז די זאך זאל גיין ווייטער, סיי ווייל פאר מיר מיינט דאס בעז"ה ביזנעס... און נאכמער ווייל איך שפיר א מורא'דיגע זכי' צו זיין אין די פאזיציע פון ברענגען צו די וועלט אזעלכע הייליגע פראיעקטן וואס האבן שוין צוריקגעהאלטן אזויפיל שווערע טויזנטער און מעגליך מיליאנען ראיות אסורות פון אידישע קינדער, און האבן שוין געברענגט אזויפיל הייסע אידישע טרערן און תפלות פון אידישע טאטעס און מאמעס; דאס איז זיכער פיל בעסער און געשמאקער פון מאכן אן אייזקריעם קאמפיין, מיט א בילד פון א אינגל וואס שטעקט ארויס די צונג צו א ריזיגן אייזקריעם קאון...

## אה, דא גייסטו שוין אריין אין די "אידישקייט" פראיעקט...

אמת, "אידישקייט" איז טאקע א באזונדערער קליענט, אבער איך מיין אז פון דעם קען מען האבן א באזונדערן לאנגען שמועס, דאס איז בכלל נישט אויף איין פוס.

## צווישן די פילע "הבדלה בליצן" נומערן, וועלכע איז געווען די מערסט מאכטפולע אינטערוויו איבער וועלכן איר האט צוריקגעהערט די מערסטע גריסן?

זייער שווער צו זאגן. יעדע אינטערוויו האט געהאט א געוויסע אייגנארטיגקייט וואס קיין שום אנדערע האט נישט געהאט. איך קען דיר דא אויסרעכענען אויף יעדע אינטערוויו א געוויסע באמבע וואס דער אינטערוויו האט געברענגט, וואס קיין שום אנדערע האט נישט געברענגט. אבער איך מיין אז גאר א שטארקע אינטערוויו איז געווען מיט ר' הערשל מעהרינג, וועלכער האט געברענגט אן אויסטערלישן קראך צו די באלון אז 'קאנסטראקשאן' מוז האבן וואטסעפ. איך מיין אז דאס איז געווען א שטארקע זאך.

## פון וואו איז געקומען דער געדאנק צו געבן א נאמען דעם קונטרס "וואו איז יאסעלע"?

צום אלעם ערשט איז דער סלאגאן עפעס וואס ברענגט אויף קענטליכע געפילן ביי היימישע אידן, און ווי פארשטענדליך אילוסטרירט עס דעם מצב פון די היינטיגע בחורים. אויב האט מען אמאל איבערגעדרייט א גאנצע וועלט צו ראטעווען איין יאסעלע, וואס דארפן מיר טון צו ראטעווען די צענדליגער יאסעלעך וועלכע דרייען זיך אונטער אונזער נאז; צי קומט זיי נישט כאטש אזא פלעגונג ווי יאסעלע שוכמאכער?

## אז מיר האלטן ביים ענדיגן, וועלכע נאך פראיעקטן האט "יעסעדזש" דורכגעפירט אין די לעצטע תקופה?

עס איז געווען לעצטנס א פראיעקט פון "סקול באס סעיפטי" וואס איז ארויס פאר אלע עלטערן פון אלע אפסטעיט מוסדות. דער פראיעקט איז געווען באשטעלט דורך ידידי הר"ר יואל שטערן - דער מנהל פון די סאטמארער מוסדות אין מאנסי, וואס עס האט אים מורא'דיג ווי' געטון די גלייכגילטיגקייט וואס מען האט ווען עס קומט צו דער נושא. די פידבעק איז געווען אז איך האב געהערט פון א באס דרייווער, אז זינט דעם בראשור שפירט ער אז דרייווערס זענען אנדערש, עס שפירט זיך א פיל שטערקערע פארזיכטיגקייט.

עס איז אויך געווען א פראיעקט פון א גרופע אינגעלייט וועלכע האבן געוואלט פארשפרייטן דעם נושא פון קאמפיוטער פילטערס און שטופן די "נעטפרי" פילטער. גראדע דעמאלט האב איך זיך באגעגנט מיט דעם פילטער, און איך האב דאס געלייגט אויף כמעט אלע קאמפיוטערס - חוץ איינס וואו איך בין יא געבליבן מיט'ן אלטן פילטער. און איך קען זאגן בפה מלא: מיט'ן "נעטפרי" פילטער קען זיך א אינגערמאן אויפשטעלן סוף טאג פון די ארבעט, און זאגן מיט א רואיגע געמיט: "איך האב היינט ב"ה נישט געזען קיין איין ראי' אסורה". איך האלט אז פאר גרעפיק דעזיינער איז נישטא קיין אנדערע אויסגעהאלטענע פילטער. ב"ה אז דער בראשור האט געהאט אויסטערלישע רעזולטאטן, און כהיום זענען שוין עטליכע פירמעס ארויסגעקומען מיט נייע פילטערס נאכגייענדיג די פיסטריט פון די "נעטפרי" פילטער.

פארגאנגענעם זומער איז געלאפן דער "פלייש איז הייקל" פראיעקט, צו ברענגען אן אויפוואכונג ביי סאטמארער חסידים איבער די נושא פון כשר פלייש, אויסגעבויעט מיט היסטארישע פאקטן אז מען זאל פארשטיין אז פלייש איז אנדערש פון יעדע אנדערע מאכל, און דא איז דער מסורה אז 'די קהילה' מיט דעם מרא דאתרא זענען אויסשליסליך בעה"ב דערויף. מיין בעסטע פידבעק איז געווען, פון א אינגערמאן וואס האט געזאגט אז ער קויפט אייביג נאר "סאטמאר פלייש", אבער יעצט איז געווען דאס ערשטע מאל וואס ער האט פארשטאנען 'פארוואס'.

און איך וועל זיך באמת פרייען צו סערווירן יעדן קליענט וועלכער וויל מסביר זיין פאר זיין 'טארגעט אודיענץ' א טיפע געדאנק, וואס עס זעט אים אויס קאמפליצירט צו אראפלייגן. ב"ה אז אונזער 'ספעשעלטי' איז צו אראפלייגן קאמפליצירטע אינפארמאציע מיט א קלארקייט.

## עפילאג

מיר געזעגענען זיך פון דעם "יעסעדזש" אפיס מיט געהויבענע געפילן. מיר האבן טאקע צושניטן אינאיינעם די געשיכטע פון "הבדלה" ביז די קלענסטע דעטאלן, אבער אין פאקט איז די רעדע דא פון א געשיכטע וואס מיר קענען ניטאמאל באגרייפן; מען רעדט דא פון אן אויפוואכונג וואס האט אייגנטליך גענומען דעם וועלט וואס מיר קענען און איר פשוט געטוישט, און נישט בלויז געטוישט, נאר געטוישט צום גוטן.

ר' שלמה יואל ענדיגט נאך צו מיט איין געשיכטע וואס ברענגט גאר א שטארקע מעסעדזש: "א מוטער האט געלאזט א מעסעדזש, זאגנדיג אז זי מוטשעט זיך גאר שטארק מיט די שטוב ווירטשאפט, זי קומט נישט נאך די ארבעט און זי ברעכט אונטער.

"זי האט אדורכגעליינט דעם נייעם 'וואו איז יאסעלע' ליפלעט, און איר האט ספעציעל געכאפט דעם טייל ווי דער פעטער שמועסט אדורך זיין פערזענליכן קשר מיט'ן אויבערשטן, און דער בחור אנערקענט אז ער איז אראפגעקומען אויף דער וועלט צו דינען דעם אויבערשטן און אים שאפן א נחת רוח.

"זינט דאן בין איך א נייע מענטש! - דרוקט זיך אויס די מוטער - איך ווייס אז איר האט נישט מיר געמיינט, אבער פארט איז דער קלארקייט וואס שיינט ארויס פונעם בראשור עפעס וואס געבט א דערפרישנדן מוט; איך וואש וועש אנדערש, איך קאך אנדערש, איך געב זיך אפ מיט די קינדער אנדערש, ווייל איך האב אנגעהויבן פארשטיין פארוואס די וועלט איז באשאפן געווארן, איך האב אנגעהויבן באגרייפן אז דער אויבערשטער וויל אונז באגליקן, און אז יעדע נסיון איז בלויז א מיטל אונז צו באגליקן מיט דעם גרעסטן זיסקייט פון זיצן און נהנה זיין מזיו השכינה, וואס די גאנצע וועלט מיט אלע אירע זיסקייטן און אלע אירע געשמאקן פון וועלטס באשאף ביז היינט, קומט נישט צו ווי א טראפ קעגן דעם ים הגדול צו דעם גרויסן שכר וואס ערווארטעט א איד פאר'ן דורכגיין און זיך שטארקן אויף די שוועריגקייטן". ר' שלמה יואל זעט אין דעם מעסעדזש דער שפיץ פון די מיסיע: ברענגען א קלארקייט איבער די יסודות וואס יעדער איד דארף דערמיט לעבן.

פאר מיר פערזענליך לערנט הבדלה א לערע, אז ווען א פייער ברענט נעמט מען זיך אין די האנט אריין און מען טוט וואס מען קען, און אמאל וועט פון אן אינטערוויו אויף א קהל'ישער טעלעפאון ליניע ארויסוואקסן אן אימפעריע. מיר דארפן נאר טון, און אז מען טוט, וועט מען ווארשיינליך אויפטון.


SPONSOR #1
PRO DECKS

SPONSOR #2
MEN'S CORNER

SPONSOR #3
QUICK FIX
Appliance repair
845-206-9733

קרית יואל
חסד
ווינטער קאמפיין
'היטשט' און 'געווינט'
845.288.3880

אן עט אויף דער פרשה במשנתו של רבינו:



# ואתם הדבקים בה' אלקיכם



געקליבענע עובדות און הנהגות פון מרן רביה"ק זי"ע איבער דעם ענין פון

## נישט ליגן אין הבלי עולם הזה

הוצאת נחלת רבותינו סאטמאר

מערכת נחלת רבותינו

יקח משה את עצמות יוסף עמו, זאגט די גמרא אין סוטה (י"ג ע"א) בא וראה חכמתו של משה שכל ישראל עוסקים בביזה בכסף ובזהב והוא עסק בעצמות יוסף, שנאמר חכם לב יקח מצוות זה משה, און 'ואויל שפתים ילבט' גייט ארויף אויף ישראל וואס זיי האבן עוסק געווען [בביזה]... מ'פרעגט דאך בכלל, ער האט עוסק געווען בעצמות יוסף, זעט עפעס ער זאגט 'חכם לב יקח מצוות' אויף משה רבינו'ן, עפעס ווי א תרעוצת אויף אידן פארוואס זיי האבן נישט עוסק געווען, שטייט דאך ארויס בפירוש אין די גמרא (שם ע"ב)... אז זיי האבן געזאגט הניחו לו כבוד בגדולים... ס'האט אזוי געברויכט צו זיין, משה רבינו האט אים געברויכט צו טראגן, נישט אידן. וואס רעדט ער זיך עפעס אפ?

און ווידעראום די וואס זיי האבן עוסק געווען בביזה איז דאך אויך געווען א ציווי, הקב"ה האט דאך פארלאנגט שלא יאמר אותו צדיק ואחרי כן יצאו ברכוש גדול לא קיים בהם. און דערנאך וואס איז דער לשון 'ואויל שפתים ילבט', וואס איז עפעס "שפתים"? וואס א שייכות האט אהער ואויל שפתים ילבט?

זען זעט עפעס אויס אז דעמאלט (אין די דריי טעג פון מכת חושך) איז געווען דער פעלער. זיי האבן דאך געוואוסט פארוואס האבן זיי געדארפט קוקן די מטמוניות'ער, מ'האט דאך זיי געזאגט נאך ווען זיי זענען געקומען (משה ואהרן) אז והיה כי תלכון לא תלכו ריקם, ושאלה אשה משכנתה ומגרת ביתה, האבן זיי זיך דאך גערישט אויף דעם, האבן זיי געקוקט די מטמוניות'ער, האבן זיי כסדר עוסק געווען אין דעם, וואס מ'זאל בעטן? ווי אזוי מ'זאל בעטן, האבן זיי אין דעם "עוסק געווען". דאס קאן זיין איז געווען דער פעלער. דער בוכ"ע האט טאקע געהייסן, און כבודו (של יוסף) בגדולים, אבער [נישט] זאלן כסדר עוסק זיין אין דעם, זיי האבן נישט געדארפט אזוי "עוסק" זיין. במעשה האבן זיי דאס געברויכט צו טון, זיי האבן געברויכט זען די מטמוניות'ער, [אבער] מער נישט!. נאר דעס עוסק זיין [איז דער פעלער], ווי מ'זאגט "לעסוק" בדברי תורה, דאס איז דער "עסק" דערפון, מ'שמועסט דערפון, און מ'לייגט אריין דעם דעת דערין, דעם שכל, ווי אזוי מ'זאל נעמען, דאס איז צופיל.

דער בוכ"ע האט געהייסן עוסק זיין אין משא ומתן, פונדעסטוועגן דארף מען האבן זמנים קובע עתים לתורה זיין, און קומען בית המדרש, דעמאלט דארף מען פארגעסן, נישט רעדן, [נאר מ'] דארף רעדן דברי קדושה וטהרה, און נישט קיין משא ומתן, דעמאלט דארף מען נישט עוסק זיין דערינען... רעדן דארף מען רעדן דברי תורה, אנדערע זאכן, דברי קדושה וטהרה, איבערדעם איז 'ואויל "שפתים" ילבט', דאס איז געווען דער פעלער, די רוב דיבורים, "ודברת בם ולא בדברים בטלים", רוב דיבורים דארף צו זיין אין תורה, אין יראה, אין עבודות ה', נישט אין דעם, כאטש וברכתיך בכל אשר תלך, דעס וואס מ'ברויך צו טון דארף מען שוין צו טון, אבער דעס איבריגע דארף זיין מקושר דער דעת מיט'ן דיבור אין אידישקייט און אין תורה, ווי אזוי מ'זאל האבן התחזקות.

(דברות קודש ס"ג בשלח תשכ"ב)

## "איין תנועה פון התקרבות צום בוכ"ע איז מער ווערד פון אלע הבלי עולם הזה"

אין איינעם פון די ערשטע יארן, ליל שבועות אויפדערנאכט, האט דער רבי געפראוועט דעם טיש נאך אין קליינעם ביהמ"ד אויף 500 בעדפארד עוו., און דער רבי האט דעמאלט געזאגט בתוך הדברים מיט א געוואלדיגן קאך: "עס שטייט (מדרש שיר השירים ה, ג): 'פתחו לי פתח כחודו של מחט ואני אפתח לכם פתח כפתחו של אולם'. לב יודע מרת נפשו, יעדער ווייסט דאך אז מ'האט ליידער נישט קיין פתחו של אולם, און מיר גלייבן אז יעדעס ווארט מדברי חכמינו ז"ל איז דאך אמת ויציב, מוז בעל-כרחך זיין אז מיר האבן ניטאמאל געעפנט דעם פתחו של מחט, ווייל ווען מיר וואלטן געעפנט דעם פתחו של מחט וואלט זיכער געווען אפן פאר אונז א פתחו של אולם".

דער רבי זי"ע האט דאן געזאגט בתוך הדברים: "איין תנועה פון התקרבות צום בורא כל עולמים איז מער ווערד פון אלע הבלי עולם הזה".

(באילנא דחיי ח"א עמ' תק"ח)

## קדש עצמך במותר לך: עס זאל נישט זיין 'מיט'ן גאנצן עולם-הזה'דיגן פארנעם'

עס האט דערציילט הרה"ח ר' אשר לעמיל שווארטץ ז"ל: נאך מיין חתונה האב איך געפרעגט פונעם רבי'ן, וואס איז די ריכטיגע וועג אין הנהגת הבית אז עס זאל אויסגעהאלטן עפ"י תורה והחסידות אן קיין מותרות און לוקסוס. האט מיר דער רבי געענטפערט אז דער כלל איז ביי דעם, צו טון יעדע זאך לשם שמים, אויף א אופן פון בכל דרכיך דעהו, ווי עס שטייט אין שולחן ערוך (או"ח סימן רל"א).

דאן האט דער רבי מיר דערציילט, אז זיין זיידע, דער הייליגער **ייטב לב** זי"ע האט אין די יונגע יארן נישט פארמאגט קיין טיש ביי זיך אין שטוב, נאר אנשטאט א טיש האט ער זיך באנוצט מיט א לאקשן-ברעט אויף וואס מ'פלעגט קנעטן די חלות, וואס דערויף האט ער געהאלטן זיין גמרא בשעת'ן לערנען, און יעדן דאנערשטאג אוונט ווען די רביצין האט געדארפט דאס ברעט כדי צו קנעטן דערויף די חלות, האט דער ייטב לב זי"ע געלערנט מיט דער גמרא אין די הענט.

האט דער רבי אויסגעפירט: "נו, וועסטו וועלן זאגן אז מ'טאר שוין נישט קויפן קיין טיש, אדער אנדערע וויכטיגע זאכן וואס מ'דארף האבן לצורך החיים?! אוודאי נישט! נאר וואס דען, אפילו די אלע נויטווענדיגע לעבנס-געברויכן דארפן זיין באגרעניצט, אז עס זאל נישט זיין 'מיט'ן גאנצן עולם-הזה'דיגן פארנעם', אזוי ווי די באקאנטע ווערטער פונעם הייליגן רמב"ן אנהייב פרשת קדושים".

(באילנא דחיי ח"א עמ' רמ"ז)

## ישיבת כרכים קשה: ענדערש וואוינען אין אן ארט אפגעשיידט פונעם גאנצן עולם הזה

עס האט דערציילט הגה"צ רבי שמואל בראך זצ"ל וואס דער רבי האט דערציילט זייענדיג אין 'מאנטיסעלא' אויף אפרו לבריאות גופו הטהור.

אימער ער האט גע'דרש'נט אין דער שטאטישער שול, וואו די מערהייט זענען געווען אשכנזי'שע אידן, און זיינע ווערטער זענען דארט געווען געאייניגט צו יענע מתפללים.

איך געדענק, ווי אמאל ביים פארלערנען פרק, האט דער רבי אראפגעלייגט דעם חילוק פון דעם לעבנסשטייגער פון א ווארעמען חסידישן איד און אן איינפאכער איד וואס פירט זיך טאקע על פי הלכה, אבער עס פעלט אים די ווארעמקייט און קאך פאר א דבר מצוה.

דער רבי האט דאס ערקלערט ווי פאלגנד: "א חסידישער איד שטייט אויף צופרי ארום דריי פיר אזייגער פארטאגס, און באלד הייבט ער אן צו זאגן ברכת התורה הויך אויפ'ן קול, מיט א ברען און התלהבות, אזוי אז די בני בית מיט די קינדער וועקן זיך פשוט אויף פון זיין ברכת התורה. דאן גייט ער אין שול, וואו ער פארברענגט א פאר שעות בתורה ותפילה, און ערשט נאך א לאנגער צייט קומט ער אהיים פון שול, ער איז טועם פת שחרית, און דאן פאנגט ער אן זיין עבודה פון ברכת המזון. ער בענטשט הויך אויפ'ן קול, במתינות און מיט כוונה, און אזוי ווייטער, גייט צו זיין גאנצער הלך-ילך פונעם טאג מיט א קאך צו עבודת הבורא, אזוי אז די קינדער זעען דעם טאטן א גאנצן טאג דאווענען און לערנען, בענטשן און מקיים זיין מצוות הבורא מיט א ברען און התלהבות, וואס דאס טוט אויטאמאטיש אריינברענגען אין די הערצער פון די יונגע קינדער אן אהבת תורה ויראת שמים און זיי טוען זיך אפלערנען פון אים.

"ווידער, אן איינפאכער בעל-בית'שער איד שטייט אויף צופרי ווען עס שטעלט זיך אים גוט אויס. ער גיסט זיך שטילערהייט אפ נעגל-וואסער און זאגט גאר שטיל ברכת התורה. ער גייט מיט פאמעלעכע, שטילע טריט, אכטונג צו געבן אז קיינער זאל זיך ח"ו נישט אויפוועקן. דאן גייט ער אין שול, און ווען ער קומט אהיים זעצט ער זיך צו געשמאקן פרישטאג, און ווען עס קומט צום בענטשן, איז קוים וואס ער מורמלט עס אפ, אז קיינער הערט נישט גארנישט. נאר וואס דען? נאכ'ן עסן הייבט ער אן זיך אויספוצן זיין שיין בערדל..." – איך געדענק נאך ווי דער רבי האט ארויפגעלייגט די הענט אויף דער בארד, נאכמאכנדיג ווי אזוי מ'פוצט זיך די בארד – "נו, וואס'זשע זעט שוין דער קינד ביי אזא טאטן. אויסער פוצן די בארד זעט ער דאך גארנישט".

אזוי האט דער רבי זי"ע בנועם שפתיו געשילדערט, ווי ווייט עס דערגרייכט דער חילוק צווישן א ווארעמען חסידישן איד און א פשוט'ן בעל-הבית, וואס זייערע לעבנס-שטייגערס האבן א גרויסע ווירקונג אויף זייערע קינדער און די דורות ווייטער.

דער רבי האט דאן ערקלערט וואס די גמרא (חגיגה דף ג.) דרש'נט אויפ'ן פסוק (דברים לא, יב): "הקהל את העם האנשים והנשים והטף וגו' למען ישמעו ולמען ילמדו ויראו את ה' אלקיכם ושמרו לעשות את כל דברי התורה הזאת" - "אנשים באים ללמוד, נשים באות לשמוע, טף למה באו? כדי ליתן שכר למביאיהם". דארף מען לכאורה פארשטיין: אמת, די קינדער וואס קומען פון גאנץ שוואכע היימען און זעען נישט אינדערהיים גארנישט; זיי זעען נישט ביי זייערע עלטערן קיין חיות און ברען צו א מצוה - פאר זיי איז טאקע אן אויפטו וואס מ'ברענגט זיי, כדי זיי זאלן זיך כאטש אפלערנען גוטע מעלות פון אנדערע ערליכע אידן; אבער די קינדער וואס קומען פון ערליכע היימען, וואס אינדערהיים זעען זיי נאר גוטס, פאר זיי קען דאך גאר שאטן אז מ'וועט זיי אהינברענגען און זיי וועלן זיך דארט באגעגענען מיט קינדער פון שוואכערע שטיבער, וואס ביי זיי אין שטוב זעען זיי דאס פארקערטע. פאר זיי קען דאך ארויסקומען דערפון א געוואלדיגער היזק?

נאר – האט דער רבי ווייטער געזאגט – עס שטייט דאך אין פסוק (קהלת ח, ה) "שומר מצוה לא ידע דבר רע". אויב עס איז א מצוה צו קומען און ברענגען די קינדער, ווייל דער באשעפער האט אזוי געהייסן, קען דערפון נישט ארויסקומען קיין שלעכטס, עס קען פאר קיינעם נישט שאטן. במילא וועט אויסקומען, אז די קינדער וואס קומען פון שוואכערע שטיבער וועלן זיך נאר אפלערנען פון די גוטע, אבער דאס פארקערטע וועט נישט געשען, וויבאלד שומר מצוה לא ידע דבר רע.

דאס קען זיין די כוונה פון דער גמרא: "טף למה באו?" - פארוואס ברענגט מען די קליינע קינדער? עס קען דאך שאטן פאר די גוטע קינדער, אז זיי וועלן זיך מעגליך אפלערנען פון די שוואכערע? נאר "כדי ליתן שכר למביאיהם" - קיין שאדן וועט נישט ארויסקומען, וויבאלד "שומר מצוה לא ידע דבר רע", און די שוואכערע וועלן זיך נאר אפלערנען פון די גוטע, און דעריבער וועלן זיי נאר האבן "שכר" פאר'ן ברענגען די קינדער וויבאלד די שוואכערע קינדער וועלן זיך אזוי ארום פון זיי אפלערנען.

(באילנא דחיי ח"א עמ' תס"ג)




## דריי ערליי נשמות

איינמאל ביי אן אסיפת מלמדים, האט דער **מוזשאיער רב** זצ"ל געפרעגט דעם רבי'ן זי"ע, וואס עס איז די סיבה פארוואס מ'קען זען אז אויך ביי קינדער וואס קומען פון היימישע שטיבער מאכט זיך אמאל אז זיי האבן נישט קיין חיות אין לערנען, זייערע געפילן אין תורה ויר"ש זענען ליידער אפגעטרוקנט. ווידער, זענען פאראן קינדער וועלכע קומען נישט פון קיין היימישע שטיבער און זיי לערנען נישט אין קיין היימישע מוסדות, פונדעסטוועגן זעט מען אויף זיי ווי זיי האבן אזא חיות אין תורה און אין אידישקייט, און זיי לערנען מיט גרויס התמדה.

האט אים דער רבי דערויף געענטפערט: "עס ווערט געברענגט אין זוהר הקדוש, אז עס זענען דא דריי ערליי נשמות. פון איין זייט, זענען דא גאר הויכע און הייליגע נשמות פון צדיקים און בני עליה; און דאקעגן זענען דא גאר שוואכע נשמות פון רשעים און פורקי עול, בפרט בעיקבתא דמשיחא; און ווידער, זענען דא נשמות פון בינונים.

אט-די נשמות פון די צדיקים – האט דער רבי פארגעזעצט – וואו אימער זיי זאלן זיך נאר געפינען, אפילו זיי ווערן ערצויגן אין א סביבה פון די שוואכערע נשמות, און צומאל אפילו ביי עלטערן מחללי שבת ח"ו, וועלן זיי פון זיך אליין שטענדיג ציען נאר צו גוטס. ווידער, די שוואכערע נשמות וואס קומען פון מקור הרשע, וואו אימער זיי געפינען זיך, אפילו אין גאר א גוטער סביבה, וועלן זיי שטענדיג ציען צו שלעכטס, רחמנא ליצלן. די נשמות פון די בינונים, אבער, וואס זיי זענען די מערהייט אין אונזער דור, אויף דעם ברויך מען ארבעטן, זיי ארויפצוארבעטן ווי ווייט מעגליך.

(באילנא דחיי ח"א עמ' תקע"ח)

בס"ד
אחיעזר
M. 6 Van Buren Dr. #102
Monroe NY 10950
P. 845.637.7778
E. office@achiezerky.org
מקדמים אנו בברכה את פני הני מוסרי נפש הלא המה המנהלים החשובים אשר באו מהתם להכא לכתת רגלם לקיום וביסוס חינוך הטהור בארה"ק
הרב **יעקב קאפיל** ואחיו הרב **נחמן ערענטאהל** שליט"א
**בית חינוך לבנות בנות ירושלים – ירושלים**
סוג: ישוב הישן
הרב **יעקב שמשון מונדרר** שליט"א
הרב **משה יצחק ווייזער** שליט"א
**בית חינוך לבנות תולדות אברהם יצחק הר יונה**
סוג: חסידי תולדות אברהם יצחק
הרב **בנציון לובעצקי** שליט"א
**בית חינוך לבנות בית חינוך הישן בראכפעלד**
סוג: בני תורה
**אנ"ש תלמידי וחסידי רביה"ק זי"ע**
בואו והשתתפו בהמוניכם לחזק הני מוסרי נפש אשר עזבו משפחה ובאו לדרך רחוקה רק כדי לקיים את התורה בארה"ק שלא להנות מצפרני רשעים אפי' בזוז כל שהוא
הנהלת אחיעזר קרית יואל



# שאלת חכם

אַקטועלע און אינפאָרמאַטיווע שמועסן, באַגלייט מיט
יסודות'דיגע פניני דעת ותבונה, און מיט אַ אידישן בליק

גענטפערט דורך
הרה"ג רבי נחום אַבראַהאַם שליט"אַ
דומ"ץ במאָנסי

# די וועג צו זאגן מוסר און קריטיק

## שאלה:

**לכבוד דעם חשוב'ן דיין שליט"א.**

**איך האב שוין עטליכע מאל באמערקט צווישן די שורות אין די 'שאלת חכם' ווי דער דיין ווארפט אריין עטליכע ווערטער דא און דארט איבער וויאזוי צו זאגן מוסר אדער קריטיק - ווען עס דארף געזאגט ווערן.**

**איך וויל בעטן - אויב מעגליך - צו אויסמועסן די נושא אויף א ברייטערן פארנעם. וואס איז די ריכטיגע וועג צו זאגן מוסר און קריטיק, אויף אן אופן אז ס'זאל ווערן אנגענומען און דער שומע זאל טאקע אויספאלגן?**

**די היינטיגע מחנכים זאגן מ'זאל נישט קריטיקירן און מוסר'ן קינדער נאר רעדן ווייך. איז דאס טאקע ריכטיג? וויאזוי שטימט דאס מיט דעם וואס שלמה המלך זאגט 'חושך שבטו שונא בנו' - איינער וואס האלט צוריק זיין שטעקן, ער גייט נישט שטרענג האט פיינט זיין קינד.**

## תשובה:

דער זעלבער שלמה המלך וואס זאגט חושך שבטו שונא בנו, זאגט (משלי יב, יח) אויך 'יש בוטה כמדקרות חרב ולשון חכמים מרפא', זאגט דער גר"א אז ס'איז דא צוויי וועגן ווי אזוי צו זאגן מוסר און מעורר זיין, איינער זאגט אריין שארף, ער שניידט שטיקער (בוטה כמדקרות חרב), אבער דאס איז נישט אזוי נוצבאר ווייל דער עיקר מוסר איז זאלסט אים לערנען 'וואס איז יא ריכטיג צו טון', 'וויאזוי מ'טוט דאס', און 'פארוואס מ'טאר נישט טון די אנדערע וועג', ממילא ווייסט ער ווי אזוי זיך צו פארבעסערן, אבער פון פשוט אריינזאגן האסטו אים גארנישט געלערנט, ער ווייסט פשוט נישט וואס דו ווילסט פון אים. 'לשון חכמים מרפא' - די קלוגע זאגן וואס די רפואה איז, זיי קאנצענטרירן זיך נישט אויף די קרענק נאר אויף די רפואה. די בעסטע קריטיק איז ארויסצוברענגען די פאזיטיווע זייט; דאס שיינקייט און איידלקייט פון די גוטע וועג, און וויאזוי דאס צו טון, ממילא וועט אוועק פאלן דאס שלעכטס.

די וועלט זאגט "האניג איז קלעבעדיג אבער נישט עסיג", דאס מיינט אז ס'איז דא צוויי וועגן ווי אזוי מ'מאכט א מענטש טון א זאך אדער מיט שיינע ווייכע רייד וואס זענען זיס ווי האניג, אדער מיט שטרענגקייט און הארטקייט וואס איז זויער ווי עסיג. ביידע וועגן קענען ארבייטן, אבער די זיסע וועג מאכט אז ס'זאל זיך אין אים אנקלעבן און ער זאל דאס וועלן טון אפילו ווען דו האסט נישט אויף אים קאנטראל, משא"כ די ביטערע וועג איז אבער איינגעשטעלט, ווייל אפילו ער טוט דאס יעצט מחמת מורא אדער מחמת דרך ארץ, אדער ווייל ער וויל זיין א גוט קינד/תלמיד/ארבעטער, אבער ס'וועט נישט אנהאלטן לאנג, ווען ער וועט מער נישט זיין אונטער דיין קאנטראל וועט ער נאכלאזן דערפון. אז דו קענסט דאס טון מיט בלומעלעך און רויזן, וואס דארפסטו נוצן א האמער מיט א שווערד?!

מ'טאר נישט אויסמישן די צוויי זאכן, זיין שטרענג און האלטן דיסציפלין (חושך שבטו שונא בנו), איז נאר כדי צו צוימען דעם בהמ'ישן גוף ווען ער איז צוואווילדעוועט און מ'קען אים נישט קאנטראלירן, ער לאזט נישט צום ווארט קומען, אזוי ווי א בהמה וואס פארשטייט נישט ווען מ'רעדט צו אים, ער פארשטייט נאר א קנאק מיט'ן בייטש. אבער ווען מ'ריקט דעם גוף אין א זייט קען מען רעדן צו די נשמה. דארט קומט נישט קיין שטראף אדער צווינגען. ווי רש"י זאגט אין מערערע פלעצער אז א מענטש קען מען נעמען נאר מיט גוטע רייד, ווייל נעמען פיזיש קען מען נישט דעם גוף און אוודאי נישט די נשמה.

דער רמב"ם (הל' גירושין ב, כ) זאגט אויף דעם מארז"ל כופין אותו עד שיאמר רוצה אני, מ'צווינגט א מענטש צו טאָן א מצוה ביז ער זאגט "יא איך וויל דאס טון". איז שווער, וואס העלפט דאס וואס ער זאגט איך וויל, למעשה וויל ער דאך נישט. ער 'זאגט' נאר אז ער וויל ווייל דו צווינגסט אים? ענטפערט דער רמב"ם מ'צווינגט נאר דעם יצה"ר; דעם גוף, דאס דעקט אויף די נשמה און גיבט איר די געלעגנהייט צו זאגן איך וויל, וויבאלד זי האט שוין נישט דעם דרויסנדיגן שטער פונעם גוף.

דאס איז אבער נאר געזאגט געווארן ווען מ'קען מיט א פעטשל אוועקרוקן דעם גוף און אויפדעקן די נשמה, אבער אין די היינטיג-פארגרעבטע, ליבעראלע וועלט וויפיל דו וועסט אים צווינגען און האקן וועט נאך בלייבן פונעם גוף דיקע שיכטן פלייש. די נשמה איז אזוי טיף באהאלטן אז נישט מיט שטרענגקייט ווערט ער אויפגעדעקט. וועגן דעם איז שוין דאס צווינגען נישט די הויפט פארמעסט, מ'מוז מער רעדן גראד צו די נשמה, מ'האט נישט קיין ברירה, מ'הייבט אן מיט'ן עשה טוב.

פונקט ווי קבלת עול המצוות איז נאר שייך ווען מ'קומט לכלל דעת ביי די בר מצוה, דאס זעלבע איז דער וועג צו צוקומען צו קבלת עול המצות אויך אנדערש ביי יעדן איינעם. עס האט צו טאָן לויט וויפיל דעת ער פארמאגט. אויב איז דאס ריכטיג אויפגעארבעט אזוי ווי ס'איז געווען אמאל קען דאס גיין געצווינגען, אבער אויב דער דעת פעלט און ס'איז פארשוואונדן, איז נישט שייך קבלת עול אויף די שטרענגע וועג. מיר זענען אלע ווי נשים וואס השי"ת האט געזאגט ביי מתן תורה 'כה תאמר לבית יעקב' ווייכע צוציענדע רייד, נישט אזוי ער האט געזאגט פאר די בני ישראל 'דברים קשים כגידין'. אויב די גמרא זאגט (עירובין סה.) אז זייט דער חורבן האבן מיר א דין ווי א שיכור וואס איז נישט ביים דעת, וואס זאלן מיר זאגן אין היינטיגע צייט?! (מיר טרעפן נאך אין חז"ל אז זיי האבן געזאגט אינמיטן שיעור אינטערעסאנטע זאכן צו ציען דעם עולם זאל חשק האבן אויסצוהערן זבחים סב: שה"ש רבה ד, ב).

ווען אידן זענען אנגעקומען אין מרה וואס איז געווען אין די טעג פון די הכנה צו מתן תורה (געוויסע מצוות האט מען שוין געגעבן אין מרה), און דעמאלט איז געווען די רפואה קודם למכה פאר רפידים ווי זיי האבן זיך אביסל נאכגעלאזט פון תורה, האט השי"ת געוויזן פאר משה די ביטערע וואסער, זאגט דער מדרש (תשא פרק מ"ג אות ו') אז משה האט געטראכט צוליב וואס ברויך מען די ביטערע וואסער? האט אים השי"ת געלערנט אז מ'ווארפט נישט אוועק דאס ביטערע נאר מ'מאכט דאס זיס. משה האט מתפלל געווען צו השי"ת און געבעטן 'דאס ביטערע זאל ווערן איבערגעדרייט צו זיס'. זאגט דער מדרש שפעטער האט דאס משה גענוצט אלס א לימוד זכות אויף אידן אז ווען זיי פירן זיך נישט אויף גוט זאל מען איבערדרייען דאס ביטערע פאר זיס, דאס מיינט אז אנשטאט צו שטראפן די אידן זאל מען זיי לערנען ווי אזוי איבערצודרייען די שלעכטע מדות זיי זאלן ווערן זיס. דאס איז דער ריכטיגע וועג פון קריטיקירן נישט צו מאכן ביטער נאר איבערדרייען דאס ביטערע צו זיס. געדענק! קריטיק איז נישט דוקא רעדן שארף. מ'קען זאגן די גרעסטע קריטיק זייער זיס און געמיטליך, ס'מוז נישט זיין אויף א וועג פון אריינפארן יענעם און אים באליידיגן. ס'קען גאר געזאגט ווערט מיט א שמייכל און ליבליכקייט. מ'קען דאס זאגן מיט א קלוגע צוגעלאזענע העפליכע ווערטל.

האלט דיר צוריק פון קריטיקירן ווי ווייט מעגליך כדי נישט אויפצוועקן אין זיין מח א ווידערשטאנד פון דיר אויסצוהערן, און ער זאל גרייט זיין צו אריינצונעמען אין זיך דיינע ווערטער. קענסט זאגן די זעלבע קריטיק ווערטער אויב

ס'איז נישט געוואנדן צו אים פערזענליך. די הייליגע ברודער די צוויי צדיקים ר"ר אלימלך און ר"ר זושא זי"ע ווען זיי פלעגן ווען מוסר זאגן פאר מענטשן האבן זיי זיך מתוודה געווען אויף זיך אליין מיט א הויכן קול, און זיי האבן געזאגט אויף זיך די עבירות וואס יענער האט געטון, און אזוי איז יענער נתעורר געווארן בתשובה. ער איז נישט געווארן פארשעמט, נאר הערנדיג ווי דער צדיק וויינט און קלאגט אויף די סארט עבירה איז ער נתעורר געווארן. כאטש ער האט געוואוסט אז דער צדיק האט דאס נישט געטון און ס'מיינט אים, אבער וויבאלד ס'איז נישט געזאגט געווארן פערזענליך האט דאס געווירקט. אזוי זאגט אויך דער רמב"ם (סוף הל' איסורי ביאה) אז די חכמים האבן געזאגט זאכן אויף זיך כדי די תלמידים זאלן זיך אפלערנען ווי ווייט מ'דארף זיך אכטונג געבן פון אן איסור.

און וועגן דעם זאגט די תורה 'הוכח תוכיח את עמיתך ולא תשא עליו חטא' - זאלסט מוסר זאגן אבער נישט פארשעמען. דאס איז נישט נאר צוליב דעם איסור פון פארשעמען יענעם, נאר כדי ס'זאל הייסן מוסר געזאגט, ווייל אויב ס'קומט צוזאמען מיט פארשעמען קען דאס נישט ביי יענעם נתקבל ווערן ממילא הייסט דאס נישט מקיים געווען מצוות תוכחה. צדיקים טייטשן דעם פסוק 'נחפשה דרכינו ונחקורה' - ווען די זאגסט מוסר זאלסטו זיך אליין אויך כולל זיין דערין דורך זאגן 'לאמיר אריינטראכטן אין אונזערע דרכים לאמיר צוזאמען תשובה טאן'. דער וועג וועט בעסער ארבעטן וויבאלד ווען דו פארשעמסט דיר אליין אויך שפירט נישט יענער א דראנג זיך צו פארענטפערן און דיר אפווענדן. דאס איז אויך די כוונה פון אריינלייגן די מוסר אין פסוקים דורך א טייטש אדער רמז אדער משל כדי ס'זאל זיך נישט הערן פערזענליך.

**איינער וואס טוט פאר'ן ציבור איז א חיוב אים מחזק צו זיין בדי ער זאל האבן גענוג ענערגיע און מוט צו קענען ווייטער אנגיין**

ס'איז אמת אז אמאל דארף מען זיין שטרענג, ווי מ'זעהט אין משלי חושך שבטו שונא בנו, און ביי אדניהו בן דוד אז ער האט געטון שלעכטס ווייל לא עצבו אביו מימיו (מלכים א א, ו) - ער האט אים קיינמאל נישט געמאכט טרויעריג דורך מוסר זאגן. דאס איז אמת ויציב! דאס איז אבער נאר נאכדעם וואס ער שפירט אין דיר א ווייכקייט און צוגעלאזנקייט אין דעם טאג טעגליכן חינוך, דעמאלט ווען ס'מאכט זיך אן אויסנאם פאל און דו זאגסט אים מוסר וועט ער דאס מקבל זיין. ווי די ספרים זאגן אויפ'ן מאמר חז"ל שמאל דוחה וימין מקרבת - פונקט ווי די לינקע האנט נוצט מען נאר ווען מ'מוז, מ'קען זיך נישט באגיין מיט די רעכטע האנט אליין, אזוי אויך שטרענג זיין איז נאר ווען ס'ארבעט נישט די ווייכע וועג, און על פי רוב, דאס מיינט ניין און ניינציג און אהאלב פראצענט ארבעט יא די ווייכע וועג, נאך בעסער און שטארקער ווי די שטרענגע (דאס מיינט נישט אויפגעבן דיסציפלין ווי מיר האבן שוין מערערע מאל געברענגט). אפילו ווען מ'מוז שוין געבן א פעטשל איז גענוג מיט א שיך בענדל (ב"ב כא.) ס'מוז נישט וויי טון. דער עיקר איז ער זאל דערהערן אז ער האט געטון שלעכט.

דאס אלעס איז ווען מען דארף באשטראפן אויף עפעס נישט א גוטע מעשה, דאן דארף מען אמאל זיין שטרענג. אבער ווען מ'רעדט פון מוסר זאגן, קריטיקירן און פארהאלטן, דאס טאר קיינמאל נישט זיין מיט שטרענגקייט. קריטיקירן אויף א נישט ריכטיגע וועג מיינט נישט נאר שטרענג, נאר ס'מיינט דאס פארקערטע; מאכן יענעם נישט פאלגן! ווייל ער שפירט זיך באדראעט און פארשעמט. זיין מח ווערט פארמאכט פון דיר אויסהערן און שטויסט ארויס פון זיך נאטורליך אלעס וואס דו זאגסט אים. ער שפירט ווי זיין פערענליכע כבוד און שטאלץ איז אונטער ריזיקע (ס'האט צו טון ווי ווייט דער מענטש איז סענסיטיוו).

צב"ש ווען דאס קינד ווייסט נישט עפעס, ביי דיר איז דאס א דבר פשוט אבער ביים קינד איז דאס א נייעס, און דו זאגסט אים שטרענג "ווי אזוי קען זיין אז דו ווייסט נישט אזא פשוט'ע זאך וואס יעדער ווייסט?" האסטו אויפגעוועקט אין זיין מח א ווידערשטאנד זיך צו באשיצן. אבער ווען דו זאגסט אים "לאמיר דיר זאגן עפעס וואס וועט דיר צונוץ קומען, דאס איז א זאך וואס יעדער דארף וויסן", דאס עפנט זיין מח צו הערן וואס דו זאגסט.

אויב פארן לערנען א שטיקל גמרא, הלכה, חומש רש"י אד"ג, זאגסטו "יעצט קומט זייער א שווערע ענין", האסטו פארמאכט זיין מח! ווער וויל דען ארבייטן שווער?! קענסט זאגן אנדערש "ס'איז באמת זייער א גרינגע גמרא, אבער מ'דארף צולייגן קאפ, איינמאל מ'כאפט דאס זעט מען אז ס'איז בכלל נישט שווער!"

מאך נישט קיין בארג פון יעדע זאך. דאס זעלבע ווען דו הייבסט אן פאקן מפרשים בעפאר ער קען די גאנצע סוגיא, וועט ער די סוגיא שוין נישט קענען! ס'ווערט אויף אים א משא כבידה. די קונץ איז צו גיין מן הקל אל הכבד; אנהייבן גרינג און לייכט און אריינרוקן דאס שווערע אומבאמערקבאר. דער בריסקער רב פלעגט זאגן מ'דארף צוגעוואוינען דעם מח צו פארשטיין שנעל און גרינג. ווען א מגיד שיעור זאגט לאנגע משלים און צופיל הסברים צווישן יעדע דריי ווערטער פארמאכט דאס דעם מח. זאג דאס אפ לייכט און מיט קורצע ווערטער, און נאר שפעטער ווען ער האט דאס שוין איינגעזאפט אין זיך קענסטו צולייגן זאלץ מיט פעפער.

אפילו אין א פאל ווען מ'מוז יא קריטיקירן וועט דאס אבער נאר ארבעטן אויב דו ברענגסט קודם ארויס זיינע גוטע חלקים; דו ווייזט אים אז דו אנערקענסט און דו זעסט אין זיין וויכטיגע ראלע אין די זאך, נאכדעם קענסטו צולייגן אז אפשר וואלט דאס געווען נאך בעסער און שענער ווען מ'וואלט אויך געטון אזוי און אזוי. איינמאל דו האסט דאס געזאגט קענסטו איינציען דעם רינג נאך שטייפער און דאס ארויסברענגען אביסל שטארקער און שטרענגער, וויבאלד ס'האט זיך אנגעהויבן גוט. אבער גיי נישט צו ווייט! מאך נישט קאליע דעם גוטן אנהייב מיט'ן אריבערגיין צו א אטאקע אדער פארשעמען, זע דער גוטער טעם זאל בלייבן אין מויל. ווען דו זאגסט פאר דיין קינד נאכן איבערגיין דעם שיעור "**האסט זייער גוט געקענט, זע ווייטער אנצוהאלטן!**" וועט דאס מער ווירקן ווי ווען דו זאלסט זאגן "**האסט זייער**


בס"ד

# מנינ'י מנחה
## אין קרית יואל רבתי:

געדענקט די געוואלדיגע גרויסקייט פון "קרבנות בציבור" היט כלל ישראל פון אלע פגעים רעים און פון מגיפות רח"ל

**מנחה גדולה 12:45 בערך**
ביהמ"ד הגדול - 5 גארפיעלד
ביהמ"ד הגדול - 12 גארפיעלד
ביהמ"ד חרדים - פארעסט

**1:30**
בנין הת"ת - ראצפערט - ערשטן שטאק
Upstate Electronics 48 jeanne Dr. 12550
ת"ת בני יואל - 38 בני יואל דר. - קומה א'

**1:45**
שאפינג צענטער - פארעסט (2'טע שטאק)
ביהמ"ד חרדים - פארעסט
בית מרדכי - 16 געציל בערגער
ישיבת קול ארי' - 168 סעווען ספרינגס מאונטען

**1:50**
ביהמ"ד הוניאד - 2 רימאנוב
ת"ת בנין גאלדבערגער - לארקין - קומה א' כיתה #141
Elite Healthcare - 14 Raywood Dr.

**2:00**
ביהמ"ד הגדול - 5 גארפיעלד
ביהמ"ד הגדול 12 גארפיעלד - חדר דוד
ביהמ"ד בית יעקב - 2 דועלק
כולל דרך החיים 8 ווען ביורען
מבצר הכוללים - 16 גארפיעלד
אהל מרדכי טאהש - חדר נפתלי
בית מרדכי - 16 געציל בערגער
ביהמ"ד נעבליץ - 7 מירון
ת"ת בנין גאלדבערגער - היכל ביהמ"ד ברך משה
ווילעדזש אפיס - פארעסט
Business Center #1 - Suite #206
Chester Plastic 19 Industry Drive #100
Check O Matic - 308 Museum Village Rd.
Classic Tiles - 495 Rt. 208
Office Building - 5 Corporate Drive, Central Valley
360 NY Rt. 211 - Middletown 10940 (אינגאנצן אין די בעק פון בילדונג)
Best Source office supplies - 1673 NY-17M, Chester, NY 10918

**2:15**
ביהמ"ד הגדול 12 גארפיעלד - חדר דוד (למטה)
Ambex Resources- 326 Rt. 208 - 2'nd floor

**2:30**
ביהמ"ד הגדול - 5 גארפיעלד
118 River Rd. Suite #20, Harriman NY 10926
Fine Fixtures, 206 Wembly Rd, New Windsor, NY 12553

**2:45**
אבני צדק

**2:50**
כולל תורת חיים וויזשניץ - 18 דועלק עוו.

**3:00**
ביהמ"ד הגדול - 5 גארפיעלד
ביהמ"ד בית יעקב - 2 דועלק
אהל פיגא - דרוביטש
צדקת העיר אפיס - 15 ווען ביורען
בית מנחם זאב - אוסטרא
מינט-ליעף - מענגין קאר. 208
Hartman Design - 412 N. Main St.
Classic Tiles - 495 Rt. 208 Monroe
H&F Products Inc. - 12 Roosevelt Ave. Florida NY 10921
Print Center - 541 Rt. 17-M, Monroe
Stonegate Business Center - 2nd floor lobby - 2 Stonegate Drive


המשך >>>

המשך >>>

**3:10**

ת״ת בנין אברהם יאקאבאוויטש - 58 פארט ווארט
ישמח משה ברך משה חדר א׳

**3:15**

מבצר הכוללים - 16 גארפיעלד
כולל דרך החיים - 8 ווען ביורען
ישיבת נייטרא - טשעסטער
ישיבה גדולה וויזניץ - 17 סליפי האלאוי
Katz Gluten Free - 20 Industry Drive #95-B

**3:30**

ביהמ״ד הגדול - 5 גארפיעלד
ביהמ״ד חרדים - חדר מרדכי
ישיבה גדולה שער נפתלי Address: 54 Hardscrabble Rd, Chester NY
Brach & Mann - 254 Ninninger Rd. (conference room)
S&W Appliances - 101 Carpenter Pl., Monroe

**3:55**

בני יואל מצה בעקעריי - 156 עיקערס

**4:00**

ביהמ״ד הגדול - 5 גארפיעלד
Business Center #1 - Suite #401
Business Center #2 - 4th floor Lowes HVAC Suite #418

**4:30**

ביהמ״ד הגדול - 5 גארפיעלד
ביהמ״ד חרדים - חדר מרדכי
קרית יואל מצה בעקעריי - דינוב

**5:00**

כולל סאטמאר קרית יואל - 5 גארפיעלד
ביהמ״ד זלאטשוב - 144 Orange Turnpike
אהל פיגא - דרוביטש
Shlomie's Grocery - 1027 Rt. 17-M

**5:10**

ישיבה קטנה סאטמאר 148 New Windsor Highway, New Windsor, NY 12553

**5:20**

Monroe Cable Co. - 14 Commercial Avenue Middletown NY 10941
Snaxit - 475 NJ Rt. 4 west, Englewood, NJ 07631

**30 מינוט קודם זמן צאה״כ**

ביהמ״ד שארמאש - ארשיווע קט.

**20 מינוט קודם זמן צאה״כ**

הוניאד - רימאנוב קט.

**15 מינוט קודם זמן צאה״כ**

ביהמ״ד בית מרדכי לייב דקיט״ל - 16 פארעסט
ווילעדזש אפיס - פארעסט
בית שלמה יודא באגאד - טשעסטער
ביהמ״ד ישמח משה דקיט״ל
ביהמ״ד שארמאש - ארשיווע קט.
ביהמ״ד בית פנחס - 15 סאטמאר דר.
ביהמ״ד טארנא - מנין ב׳: 10 מינוט קודם זמן
בית יקותיאל דקיט״ל
ביהמ״ד שלום על ישראל - 19 ישראל זופניק
שערי תפלה - 4 העלף האלאו
ביהמ״ד זמיגראד - מענגין רד.
ביהמ״ד פויזנא - 372 לעיק שאור
זמיגראד - 55 מענגין
ראדאוויץ - 19 סיערס
משכן הסופרים - 151 Acres Rd.
ביהמ״ד אור החיים - 282 מאונטענוויו
ביזנעס צענטער #1 - 5׳טע שטאק
Sunnyside Grocery - Satmar Dr.
Business Center #2 - (52) - 4th floor
Classic Tiles - 495 Rt. 208
Excelforce - 1170 Route 17M, Chester, NY 10918
Professional square Business Center - 491 Rt. 208 Suite #310

צו אפדעיטן אדער צולייגן א מנין רופט אין אפיס 845.774.6234 און לאזט א מעסעדזש אויף #6
אדער שיקט א אימעיל צו: Mincha@KYWeekly.com

גוט געקענט, אבער זע נישט נאכצולאזן דערפון אזיווי לעצטענס..." דאס איז ווי א קוה! זי גיבט גוטע מילך און ווען דער פאס איז שוין פול גיבט זי א גוטע שטויס און די מילך גיסט זיך אויס...

דאס מציאות האט געוויזן אז אפילו גאר געלונגענע מחנכים און מנהיגים, מיט גוטע מעטאדן, אבער אויב זיי זענען שטארקע קריטיקירערס און זיי פארמאגן א שארפע שפראך, קלעבט נישט זייער חינוך און ס'ווערט נישט איינגעזאפט. אפילו ווען מיט זייערע גוטע פעהיגקייטן געלונגט זיי צו האלטן א שטרענגע דיסציפלין (אין ישיבה, חדר, ארבעטס פלאץ) וועט דאס אויסוועפן די רגע ווען ער דרייט אוועק זיין קאפ פאר א ווײַלע, ווייל ער ברענגט אויף זיך באהאלטענע האס און צארן. אויסער דעם וועלן זיינע פארשעמטע אדער קריטיקירטע קרבנות (מיט זייערע פאמיליעס און חברים) זוכן צו טרעפן אין אים פעלערס כדי צו פארשווארצן זיין פנים, ווייל זיי קענען דאס נישט אראפשלונגען און מוחל זיין. אז דו ווילסט אריינגעבן דארפסטו זיין גרייט צו אריינכאפן, די שאלה איז נאר ווער ס'קען בעסער, אבער ס'איז א געשלעג וואס איינער פארלירט.

ווען מען איז אבער ווייך און ליבליך, מ'רעדט נישט מיט כעס און אנגעצויגנקייט, קען מען נוצן ממש די זעלבע ווערטער וואס דער ערשטער זאגט אויף א וועג פון קריטיק, אלס א לויב, אויף א נוצבארע וועג. מסביר צו זיין וויאזוי מ'קען טון די זאך אויף א מוצלח'דיגע וועג, און וויאזוי אנדערע האבן מצליח געווען אויף דעם מהלך. ער רימט אויס ווי גוט ס'האט געארבעט ווען און ווי מ'האט אזוי געטון. דאס וועט מאכן א רייץ אז דער צוהערער זאל אויך וועלן אזוי טון, וויבאלד ער שפירט אז ער איז געשעצט, און ער וויל אנהאלטן דעם גוטן קשר און פריינטליכקייט, ער וויל דאס פארשטערקערן.

> די גייסט פון א מענטש איז דאס וואס מאכט אים טון אפי' גאר שווערע זאכן, און נישט טון אפילו גאר לייכטע זאכן

דו האסט אים נישט באריחט פערזענליך. אזוי קענסטו אים שפעטער זאגן - אפילו פערזענליך - "אפשר זאלסטו אויספרובירן דעם מהלך וואס מיר האבן אויסגעשמועסט נעכטן?!" עס הערט זיך גאר אנדערש און ס'ווירקט פיל מער. דער וואס זאגט אז די וועג ארבעט נישט האט דאס - מן הסתם - נאך נישט פרובירט, און אויב יא האט ער דאס נישט געטוהן ריכטיג און נאטורליך, ער האט געוואלט ס'זאל ארבעטן ווי מעדזשיק אויף די מינוט. גארנישט ארבעט אין א מינוט, יעדע זאך דארף זיך זעצן און זיך איינגלידערן.

אויב דו מאכסט א שמועס מיט'ן תלמיד/קינד/ארבייטער און דו ברענגסט ארויס די מעלה פון די זאך וואס דו ווילסט ס'זאל געטון ווערן, קענסטו נאכדעם ווען ס'פעלט אויס אים דערמאנען פון דעם שמועס, און אויספירן אז מ'דארף זען דאס אריינצוברענגען אין רעאליטעט - דאס מיינט דאס צו טון הלכה למעשה און פראקטיצירן, ווייל לא המדרש העיקר אלא המעשה. אויב א מאמע זאל זאגן פאר'ן קינד "גיי נישט ארויס ווינטער אן א סוועטער/מאנטל" קען נאך דאס קינד פארגעסן און זיך נאכלאזן דערפון. אבער אויב אין א שיינעם שמועס ברענגט זי ארויס ווי וויכטיג ס'איז פאר יעדן מענטש נישט צו פארגעסן און ארויסגיין ווינטער נישט ווארעם אנגעטון און ארומגענומען, ווייל אויב חלילה פארקילט מען זיך קען מען האבן פיבער און דארפן זיין צוגעבינדן צום בעט און מ'קען ברעכן און דארפן נעמען מעדעצין א.א.וו. נאכדעם אויב דאס קינד פארגעסט ווידער, קען מען אים דערמאנען "געדענקסט וואס מיר האבן נעכטן געשמועסט?" געוועגליך וועט ער פון זיך אליין געדענקען.

די הלכה זאגט אז ביי א דין תורה צווישן צוויי מענטשן, אויב האט דער דיין געזאגט לויב ווערטער אויף איינעם פון די צוויי, אדער ער האט מכבד געווען איינעם מער ווי דעם אנדערן, איז ער שוין פסול צו די דין תורה. ווייל דער אנדערער קען שוין נישט טענה'ען. זיין מויל ווערט פארמאכט. ער איז צוקלאפט געווארן זעענדיג אז דער צווייטער צד איז חשוב'ער אין די אויגן פונעם דיין. די פוסקים רייסן ארונטער די אומנארמאלע אויפירונג פון טוענים וואס קלאפן אראפ דעם צווייטן צד מיט פארשעמונג ווערטער וואס האט נישט קיין שייכות צום עצם דין תורה. אזא דין תורה איז פסול! אויב אזוי איז דאך זיכער אז ווען דו צוקלאפסט דעם תלמיד/קינד/ארבייטער און דו דערנידערסט זיין מוט, וועט ער שוין נישט קענען פארשטיין און טראכטן.

ס'איז געווען א מחנך וואס האט גערעדט צו מלמדים איבער דעם ענין, מ'זאל נישט באליידיגן די תלמידים, נישט אלעמאל דארף מען זיך וויסנדיג מאכן אינמיטן פארלערנען ווען זיי שפילן זיך מיט עפעס, בעסער קאנצענטריר דיר אין דעם שיעור אליין דאס צו מאכן אינטערעסאנט, און פארנעם נישט דיין מח מיט די קלייניקייטן, ווייל ווען דו זאגסט יעדן מינוט פאר'ן תלמיד לייג אוועק דיינע שמאנצעס א.א.וו. קען ער נישט געהעריג זיך קאנצענטרירן, ווייל דו האסט מיט אים א געפעכט שטילערהייט.

איין מלמד האט זיך געדינגען דערויף, דער מחנך האט אבער ווייטער געדרש'נט, אפאר מינוט שפעטער האט דער מלמד גענומען עטליכע קאפס וואס זענען געלעגן אויפ'ן טיש און זיי געדרייט אהער און אהין. פלוצלונג רופט זיך אן דער מחנך:

"אנטשולדיג מיר ר' מלמד איך האלט אינמיטן רעדן וויכטיגע זאכן און דו שפילסט זיך ארום מיט קאפס? ס'איז נישט קיין דרך ארץ!"

דער מלמד איז געווארן שטארק פארשעמט. אלע מלמדים אויפ'ן ארט האבן נישט פארשטאנען וואס וויל דא דער מחנך. דריי מינוט שפעטער, פרעגט דער מחנך נאכאמאל איבער דעם מלמד:

"האסט עפעס א הערה אויף דעם וואס מיר האבן גערעדט די לעצטע דריי מינוט?

ענטפערט דער מלמד: "איך וועל דיר זאגן דעם אמת, דו האסט מיר דא פארשעמט ברבים אומזיסט, האב איך מיר נישט געקענט קאנצענטרירן אויף דעם וואס דו דרשנ'סט דא!"

זאגט דער מחנך: "זיי מיר מוחל אבער איך האב

דאס געטון כדי דו זאלסט שפירן וואס עס פאסירט אינעם קינד'ס הערצעלע ווען דער מלמד פארשעמט אים אינמיטן שיעור מיט ענליכע ווערטער...!

דער בורא כל עולמים האט אריינגעבויעט זייער א שטארקע נאטור אין יעדן לעבעדיגער מענטש, אפילו אויב ער איז א עניו שטרעבט ער אבער צו זיין אנגענומען אין זיין סביבה, (אינדערהיים/ביהמ"ד/חברים/ארבעטס-פלאץ) ער וויל שפירן אז ער איז אנערקענט און געשעצט. ער פארנעמט אן ארט. ער איז נישט סתם נאך א שטיקל פלייש. ער האט הנאה צו הערן פון אנדערע אז ער איז עפעס ווערד, ער האט עפעס אויפגעטון. ווען נישט די נאטור וואלטן מענטשן זיך נישט אונטערגענומען אסאך שווערע און קאמפליצירטע פראיעקטן, נישט בגשמיות און נישט ברוחניות. די נאטור שטופט יעדן מענטש אויפצוטון. אויך ביי קליינע קינדער זעט מען שוין די נאטור, זיי מאכן קונצליכע זאכן מיט שפילערייען ווייל זיי ווארטן אויפ'ן קאמפלימענט.

מ'זעט אפילו אין די גמרא געוויסע אמוראים וואס האבן געזאגט 'תיתי לי' - ס'קומט זיך מיר אנערקענונג אז איך האב געטון די געוויסע זאך. (זיי האבן דאס געזאגט כדי מ'זאל זיך פון זיי אפלערנען.) דאס מיינט אז ס'איז נישט קיין גאוה ווען א מענטש אנערקענט אז ער האט געטוהן א גוטע זאך. ער האט עפעס פראדוצירט אינעם היינטיגן טאג. ס'איז נישט דורך מיט גארנישט. נישט סתם אזוי נאך א טאג געלעבט, נאר אסאך מער פון דעם; נאך א טאג אויפגעטון גרויסע זאכן, ערלעדיגט א שטיק עולם הבא, א שטיק חינוך פאר'ן עתיד, אריינגעברענגט אין מיר און אין מיינע קינדער הבנה אין א שטיקל תורה הקדושה, אביסל מוסר, משפיע געווען א שטיק חיות און השפעה פאר אלע עולמות און פאר די גאנצע בריאה דורך מיין לערנען און דאווענען און האבן הייליגע און ריינע מחשבות, און טון גשמיות לשם שמים א.א.וו.

בפרט ווען איינער טוט פארן ציבור וואס ער איז געווענליך שטארק אויסגעשטעלט צו קריטיק פון פארביטערטע אדער שלעכטע מענטשן (געווענליך מיט א שלייער פון קנאות און פאלשע פרומקייט), איז א חיוב אים מחזק צו זיין כדי ער זאל האבן געגוג ענערגיע און מוט צו קענען ווייטער אנגיין. ס'איז נישט מעגליך צו טון קיין שום ארבעט אויף די וועלט אויב מ'הערט נאר קריטיק און נישט כסדר'דיגע חיזוק. (אסאך פון די וואס גליטשן פון וועג ל"ע, די ערשטע זאך טוען זיי זיך אן מאדנע, אלעס כדי צו ציען אויפמערקזאמקייט - אטענשן, מ'זאל פון זיי שמועסן. ווייל דאס פעלט זיי ליידער. זיי האבן דאס נישט באקומען אויף די ריכטיגע וועג. ס'איז דא קינדער וואס מאכן שטיקלעך, זיי ווייסן אז מ'וועט זיי באשטראפן, אבער זיי ווילן אויפמערקזאמקייט מ'זאל וויסן אז זיי זענען דא.)

יעצט ווילן מיר צו קומען צום עיקר: לפי זה קענסטו גוט אויסנוצן דעם נאטור פאר א גאר וויכטיגע צוועק; צוצוברענגן א צווייטנס גרייטקייט צו מקבל זיין פון דיר. דאס איז א כלל גדול סיי ביי שלום בית, סיי ביי חינוך, סיי ביי אן ארבעטס-געבער, סיי א רב אין א שול אד"ג, ווען דו אנערקענסט יענעם, אדער זאגסט אים א גוט ווארט אויף זיינע קינדער אד"ג, וועט יענער באקומען א גוטע געפיל און ער וועט גרייט זיין צו טון לכבוד דעם אפילו גאר שווערע זאכן, אלעס ווייל דו האסט אריינגעבלאזן אין אים חיות און קוראזש. ווען דו קלאפסט יענעם אראפ און דו פאטשט אים אפ ווייל ער האט געזאגט א נארישקייט אדער געטון אן אומרעכט, פארלירט ער דעם חיות און ווערט נאכגעלאזן און דאן קען ער נישט טון אפילו גרינגע זאכן. די גייסט פון א מענטש איז דאס וואס מאכט אים טון אפי' גאר שווערע זאכן, און נישט טון אפילו גאר גרינגע זאכן.

# פאר איין קינד האב איך געזאגט אז ער איז בעל גאוה, פאר'ן צווייטן אז ער איז א בעסן. איך האב תיבף געזעהן אויף זייער פנים אז ס'האט זיי ווייי געטאן

וואס גייט דיר אן אז יענער מיינט ער איז גערעכט? פארוואס דארפסטו אים אויפווייזן אז ער האט א טעות? ס'איז נישט אזא גרויסע פעלער ווען ער וועט זיך האלטן ביי זיין טעות, ווי די גרויסע אויפטו אויב ער וועט מיינען אז ער האט געזאגט עפעס א מורא'דיגע חכמה! נישט יעדע קריטיק דארף געזאגט ווערן! און ווען עס ברויך יא געזאגט ווערן דארף דאס זיין ארומגעפאקט מיט ווייכע וואטע אדער ספאנדזש אזוי ווי מ'פאקט איין אן אתרוג. דו דארפסט געדענקן אז געפילן ארבעטן שטארקער ווי לאגישע שכל. אויב שפירט ער פון דיר באליידיגט און געשטאכן, וועלן אלע דיינע לאגישע הסברים נישט אריינגיין אין אים.

צו פארשעמען און קריטיקירן דארף מען נישט קיין קלוגשאפט! וועגן דעם טוען דאס רוב נער'נים אדער שלעכטע מענטשן. צו זיין העפליך און נאכגעביג, הייבן און מחזק זיין, דארף מען זיין א גוטע כאראקטער, האבן זעלבסט קאנטראל און זיין קלוג! דאס גרויסקייט פון א מענטש זעט זיך אן ווי אזוי ער באהאנדלט מענטשן וואס זענען אונטער אים. צו ער זוכט צו הערשן און באלעבאטעווען און זיך אויפטון, אדער ס'גייט אים נישט אן נאר זייער תועלת, גארנישט מער. ער מישט נישט אריין זיינע נגיעות וואס ווערן געטריבן פון שטאלץ און כבוד אפילו נאר דקה מן הדקה וואס דאס איז זייער א שווערע נסיון אפילו פאר גרויסע קלוגע מענטשן. ס'איז נישט גרינג נישט אריינצופאלן אין די האנט פון יצר הרע וואס קלוגט איבער דו קלוגסטע, און ער רעדט זיי איין אז זיי מיינען לשם שמים און וועט ברענגען פארשידענע ראיות אז ער מוז רעדן שארף און יענעם ארונטער רייסן, מיט א פאלשע קנאות אד"ג.

דאס ערשטע זאך, כדי צו קענען אפילו אנהייבן טראכטן פון קריטיקירן א צווייטן, דארף מען זיך קודם אריינלייגן אין יענעמ'ס מצב! ווי די משנה זאגט 'אל תדין את חבירך עד שתגיע למקומו', ווי אלט איז דיין קינד אדער תלמיד און ווי אלט ביסטו? ווען דו ביסט געווען אין די יארן האסטו שוין געהאט דעם שכל וואס דו האסט יעצט? האסטו נישט געטון ענליכע פעלערס? פארוואס ערווארטסטו פון דיין קינד ער זאל שוין זיין ערוואקסן און נישט באגיין קיינע פעלערס ווען ער איז נאך יונג? וויפיל זאכן וואלט מען דיר געקענט קריטיקירן אפילו היינט, אויב מ'וואלט געוואוסט דיין גאנצע הלך ילדך?

בעפאר מען פארדאמט א מענטש (תלמיד/חבר/ארבייטער) דארף מען דערגיין פארוואס טוט ער דאס. וואס שטופט אים דערצו. דעמאלט וועסטו האפנטליך האבן די ריכטיגע וועג ווי אזוי אים אויפצוקלערן דאס ריכטיגע אן דעם וואס דו זאלסט אים דארפן פארדאמען.

דער הייליגער שינאווער רב זי"ע זאגט אויף די משנה (אבות) אל תהי בז 'לכל' אדם - ווען דו האסט צו זאגן קריטיק אויף איינעם, מאך אים נישט אינגאנצן אוועק, ער קען זיין זייער וואויל און פיין, נישט מער ווי ער האט עפעס א שוואכקייט. ברענג ארויס זיינע מעלות כדי ס'זאל נישט אויסזען ווי דו זעסט נאר זיין שוואכקייט, און נאר דערנאך קענסטו אים מעורר זיין. ירמי' הנביא ווען ער זאגט מוסר פאר אידן (קאפיטל א,ב) האקט ער אריין אינמיטן מיט'ן פסוק 'זכרתי לך חסד נעוריך אהבת כלולתיך'. דאס מיינט ארויסגעברענגט זייערע געוואלדיגע מעלות כדי די תוכחה זאל נתקבל ווערן.

איך האב פרובירט עטליכע מאל מיט קינדער צו זען ווי אזוי זיי נעמען אויף קריטיק, אפילו ווען איך האב זיי געזאגט פון פאראויס אז ס'איז נישט מער ווי א שפיל, איך וויל זיי נאר אויספרובירן צו זיי זענען סענסעטיוו, און זיי האבן מסכים געווען אז איך זאל זיי קריטיקירן. פאר איינעם האב איך געזאגט אז ער איז בעל גאוה, פאר'ן צווייטן אז ער איז א כעסן. איך האב גראד געזעהן אויף זייער פנים אז ס'האט זיי וויי געטאן. האב איך זיי געזאגט אז באמת האב איך נישט קיין אהנונג אויב זיי האבן די מדות. זיי האבן אפילו געזאגט אז זיי האבן דאס יא, און פארדעם האט דאס זיי געאהרט. אבער זיי האבן זיך נישט באליידיגט, ווייל זיי האבן געטראכט אז איך קען נישט וויסן דערפון. למעשה האבן זיי מיר מודה געווען נאכדעם אז זיי האבן באמת יא געשפירט באליידיגט כאטש קודם האבן זיי דאס געזוכט צו באהאלטן, כאילו זיי האבן זיך בכלל נישט באליידיגט. אזוי איז דאס, די געפילן זענען העכער דעם שכל.

ווען א קינד ברענגט ארויף א געדאנק אין לערנען אדער אין מחשבה-השקפה אד"ג, זיי דאס מחשיב און שמועס דאס אויס כאטש ס'איז באמת נער'יש, ווייל דאן וועט ער באקומען אמביציע צו טראכטן און מחדש זיין נאך זאכן. אויב ס'איז א זאך וואס דו האלטסט אז מ'קען אים נישט לאזן מיט זיין פאלשע געדאנק, ווייל ס'איז נוגע אין הלכה אד"ג, האסטו צייט נאכדעם צו זאגן דיין געדאנק איז טאקע שיין, אבער אויף למעשה קען מען טראכטן אנדערש און ערקלער אים די ריכטיגע וועג. אזוי וועט ער דאס אננעמען ענדערש ווי ווען דו וואלסט אים גראד קריטיקירט. אבער טאמער ס'איז נישט קיין נפקא מינה לאז אים מיט זיין געדאנק. גיב אים די גוטע געפיל אז ער איז גערעכט. וואס גייט דאס דיר אן אים אויפצווייזן זיין קרומקייט?!

מיר וועלן ענדיגן מיט די רייד פונעם הייליגן חזון איש (אמונה ובטחון פרק ד' אות ט"ז): דער וועג וויאזוי די מוסר ווערט געזאגט, דאס אליין איז א גאנצע שיעור פון חינוך פאר'ן קינד! אויב ס'איז איידל און בא'טעמ'ט, רואיג און צוגעלאזן, באגלייט מיט מדות טובות, דאן ווערט דאס איינגעזאפט אין דעם צוהערער, אבער אויב ווערט באגלייט דערמיט שלעכטע מדות פונעם מחנך; כעס, שטאלץ, פארשעמען, געשרייען, נישט איידעלע ווערטער וכדו' לערנט זיך דער תלמיד שלעכטע מדות, נישט דער מוסר וואס דער מחנך זאגט, מעג דאס זיין די בעסטע און שענסטע מוסר, עיי"ש לשונו הזהב.

מיר בעטן פון בורא כל העולמים ריכטיג צו קענען מחנך זיין זיך אליין און צוזאמען מיט אונז די וואס זענען אנגעוואנדן אין אונז, אמן כן יהי רצון.


אין די ראַמען פון דעם קאָלום ווערט געגעבן די געלעגנהייט פאַר די "וואָכנשריפט" ליינער צו אַריינשיקן אַלע סאָרט שאלות און פראַגעס בעניני השקפה, וואָס ווערט אַדרעסירט לויט'ן סדר, און געענטפערט בטוב טעם ודעת דורך דער חשוב'ער דיין שליט"א
**מען קען אַריינשיקן סיי וועלכע אָנפראַגע אָדער שאלה דורך דעם טעלעפאָן נומער 845.774.6234 עקס. 6**
**אָדער אויף אימעיל Questions@kyweekly.com**





OWL SECURITY
אברהם יהושע בינער | 845.782.8090
sales@owlsecurityinc.com



#49

# די תפיסה וועט פארציילן...

# 11 יאר אין טורמע; דאָס איז מיין פערזענליכע תפקיד פון השי"ת אַליינס

**ריירנדע שילדערונגען און בריוו פון האי איש חסיד הנכבד, ידיד כל בית ישראל, הרה"ח רבי נחמי' צבי בן דינה וועבערמאַן שליט"א**

## אָבער וואו בין איך זעלבסט?!

דער הייליגער **דברי חיים** זי"ע פלעגט דערציילן די מעשה ביי די הייליגע חנוכה ליכט:

ס'איז אַמאָל געווען אַ מענטש וואָס פלעגט פאַרגעסן זאַכן אַזוי שטאַרק אַז ער האָט אפילו פאַרגעסן וואו ער האָט געלייגט זיינע וועש... יעדן אינדערפרי פלעגט ער זיין פאַרנומען שעות צו זוכן זיינע קליידער, שיך, א.א.וו.

אַלזאָ איינער האָט אים געגעבן אַן עצה אַז ער זאָל אַראָפּשרייבן אויף אַ פּאַפּיר: "מיין העמד איז אויף די בענקל, מיין הויזן איז העכער דעם, מיינע שיך זענען אונטער דעם בעט". אינדערפרי, וועט ער נאָכפּאָלגן דעם פּאַפּיר און אַזוי וועט ער געדענקן אַלעס.

אָקעי, ער האָט טאַקע אַזוי געטון: "מיין העמד ליגט אויפ'ן בענקל, מיין הויזן איז העכער דעם, מיין שיך אונטער די בעט, און "איך ליג אין בעט"...

ער וועקט זיך אויף און פּאָלגט נאָך דעם צעטל און אַלעס איז טאַקע פּערפעקט, ער האָט אַלעס געטראָפן אויפ'ן פּלאַץ.

אָבער נאָכדעם קוקט ער אין דעם צעטל און ער זעט אַז ס'שטייט דאָרט "איך ליג אין בעט". ער הייבט אן זוכן און ער קען זיך נישט געפינען!! ער גייט נאָכאַמאָל איבער דעם צעטל, ער זוכט אַהער און אַהין אָבער ער איז נישטאָ!

ווען דער הייליגער דברי חיים האָט דאָס דערציילט האָט ער געוואָרפן זיין קאָפּ הונטער דעם שטיל וואו ער איז געזיצן און געשריגן: **"וואו בין איך? איך קען זיך נישט געפינען!".**

נאָכדעם האָט ער געזאָגט מיט קולות וברקים: "איך קען זיך נישט טרעפן ווייל איך בין אין די הענט פון השי"ת. און ער ווייסט וואו איך זאָל זיין! בלויז ער ווייסט וואו אַ מענטש זאָל זיין!!"

## וַאֲנַחְנוּ לֹא נֵדַע מַה נַּעֲבֹד אֶת ה' עַד בֹּאֵנוּ שָׁמָּה.

נאָך די 9'טע מכה וואָס דער רבוש"ע האָט געשיקט פאר פרעה, האָט פרעה זיך ענדליך אונטערגעגעבן. ער שלאָגט פאָר פאַר משה רבינו אַז ער קען אַרויסגיין מיט די גרויסע מענטשן און די קליינע קינדער. ער פאַרלאַנגט בלויז אַז די בהמות זאלן בלייבן אין מצרים.

אָבער משה רבינו ענטפערט אים: נישט בלויז וועלן מיר מיטנעמען אַלע בהמות, נאר דו וועסט אונז נאָך צוגעבן עולות און זבחים. "וְגַם מִקְנֵנוּ יֵלֵךְ עִמָּנוּ לֹא תִשָּׁאֵר פַּרְסָה כִּי מִמֶּנּוּ נִקַּח לַעֲבֹד אֶת ה'", פאַרוואָס טאַקע?! ווייל "**וַאֲנַחְנוּ לֹא נֵדַע מַה נַּעֲבֹד אֶת ה' עַד בֹּאֵנוּ שָׁמָּה**" - מיר ווייסן נישט וויפיל מיר וועלן דאַרפן דינען השי"ת ביז מיר קומען אן דאָרט.

וַיְחַזֵּק ה' אֶת לֵב פַּרְעֹה וְלֹא אָבָה לְשַׁלְּחָם - ווען פרעה האָט דאָס געהערט האָט ער זיי נישט געוואָלט מער אַרויסשיקן.

לכאורה איז דאָס אַן אינטערעסאַנטע טענה פון משה רבינו. מיר דאַרפן האָבן אַלע בהמות מיט זיך, ווייל מיר זענען נישט זיכער וויאַזוי מיר וועלן דינען השי"ת ביז מיר וועלן אָנקומען צו אונזער תכלית העבודה. דער רבוש"ע וועט מעגליך בעטן מער בהמות.

וואָס איז פשט פון די ווערטער? אויב האָט דאָס משה רבינו געמיינט ערנסט פאַרוואָס האָט אים נישט פרעה געזאָגט אַז ער זאָל פרעגן השי"ת וויפיל בהמות מדארף האָבן? און פאַרוואָס נאָך די ווערטער פון משה האָט פרעה פלוצים געהאַט אַ טויש אין זיין האַרץ נאָכאַמאָל, און ער האָט באַשלאָסן צו בלייבן פאַר'עקשנ'ט?

## מיר קענען נישט וויסן אונזער תפקיד אויף דער וועלט

דער הייליגער חידושי הרי"ם גיט אונז אַ געוואַלדיגע פשט אין די דאָזיגע ווערטער: **וַאֲנַחְנוּ לֹא נֵדַע מַה נַּעֲבֹד אֶת ה' עַד בֹּאֵנוּ שָׁמָּה" - מיר ווייסן נישט וויאַזוי מיר וועלן דינען השי"ת ביז מיר וועלן אָנקומען דאָרט.**

דער חידושי הרי"ם איז מסביר אַז דאָס גייט אַרויף אויף יעדן איד, אין יעדן דור! ווען אַ איד פרעגט זיך די קשיא: "וואָס איז מיין תכלית אויף דער וועלט?!" דאַרף די ענטפער זיין: "**וַאֲנַחְנוּ לֹא נֵדַע מַה נַּעֲבֹד אֶת ה' עַד בֹּאֵנוּ שָׁמָּה" - מיר ווייסן נישט וויאַזוי מיר וועלן דינען השי"ת ביז מיר וועלן אָנקומען דאָרט.**

דאָס מיינט אַז ס'איז נישטאָ קיין שום וועג וויאַזוי מיר קענען וויסן וואָס איז אונזער תכלית פון לעבן און וואָס פאַראַ סאָרט עבודת ה' מיר דאַרפן טון. "עד בואינו שמה", ביז מיר וועלן זען די גאַנצע פולע בילד אין היסטאָריע, ווען מיר וועלן פאַרשטיין די אמת'ע באַדייט פון אונזער לעבן דאָ אויף דער וועלט.

ס'איז אונז אָפט שווער צו מסביר זיין וואָס-לויט אונזער מחשבה - דער רבוש"ע וויל פון אונז, וויאַזוי מיר זאָלן אים דינען. צומאָל האָבן מיר זיך אַליין באַשאַפן אַ בילד כאילו וואָס השי"ת וויל פון אונז, אָבער באמת איז עס: **"וַאֲנַחְנוּ לֹא נֵדַע מַה נַּעֲבֹד אֶת ה' עַד בֹּאֵנוּ שָׁמָּה" - מיר ווייסן נישט וויאַזוי מיר וועלן דינען השי"ת ביז מיר וועלן אָנקומען דאָרט.**

## אמת'ע חשיבות איז נישט געמאָסטן מיט גרויסע פעולות

מיר ווייסן קיינמאָל נישט פולקאָם וואָס דער רבוש"ע וויל פון אונז, וויאַזוי ער וויל מיר זאָלן אים דינען. צומאָל גייען מיר דורך פאַרשידענע ערפאַרונגען אין לעבן וואָס מיר מיינען דעמאָלט אַז דער רבוש"ע ערוואַרטעט עפּעס גאָר שווער

פון יעדן פון אונז, אָבער באמת קען זיין צומאָל קליינע פעולות, מינדערוויכטיגע נצחונות, וואָס מיר באַטראַכטן דאָס כאילו ס'איז ניטאַמאָל ווערט דאָס צו נאָטירן און אַוועקגעבן מחשבה דערפאַר. **אָבער טאַקע דאָס וויל יעצט דער איבערשטער פון אונז!**

מיר לעבן אין א געזעלשאפט, וואו 'גרויסקייט' און 'חשיבות' ווערט געמאסטן לויט די אַנערקענונג פון אַנדערע. אַ גוטע זאַך איז בלויז אויב אַנדערע מענטשן מאַכן שפּירן גוט ווען מען טוט עס. מצוות און מעשים טובים דאַרפן מאַכן נייעס ווי צ.ב.ש. מנדב זיין גרויסע בנינים, אדער ווערן א דיין, אדער סיי וועלכע זאַך וואָס מאַכט אַסאַך טומל און אַדווערטייזמענט.

אָבער דאָס איז נישט אַלעמאָל די אמת. דאָס וואָס קוקט אויס פאַר אונז 'גאָרנישט' און 'קליין', קען איין טאָג זיך אַרויסשטעלן צו זיין 'געוואַלדיג' און מאַכן אַן אומבאַשרייבליכע רושם!

**וַאֲנַחְנוּ לֹא נֵדַע מַה נַּעֲבֹד אֶת ה' עַד בֹּאֵנוּ שָׁמָּה" - מיר ווייסן נישט וויאַזוי מיר וועלן דינען השי"ת ביז מיר וועלן אָנקומען דאָרט.**

ווען מיר וועלן אָנקומען דאָרט! צו דער קומענדיגער וועלט, עולם הבא אָדער ימות המשיח, **וועלן מיר זען זאַכן זייער אַנדערש!** וואָס קען אויסזען ווי אַן אומזינסטע קאַמף קען זיך איבערדרייען צו זיין א טיפע און אייביגע תועלת!

## די גרעסטע עבודת ה' איז פון די פּנימיות'דיגע קליינע התגברות היתר

אין ספר הק' **'תניא'** (פּרק כ"ז) שטייט אַז די אמת'דיגע עבודת ה' פּאַסירט אין די אינערליכע קעמערלעך פון דאָס מענטשליכע הארץ.

ווען איך קאָנטראָליר זיך פון אַ נסיון, נישט אַריינצוגיין אין קיין כעס אויפברויז, נישט זיך צו פאַרלירן און נישט צו שרייען, דעמאָלט קענען אַנדערע מענטשן דאָס נישט זען! קיין **שום מענטש ווייסט נישט דערפון! אָבער דאָס איז אַן אמת'ע פעולה פון עבודת ה'.** אַזוי זאָגט דער הייליגער תניא.

## זיך געשטעלט טאַנצן נאָכ'ן דורכגיין די גאַס מיט ריינע אויגן

די אַלטע קאַרלינער חסידים אין ירושלים, ווען זיי זענען אָנגעקומען אין בית המדרש, נאָכ'ן דורכגיין די הויפּט גאס און קאָנטראָלירן זייערע אויגן פון אַלע נסיונות, זענען זיי אַריינגעקומען **און זיך אַרויסגעלאָזט אין אַ טאַנץ צו פייערן זייער רוחניות'דיגע נצחון.**

היינט צוטאָגס איז דאָס אַ פאַרלוירענע טאַלאַנט! **מיר טוען נישט מחשיב זיין אונזערע קליינע נצחונות.** אָדער בין איך אַ וועלט באַקאַנטער העלד, אַ צדיק, איך קויף אן אתרוג פאר טויזנט דאָלער און כ'קום אין שול דערמיט "בלויז לשם שמים". אָדער בין איך אַ 'לאָזער'...

**אָבער דאָס איז נישט אמת!** ווען דו האסט אַ גוטע געפיל אין האַרץ, ווען דו צעברעכסט אַ שלעכטע מדה, ווען דו האַלטסט זיך צוריק פון אַ נישט גוטע געוואוינהייט, ווען דו צעברעכסט דיין עגאָ, ווען דו טוסט אַ טובה פאר אן אַנדערער איד, ווען דו זאָגסט אַ גוט וואָרט פאר אַ פאַרוויטאָגטע נשמה, ווען דו גייסט נישט נאָך דיינע אדיקשענס, ווען דו זאָגסט אַ ברכה אָדער אַ קאַפּיטל תהלים מיט כוונה, **איז דאָס אַ געטליכע עבודת ה' וואָס מיר כאַפּן ניטאַמאָל די חשיבות דערפון!** דאָס איז דער ציל און דער תכלית פון אונזער גאַנצע עקזיסטענץ אויף דער בריאה!

לאָמיר קוקן אויף יוסף הצדיק: צוליב דעם וואָס ער איז בייגעשטאַנען זיינע נסיונות, מיט עטליכע קליינע פעולות, ווען ער איז געווען אַ קנעכט פאר פוטיפר און אין תפיסה, איז ער געוואָרן דער משנה למלך פון מצרים און געראַטעוועט אַלע אידן און די גאַנצע וועלט!

## עליונים למטה ותחתונים למעלה

די גמרא אין מסכת בבא בתרא דף י' ע"ב דערציילט אַ מורא'דיגע זאַך. עס לוינט זיך נאָכצוקוקן די גמרא אינעווייניג, אותיות מחכימות.

**"יוסף בריה דר' יהושע חלש, איניגיד. אמר ליה אבוה, 'מאי חזית'?, אמר ליה 'עולם הפוך ראיתי' עליונים למטה ותחתונים למעלה', אמר ליה 'עולם ברור ראית'.**

יוסף בן רבי יהושע איז קראנק געוואָרן און ער האָט פאַרלוירן זיין באַוואוסטזיין, ער איז שוין געווען ממש ביים שוועל פון נפטר ווערן ה"י. ווען ער איז צוריקגעקומען צום לעבן האָט אים זיין פאָטער געפרעגט, וואָס האָט ער געזען אויף יענע וועלט, האָט יוסף געענטפערט: "איך האָב געזען אַ פאַרקערטע וועלט. די וואָס זענען געווען דאָ אויף דער שפּיץ הויכקייט זענען דאָרט געווען גאַנץ אונטן, ווידער די וואָס זענען געווען נידריג אויף דער וועלט זענען זייער חשוב און אויבנאָן אויף דער אמת'ער וועלט". האָט אים זיין פאָטער געזאָגט: "אַ קלאָרע וועלט האָסטו געזען!"

## אונזער בליק דאָ אויף דער וועלט איז אַסאַך מאָל נישט ריכטיג

מיר זען זאַכן פונקט קאַפּויער אין אונזער וועלט! מיר טוען אָפט מחליט זיין וואָס איז די ריכטיגע וועג צו דינען דעם רבוש"ע. מיר דעפינירן עבודת ה' לויט אונזער קעסטל, אָבער נישט שטענדיג איז עס טאַקע אַזוי!

דאָ אויף דער וועלט קענען מיר קוקן אויף זאַכן כאילו דאָס איז גאָר חשוב, אָבער אויף יענע וועלט וועט זיך אַרויסשטעלן אַז ס'איז בכלל נישט אַזוי חשוב!

אויף אונזער וועלט קענען מיר קוקן אויף געוויסע פעולות און שפּירן אַז ס'איז ווערטלאז, אָבער אין דער אמת'ער וועלט וועלן מיר זיך איבערצייגן אַז דאָס איז געווען אַן אַקט וואָס איז געווען אַזוי וויכטיג און געשעצט!

## דאָס שוואַכע קינד האָט דאָ אַ ספּעציעלע שליחות

דאָס איז אויך נוגע ביי קינדער וואָס מוטשען זיך, וואָס מיר רופן "טראָבל מעיקערס". **זיי האָבן אַן אַנדערע וועג און אַן אַנדערע ציל.** מיר דאַרפן זיין זייער סענסיטיוו צו זייערע מצבים. מעגליך זענען זיי אַראָפּגעשיקט געוואָרן אויף אַ ספּעציעלע שליחות!

משה רבינו האָט לאַנגע יאָרן נישט געוואוסט פאַרוואָס ער איז געוואָרן באַרויבט פון זיין מאַמע'ס אָרעמעס, אים צו ברענגען צום קעניגליכן פּאַלאַץ, בשעת זיין גאַנצע משפחה איז געבליבן אין זייער אייגענע היים.

מיר ווייסן נישט די פּלאַץ וואו מיר דאַרפן גיין. דער אויבערשטער שיקט סיבות פאר מענטשן, אַז ס'זאָל זיי פּאַסירן אַסאַך שוועריקייטן, ווייל **אַזוי קומען זיי אָן אויפ'ן ריכטיגן פּלאַץ ביים ענדע!** דער טאַטע און די מאַמע וואָס מוטשן זיך מיט קינדער, דאַרפן אַנערקענען דעם אמת אַז זייער וועג איז אייגנאַרטיג און ספּעציעל.

## די לעצטע 11 יאָר בין איך אויף אַ שליחות

דאָס זעלבע איז גילטיג אויף מיר אין מיין מצב:

**במשך די לעצטע 11 יאָר זאָג איך זיך אליינס אַז איך בין אויף אַ שליחות,** וואָס איך וועל קיינמאָל נישט וויסן וואָס דאָס איז, ביז איך וועל אָנקומען צו מיין ענדגילטיגע דעסטינאַציע.

אפילו אַזעלכע מצבים וואָס קוקט אויס זייער פיינפול קען זיך ענדיגן מיט געשמאַקע און פרייליכע צייטן!

איך וועל זיך ערלויבן צו זאָגן אַז דאָס איז גילטיג אויך אויף פאַמיליעס וואָס גייען נעבעך דורך מיט קינדער, מיט אַזויפיל סאָרט מחלות. טייערע עלטערן: נעמט דאָס אַלס אייער מיסיע! דאָס איז אייער שליחות פון דעם באַשעפער אַליין! ווייל נאָר ער ווייסט פאַרוואָס איר זענט אויסגעקליבן געוואָרן דאָס צו אַריבערגיין!

דאָס זעלבע טו איך געטרויען דעם רבוש"ע, וואָס האָט געמאַכט דעם באַשלוס פאר מיר, איך דאַנק דיר השי"ת!

## אַ קליינע שריט וואָס האָט געטוישט די וועלט אויף אייביג

די טאכטער פון פרעה האָט נישט געוואוסט אַז דורכדעם וואָס זי וועט נעמען דעם קעסטל און ראטעווען א קליין אידיש קינד, האט זי דערמיט טראַנספאָרמירט היסטאָריע אויף אייביג. זי האָט געראַטעוועט דאָס יונגל וואָס גייט אומוואַרפן איר פאטער'ס אימפעריע און זיין ברוטאַלע אונטערדריקונג! **זי האט געגעבן פאר דער וועלט די גרעסטע מתנה וואָס קען נאר זיין, די מתנה פון דער תורה!**

דאָס איז געווען איר תכלית אויף דער וועלט, אבער זי האט נישט געהאט קיין אנונג וואס ס'טוט דאָ: **וַאֲנַחְנוּ לֹא נֵדַע מַה נַּעֲבֹד אֶת ה' עַד בֹּאֵנוּ שָׁמָּה" - מיר ווייסן נישט וויאַזוי מיר וועלן דינען השי"ת ביז מיר וועלן אָנקומען דאָרט.**

שפּעטער, ווען דאָס קליין קינד איז אויפגעוואַקסן, ווייסט ער שוין גוט וואָס דאָ האָט פּאַסירט און ער פאַרציילט אונז דעם הייליגן יסוד: **וַאֲנַחְנוּ לֹא נֵדַע מַה נַּעֲבֹד אֶת ה' עַד בֹּאֵנוּ שָׁמָּה" - מיר ווייסן נישט וויאַזוי מיר וועלן דינען השי"ת ביז מיר וועלן אָנקומען דאָרט.**

מיר ווייסן קיינמאָל נישט די אמת'ע באַדייט און די ריכטיגע חשיבות פון אַ גוטע שריט, בלויז השי"ת ווייסט און דאָס איז גענוג!

## די מחלוקה צווישן משה רבינו און פּרעה

מיט דעם אידישן בליק איז די ערשטע און וויכטיגסטע עבודת ה', דיין אייגענע פּערזענליכע באַציאונגען מיט השי"ת! אַלעס וואָס מיר טוען איז צו ווערן נאָנטער צו השי"ת! **יעדע קליינע מחשבה דיבור און מעשה איז זייער ווערטפול און ברענגט טיפע רעזולטאַטן!**

פּרעה קען דאָס אָבער נישט פארנעמען. ביי אים זענען מענטשן בלויז קנעכט וואָס דאַרפן בלויז 'אריינפיטן' אין אַ צירקל. לויט פּרעה זענען מיר אַלע משועבד צו אַן ענדלאָזע רוטין. פּרעה קען נישט מחשיב זיין דעם אמת וואָס משה רבינו רופט אויס אַז "יעדע קליינע טריט איז פּאַקטיש אַ ריזיגע שפּרינג פאר מענטשהייט".

אין משה'ס וועלט ווערט גערעכנט יעדע שפּעפעלע און יעדע ציגעלע. **יעדע פעולה פון עבודת ה' איז באַדייטנד!** אונזער לעבן דרייט זיך אַרום אונזער פּערזענליכע קשר און שייכות מיט אונזער לעבעדיגע באַשעפער. מינוט נאָך מינוט, פּעולה נאָך פּעולה!

אַ לעכטיגן שבת!

ווען איך מאַך זיך גרייט צו מקבל זיין דעם הייליגן שבת מאַכט דאָס מיך שמייכלן.

אַ גוט שבת, נחמי'

**יעדע תפלה מאכט א רושם אין הימל!**

**זייט מתפלל אז נחמי' צבי בן דינה זאל באפרייט ווערן פון תפיסה בקרוב**

# קרית יואל אקאנאמיע - ביזנעס צענטער #6







טראקטארן אנגעהויבן די גראב ארבעט אויפצובויען גיגאנטישן 'עקזעקיוטיוו סירקל' אויפן רוט 208 קארנער מאונטען

# גאלדען טאווער דירות פראיעקט





בניני המוסדות ווערט געזעהן פון אלע עקן שטאט בשעת בוי' ארבעט אויף ווייטער





ערשטע פונדאמענט ווערט געגאסן אינעם גאלדען טאווער'ס פראיעקט
קאנסטרוקציע טראקס באנוצן זיך מיט'ן נייעם ראוד פון די קעי. דזשעי. פאלטרי' טראקס ספעציעל געבויעט צו פארמינערן די טראפיק וואס די פלייש טראקס פלעגן מאכן אויף בעיקערטאון ראוד






# הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א באזוכט אין ישיבה תורת משה מאנטריאל - סניף ב'



הרה"ג ר' אלתר וואגשאל שליט"א ראש הישיבהביים מקבל זיין דעם רב שליט"א



הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א ביים איבערגעבן א שמועס מיט חיזוק און הדרכה פאר די חשוב'ע תלמידים

# בנין החדש - 5'טע מחנה רב טוב




פראכטפולער 'קומת אייזענבערג' אין נייעם 'בנין אינזליכט' וועט פאראייביגן זכרון טוב פון הרה"ח ר' שמואל צבי אייזענבערג ז"ל אינעם נייעם 5'טע קעמפ פון 'מחנה רב טוב'



הרה"ח ר' שמואל צבי אייזענבערג ז"ל זיצנדיג אויפן בימת הכבוד נעבן כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לידו פונעם מנהל המחנות יבלחט"א הרה"ג רבי דוד הכהן ראזענבערג שליט"א ביי א קבלת פנים בקרב המחנה

# ווילעדזש סאניטאציע







ווילעדזש סאניטאציע דעפארטמענט מיט ליפלעטן אין קארס פארקירט פארנט פון די גארבידזש הייזער. גלייכצייטיג דינט דאס אלס אויפוואכונג קעגן אפענע קאר טירן...

# ביהמ"ד בית יעקב נחמי' דקיט"ל



געפאקטער היכל ביי סדר אבות ובנים אינעם ביהמ"ד בית יעקב נחמי' דקיט"ל



ספעציעל גרעסערע סייז קארס ווערן אויסגעראפלט צו קענען ארייננגיין אינעם 'היטשט און געווינט' גורל ביים גיבן א רייד פאר'ן חבר...

# עיקערס - העיס שארט-קאט



נייע שטיגן געגאסן אנשטאט די ביז יעצטיגע גאר שיפע בארג ביים שארט-קאט וואס לויפט צווישן עיקערס און העיס/ארשיווא פאר די זיכערהייט פון די פיסגייער



שטיגן פארענדיגט. ווערט געזען איינס פון די נייע הייזער אויף מעליץ אין 'שכונת לעמבערג'

# נייע טראפיק סיגנאל אינסטאלירט אויף עיקערס קאר. מעליץ









היימישע אידן אין די פראסטן אויפ'ן 17 נאך א לייכטע עקסידענט



מרקד על תלת



אפיס שטאק סטרוקטור העכער ביהמ"ד אהל מרדכי ד'טאהש ווערט פארפולקאמט



געטראפן א גרעסערע סכום געלט ביים שארט-קאט צווישן פילמאר און טעילאר קט.



קאמערשאל קאנסטרוקציע מעטאדן גענוצט ביים אלטן ביזנעס צענטער





בית המדרש בית יקותיאל דקיט"ל באקומט א דאך איבערן קאפ



גרויסע טשארדזשינג סטאנציע פאר די עלעקטראנישע דעליווערי
פלאטע פארנט פון שלוימי'ס אויפ'ן רוט 17 עם



היימישע 'מאביל' גאז סטאנציע נעבן 'קארגא' אויפ'ן רוט 17 עם.
אויסשטאפירט מיט געשמאקע עסן געשעפט פאר די עוברים ושבים









הגה"צ אב"ד קרעטשניף בית שמש שליט"א ביי קידוש לבנה
נאכן אפרעכטן געהויבענע שבת בבית מדרשו דא אין שטאט



הגה"צ אב"ד קרעטשניף בית שמש שליט"א פארטיילט
כוס של ברכה ביים מלוה מלכה אין ביהמ"ד בית כהנא דקיט"ל





רט. 208 צייטווייליג אפגעשלאסן נאך עקסידענט




מאדנע סטיקערס און נייע געזעצן זעצט פאר אין נייע אפארטמענט געביידעס - עטליכע
קערידזשעס זענען שוין געווארן 'געטאוט' אויב זוכט איר אייער קערידזש. ס'ליגט אין בעיסמענט



ווילעדזש באס ווערט אוועקגעפירט אויף פאריכטונגען

# בנין יטב לב החדש - רחוב יחזקאל - ירושלים עיה"ק

## דאך פארן זעקסטן שטאק געגאסן דעם ערב חמשה עשר בשבט אין צענטער פון ירושלים עיה"ק



מען ציהט ארויף שטאָק נאָך שטאָק, יעדע חודש א פרישע שטאק ביז'ן גרייכן אַלע 8 מלכות'דיגע שטאָק פונעם בנין של כבוד שמים אין פלטרין של מלך
אינגאנצן לינקס גלייך נאכן קרעין ווערט באמערקט צד דרומית מערבית פון ביהמ"ד אהל רחל אויף רחוב יואל וואס איז איין גאס אוועק פונעם מלכות'דיגן נייעם געביידע



זה לעומת זה: אומגעהויערע שמחה ווען צווישן די גאסן פונעם עיר אלקים המשופלת טוט דער צד הקדושה גאלאפירן מיט ריזיגע בוי פראיעקטן
צו באפעסטיגן און אנהאלטן די חומת ירושלים מיט הייליגע לויטערע חינוך הבנים והבנות כמסורה לנו מדור דור

# כולל אברהם יעקב - ביהמ"ד הגדול וויליאמסבורג



ספעציעלע קאפיעס אויסוואל פון די לימודים פאר יעדן יארגאנג באזונדער



לאנג-יעריגער מנהל הרה"ג רבי משה פריעדמאן שליט"א באאבאכט סדר הלימוד



נייע פרעכטיגע 'היכל התורה' - היכל שמחה דוב איבערגעפילט מיט לומדי תורה פאראנגענעם ליל שישי







# כולל אברהם יעקב - ביהמ"ד הגדול וויליאמסבורג



ביהמ"ד הגדול על כל סניפי' ואגפי' דונערט מיט א קול תורה אין די פריע פארטאגס שטונדן מיט לימוד התורה ברציפות



כ"ק מרן רבינו שליט"א שעפט קורת רוח גייענדיג צווישן די טישן זעענדיג אזעלכע לעכטיגע פרי הילולים



סאטמארער אינגעלעך פילעווען אין חומש-רש"י

הַכֶּתֶ"ר וְהַכָּבוֹד, הַתְּהִלָּה וְהַתִּפְאֶרֶת:

# בוי-ארבעט אנגעהויבן בשעטו"מ אויף נייע מלכות'דיגע "כתר אינזליכט זאַלן" אין די נייע בנינים שע"י מוסדות סאטמאר מאנסי











3 הערליכע שמחה-זאלן ווערן אהערגעשטעלט לטובת הציבור בנדבת לבו הטוב פונעם בארימטן בונה ומקים עולמות של תורה ויראה הנגיד המרומם ר' חיים מרדכי אינזליכט שליט"א

# 4'טע סאטמאר פלייש לאקאציע אין ווילאמסבורג - אויף העריסאן קארנער געגרי



ראה"ק וחברי הנהלת המוסדות אין שפיץ פון הרה"ג ר' לייביש טייטלבוים שליט"א דומ"ץ ביהמ"ד הגדול ובראשות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א ביים מעמד לחיים נאך קביעת מזוזה



הרה"ג רבי אלעזר טייטלבוים שליט"א חדב"ן פון די 'וועד הכשרות' ביים אויפטרעטן ביים מעמד קביעת מזוזה



ריזיגער רחבות'דיגער פלייש געשעפט צו סערווירן המדקדקים בכשרות אויפ'ן העכסטן סטאנדארט



אריינגאנג צום געשעפט אינעם הערליכן לאקאל אויף העריסאן



באקוועמע דעלי אפטיילונג אינעם נייעם געשעפט

# סטעיט נעמט שריט צו אַדרעסירן מאַנגל אין סַקול באָס דרַייווער

אין ליכט פון די מאנגל אין סקול באס דרייווער איבער ניו יארק האט די סטעיט באשלאסן צו איינשטעלן די פעדעראלע פטור וואס ערלויבט סקול באס דרייווער וועלכע נעמען א סי-די-על לייסענס צו איבערהיפן איינע פון די טיילן פון דעם לייסענס, וואס דאס וועט גרינגער מאכן פאר דרייווער צו אריבערגיין דעם טעסט און באקומען די לייסענס.

דער טייל איז באקאנט אלץ די "אנדער-די-הוד" טייל פון די דרייווער לייסענס ראוד טעסט, און איז געצילט צו קענען זיך אן עצה געבן מיט די ענדזשין פון דעם טראק אדער באס.

לויט די אינדוסטריע עקספערן און באאמטע פון די דעפארטמענט אוו מאטאר וויהיקעל וועט דער טויש אראפנעמען א באגרעניצונג וואס האט שווערער געמאכט פאר סקול באס דרייווער פון באקומען דעם לייסענס, און אין די זעלבע צייט וועט עס נישט אפעקטירן די זיכערהייט פון די סטודענטן. די איבריגע טיילן פון די סי-די-על לייסענס וואס איז צו זיכער מאכן אז דער דרייווער קען דרייווען גוט און סעיף, וועלן אבער ווערן ווייטער געהעריג פארלאנגט דורכאויס דעם ראוד טעסט.

דער שריט איז די צווייטע פון די האוקול אדמיניסטראציע מיט דעם ציל צו לינדערן דעם מאנגל אין באס דרייווער. אין 2022 האט די ניו יארקער דעפארטמענט אוו מאטאר וויהיקעל אנגעהויבן א פראגראם צו אויטאריזירן פריוואטע פירמעס צו אדורכפירן קאמערשאל ראוד טעסטס, וואס האט באדייטענד געהעכערט די מעגליכקייט צו באקומען אן אפוינטמענט צו דורכפירן אזא דרייווער לייסענס. אזויפיל ווי 27 פריוואטע פירמעס פירן אצינד אדורך דרייווער לייסענס ראוד טעסט אין ניו יארק.



# גאָווערנאָר שטרייכט אונטער פאָרגעשלאָגענע סטעיט בודזשעט

די ניו יארקער גאווערנאר האט געמאלדן די הויפט פונקטן פון איר פארגעשלאגענע 2025 בודזשעט פון $233 ביליאן דאלאר. דער ציפער איז מיט 4.5 פראצענט העכער פון דעם בודזשעט פון די פארלאפענע יאר. דער בודזשעט טוט אפשפיגלען, לויט ווי זי זאגט, איר צוגאנג צו מאכן ניו יארק א סטעיט וואס איז מער אפארדעבל, מער זיכער און ביליג צו לעבן.

דער בודזשעט פאר דעם פיסקעל יאר 2025 שלאָגט פאָר אַ רייע אינוועסטירונג אין איניציאַטיוון וואס וועט מאכן ניו יארקער מער זיכער. עס נעמט אריין 347 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג אין פראגראמען צו צוריקהאלטן און רעדוצירן גאן געוואלדטאטן, 290 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג צו צוריקשטעלן קרימינאלע יוסטיץ צו פארהאלטן און באשטראפן פארברעכער, 120 מיליאן דאלאר אין העלפן קרבנות פון פארברעכן, 40.2 מיליאן דאלאר צו אדרעסירן גניבות אין געשעפטן, 40.8 מיליאן דאלאר אויף געוואלדטאטן, 35 מיליאן דאלאר פאר די קומענדיגע רונדע פון פארזיכערן געמיינדעס פון האסן פארברעכנס, 5 מיליאן דאלאר צו באצאלן געשעפטן פאר גניבות, 55 מיליאן דאלאר צו שאפן 200 נייע בעטן אין פסיכיאטארישע שפיטעלער, 45 מיליאן דאלאר פאר גייסטישע געזונטהייט קאונסילינג אין שולעס, 43 מיליאן דאלאר צו העלפן הייזער פאר גייסטיש קראנקע, און נאך פילצאליגע אינוועסטירונגען אין עדיוקעישאן.

זייט זי איז אריינגעקומען אין אפיס, זאגט האוקול, האט זי פארמערט סקול פאנדינג מיט אזויפיל ווי 6 ביליאן דאלאר אין די פארלאפענע צוויי יאר. פאר דעם קומענדיגן יאר שלאגט זי פאר צו אינוועסטירן 35.3 ביליאן דאלאר אין סך הכל פאר דעם קומענדיגן יאריגן בודזשעט, וואס איז א העכערונג פון 2.4 פראצענט אדער 825 מיליאן דאלאר פון די פארלאפענע יאר 2024.

די גרעסטע אויסגאבע אין די בודזשעט איז העלט קעיר, וואס טוט אריינרעכענען 35.5 ביליאן דאלאר פאר מעדיקעיד אינאיינעם מיט טוישן אין די מעדיקעיד פראגראם. 315 מיליאן דאלאר וועט ווערן אינוועסטירט פאר אינשורענס סובסידיעס פאר יחידים וועלכע פארדינען ביז 350 פראצענט פון דעם פעדעראלן ארימקייט שטאפל, און וועט פינאנציעל שטיצן שפיטעלער צו מאכן זיכער אז זיי האבן גענוג פלאץ פאר דעם וואוקס און א פארברייטערטע נעץ פון זיכערהייט.

ווייטער רעכענט דער בודזשעט אויס פילצאליגע אינוועסטירונגען אין עקאנאמישע געביטן וואס צילט צו אויפלעבן אדער אנהאלטן דעם סוקסעס פון ניו יארק אלץ דער פינאנציעלער הויפטשטאט אין אמעריקא, און ווייטערדיגע אינוועסטירונגען אין די ניו יארקער טראנזיט סיסטעם און שאסייען. אויך ווילן זיי אינוועסטירן באדייטענדע סומעס אין ריינע ענערגיע און קלימאטן טויש איניציאטיוון.

# איינוואוינער און פּאָליטיקאַנטן אין קארנוואל שטעלן זיך קעגן ווערהאוז אַפליקאַציע

דער פלאן פון די 'טרי-האוז' דעוועלאפמענט צו בויען פיר ריזיגע ווערהאוז געביידעס אויף א שטח פון ארום 200 אקער לאנד לענגאויס דעם רוט 9W אין קארנוואל האט זיך אנגעשטויסן אין הארטע קעגנערשאפט פון לאקאלע איינוואוינער אין פאליטיקאנטן.

די פובליק הירינג איבער דער אפליקאציע איז אפגעהאלטן געווארן פארלאפענעם מיטוואך אוונט אין א שולע געביידע אין קארנוואל. "מיר וועלן קעמפען מיט אונזער גאנצע וועזן דערקעגן, און מאכן דער אפליקאציע א לעבעדיגע גיהנום פאר די אפליקאנטן" האט דער סטעיט סענאטאר סקופיס, וועלכער וואוינט אויך אין די טאון אוו קארנוואל געווארענט ביים זיצונג, צו די אפלאדירונג פון די הונדערטער פארזאמעלטע.

סקופיס טענה'ט אז דער פראיעקט וועט טוישן די פנים פון דעם געגנט און האט זיך באקלאגט אז דער פירמע וועלכע וויל בויען די ווערהאוז געביידעס האבן זיך נישט גערעכענט מיט די לאקאלע איינוואוינער.

דער לאקאלער אסעמבלימאן האט אויך קריטיקירט דעם פראיעקט זאגנדיג אז קיינער וואלט נישט געוואלט וואוינען נעבן א ריזיגע ווערהאוז און אז דער פראיעקט גייט קעגן די אגענדע פון דעם טאון צו אהערשטעלן דעם ארט אלץ א פלאץ וואס זאל ציען טוריסטן און געשעפטן ווי איידער פאבריקן און ווערהאוז געביידעס. ער האט אויך געזאגט אז דער רוט פארמאגט נישט קיין אריינגאנג צו די אינטערסטעיט הייוועי וואס וועט פארשווערן דעם טראפיק אויף לאקאלע שאסייען.

אויך דער טאון סופערווייזער האט זיך אנגעשלאסן אין דעם קעגנערשאפט כאר, צוזאמען מיט לאקאלע איינוואוינער וועלכע האבן זיך באקלאגט איבער פאטענציאלע



גערוישן, פארפעסטיגונג און טראפיק פראבלעמען. דער פלאנינג באורד האט געלאזט אפן די פובליק הירינג צו אויסהערן ווייטערדיגע קאמענטארן איבער דעם פראיעקט.

# רעפערענדום צו גרינדן 'ווילעדזש און עטרת' אריבער כמעט אָן קעגנערשאפט



נאך א לעצט מינוטיגע באשלוס דורך דעם 'סטעיט סופרים קאָורט' ריכטער, סטיווען שיק, צו ערלויבן די רעפערענדום, איבער דאָס גרינדען א נייע ווילעדזש אין די וויזניצער שטעטל אין גיבערס אין סאליוועַן קאַונטי, איז דער רעפערענדום פאראויסגעגאנגען און די אפיציעלע רעזולטאטן האבן געצייגט אן איבערוויגנדע מערהייט פון שטיצע פאר די גרינדונג פון דעם ווילעדזש.

אזויפיל ווי 226 שטימעס זענען געווען אין שטיצע פון דעם ווילעדזש פאָרמירונג, קעגן בלויז צוויי וועלכע האבן זיך קעגנגעשטעלט. אָבער טראָץ די איבערוויגענדע מערהייט דורך וועלכע דער רעפערענדום איז באשטעטיגט געווארן, האבן די קעגנערס נאך נישט אויפגעגעבן אויף זייערע פרואוון צו שטערן דעם ווילעדזש.

ווי עס געדענקט זיך האָט גאווערנער האוקול אונטערגעשריבן פאָריגן מאָנאַט א נייע געזעץ וואס טוט אויפהייבן די מינימאלע צאל איינוואוינער וועלכע קענען באשליסן צו גרינדען אן אייגענעם ווילעדזש. אויב וואלטן די נייע פארשריפטן געווען פעליג פאר די עטרת ווילעדזש וואלט זייער אפליקאציע געווארן צונישט, אבער א דאנק אן אמענדמענט צוגעלייגט צום ביל וועט די ווילעדזש אפליקאציע פאר דעם נייעם וויזניצער שטעטל זיין אויסגעשלאסן פון דעם געזעץ.

צו ווערן אנגענומען ענדגילטיג דארף נאך די גאווערנער'ס אמענדמענט אדורכגיין די סטעיט סענאט און אסעמבלי. וויבאלד די געזעצהייזער האבן דאס נישט אפגעשטימט צייטליך האבן די טאון סופערווייזערס פון פאלסבורג און טאמפסאן באשלאסן צו אפרופן דעם רעפערענדום, טענה'נדיג אז דער געזעץ זאגט אז דער ווילעדזש קען נישט צושטאנד קומען.

אָבער נאכפאלגנדיג דעם אורטייל פון ריכטער שיק זענען די טאון פירער יאָ געווען געצווינגען צו אפהאלטן דעם רעפערענדום וועלכע איז באשטעטיגט געווארן כמעט איינשטימיג. דער געריכט איז נאך ערווארטעט צו געבן אן ענדגילטיגע אורטייל איבער די לעגיטימיטעט פון דעם האוקול אמענדמענט צו די ווילעדזש געזעץ.

# פובליק סעסיעס אָפגעהאַלטן איבער פּלאַן צו צולייגן אַ דריטע ליניע אויפ'ן 17




אין בעפארברייטונג צו דעם סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט באאמטע און זייערע ראטגעבער זענען אראפגעקומען צו א פובליק מיטינג וואו זיי האבן ערקלערט דעם מהלך וויאזוי עס וועט ארבעטן דאס צולייגן א דריטע ליניע אויף דעם רוט 17 אויףביידע זייטן פון דעם הייוועי. אויב אלעס גייט לויט דעם פארגעשלאגענעם פלאן וועט דער פראיעקט זיין פערטיג ארום 2029-2030.

דער דעפארטמענט אוו טראנספארטאציע מענעדזשער האט געזאגט ביים זיצונג אז די ענווייראמענטאל פראסעס האט זיך נארוואס אנגעהויבן, און אז זיי האפן אז ווען עס קומט פרילינג וועלן זיי קענען אריינגעבן דעם איבערזיכט צו די פעדעראלע הייוועי אדמיניסטראציע.

די נייע ליניע איז ערווארטעט צו פארגרינגערן טראפיק, איבערהויפט אין די וואכן פון זומער ווען טויזנטער וואקאציאנערן, צווישן זיי א ריזיגער טייל פון היימישע אידן וועלכע וואוינען אין ניו יארק סיטי, קומען ארויס צו ווייל'ן אין די קעטסקיל בערג און אירע קעמפס און קאלאניעס. געוויסע ענווייראמענטאלע אקטיוויסטן זענען אבער ארויסגעקומען אנטקעגן דעם פראיעקט.

# חסידיי'שע דעוועלאָפּערס אין קעטסקילס געבן אריין צווייטע דיסקרימינאַציע אָנקלאַגע קעגן פאַרעסטבורג




אדוואקאטן וועלכע פארטרעטן אידישע דעוועלאָפּער, וועלכע זוכן צו גרינדען א שטעטל אין די 'טאון אוו פאַרעסטבורג' אין די קעטסקילס, האבן אריינגעגעבן א צווייטע ציווילע אנקלאגע אין די קרייז געריכט אנטקעגן די טאון פארוואלטונג, צוליב די "אנגייענדע דיסקרימינאציע אנטקעגן חרדי'שע אידן וועלכע זוכן צו בויען און קויפן הייזער אין דעם טאון".

לויט דעם אנקלאגע האט די טאון געשטיצט א דעוועלאפער פון טעקסאס צו בויען 2,600 הייזער אויף א ריזיגער שטח פון 2.3 סקווער מייל און געשאנקען א ריזאונינג פאר דעם פראפערטי, אבער ווי נאר עס איז געווארן פארקויפט פאר חרדי'שע אידישע דעוועלאפער אין 2020 האבן זיי געטוישט זייער פאזיציע אנטקעגן דעם פראיעקט, נישט שענקענדיג קיין פערמיטן צו בויען, ארויפלייגנדיג אומפארשטענדליכע געלט שטראפן אויף דעם פראיעקט און אוועקשטעלנדיג פראצעדורן געצילט צו אפשטעלן דעם דעוועלאפמענט.

די אנקלאגע זאגט אז די טאון באורד האט דערמיט געטון פארלעצן די פעדעראלע פעיר האוזינג אקט און די קאנסטיטוציע. דער אנקלאגע איז אין צוגאב צו אן אנדערע אנקלאגע אריינגעגעבן אין דעצעמבער פון 2022. אין סך הכל ווילן די קלעגער אז דער געריכט זאל דערקלערן די נייע געזעצן אלץ אינוואליד און נישט ערלויבן אז עס זאל אינפארסירט ווערן.


מחניך קדוש
ביצור חומת מחנינו מפגעי הטעכנאלאגיע
דקהל יטב לב ד'סאטמאר
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
איין אלע דורות
נאר דער וואס האט זיך געהאלטן
שטארק אנטשלאסן
איז פארבליבן!
מיר בלייבן אנטשלאסן קעגן די טעכנאלאגישע נסיונות!

# קרית יואל וואכנשריפט
KJ · WEEKLY


P.O. Box 113 Monroe NY 10949
845-774-6234
845-501-0246
אדווערטייזמענטס:
Ads@kyweekly.com
נייעס:
News@kyweekly.com
בריוו:
Letters@kyweekly.com
מעיילינג אדרעס טויש:
MailingList@kyweekly.com


**נייעס און באריכטן פון קהילות, מוסדות, און וואוילטעטיגע ארגאניזאציעס, מוז אַריינגעשיקט ווערן דורך אי-מעיל, און דערנאָך זיך פאַרבינדן מיט׳ן אָפיס פאַר באַשטעטיגונג.**

די מיינונגען פון שרייבער אין אונזער אויסגאַבע, ווי אויך בריוו אין דער רעדאַקציע, שטעלן נישט פאָר די מיינונג פון די רעדאַקציע.

מיר טראָגן נישט קיין אחריות פאַר די כשרות פון אַרטיקלען און פראָדוקטען וואָס ווערן אַדווערטייזט אין אונזער צייטונג.


KJ Weekly (USPS #22640) is published weekly by Vuchenschrift Inc. "Periodicals Postage Paid at Monroe, NY" Postmaster: Please send address changes to KJ Weekly, PO Box 113 Monroe NY 10949


## אינהאלט


מבצרי הישיבות 34
לוח הלימודים בחבורות זכרו 40
בדרך התורה נלך 42
דבי מדרשא 44
משמרת חומותינו 50
שריפט צום וואכנשריפט 58
חסד מעסטערס באקס 62
געזען און געהערט 64
אן ענין אויף דער פרשה במשנתו של רבינו 70
זמני בית הוראה 72
שאלת חכם 74
די תפיסה וועגט פארצייילן 78
בילדער זייטן 80
אלגעמיינע באריכטן 92
לוח הזמנים לעיר קרית יואל 95
וועטער פון קרית יואל 95


## זמנים

| הדלקת הנרות | סוף זמן קר"ש | מוצאי שב"ק |
|---|---|---|
| 4:50 | 9:05 | 6:19 |

## וועטער

| פרייטאג | שב"ק | זונטאג |
|---|---|---|
| 49/36 רעגן | 47/34 פארוואלקנט | 38/25 רעגן |


Orange Collision Inc.
אין פאל פון אן עקסידענט ח"ו, רופט גלייך:
24 Hour Towing | Car Rental | Auto Body Repair
845-782-2426

WE KNOW MENSWEAR
MEN'S CORNER
New location: 10 MORDCHE SCHER BLVD
Free delivery 845.782.6756

TESTING · RAPID COVID
elite healthcare
8 TO 8
We've extended our hours.
Mon-Thurs 8:00 AM - 8:00 PM
Sun 9:00 am - 8:00 pm Fri 8-2 hrs to the zman
845.782.4000 | 14 RAYWOOD DR MONROE, NY 10950
In addition to our primary care appointments, we're now offering
WALK-INS
For acute sick visits
No need to change PCP
(for most insurances)

די נומער פאר אלע אייערע שמחות!
845 782.1340
בעדן תדוותא
טראנספארטאציע רוטס אינפארמאציע
845.782.1340 #1 רעגולער #9 דרויסן

845.204.8138 | contact@berryslandscapingny.com
Berry's LANDSCAPING

USEFUL
USE YOUR SPACE FULLY
CUSTOM CLOSETS
845.210.6610 • sales@usefulny.com

בס"ד
HAMMER BY THE HOUR
Moving? Renovating? Choson/Kallah Apartment to Complete? Or Left with Odds n' Ends to do?
Save Time and Money by Renting a professional per Hour or Day for all Handy work, Shelving and Basic Plumbing/Electric Work
Call Now to Customize your own Hour or Day:
845.662.4444

HANDYWORK MONROE INC
for a complete job, well done
יואל זאב שווארץ
845-248-3585

FishDirect
from the ocean to your table
845.253.8040 | מרדכי יואל בראון

בס"ד
kj vitamins & health food
פרייז רעליוועט
845.783.8711
21 Hayes Ct.
we carry all major brands

AWR WINDOWS
REACH US AT: 845.774.6495
SERVICE@AWRWINDOWS.COM

COLORIFIC
845 783.6863

Upstate Collision
LEASING | RENTAL | COLLISION | 24 HR TOWING
845.599.9000 | AFTER HOURS: 845.500.1400

בס״ד



JEWELRY MASTER

**MONROE, NY**
BUSINESS CENTER II / UNIT # 204
52 BAKERTOWN RD.
MONROE, NY 10950
845.782.6365

**BROOKLYN, NY**
THE W MALL / UNIT 114
347 FLUSHING AVE.
BROOKLYN, NY 11205
718.400.1210